STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06360

TSVISHN HIML UN VASER

Herz Bergner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צו פֿריינט רבקה ווײַנרויב,
לזכרון
הערש [illegible]
מאָנטרעאַל, יולי 1951

הילע — וו. ג. אָקאָנאָר.
דרוקעריי פון א. מאַלער, מעלבורן, אויסטראַליע.

צווישן הימל און וואַסער

H. BERGNER

ZWISHN HIML UN WASER

OYFBOY PUBLISHING CO.
MELBOURNE, AUSTRALIA
1947

Printed by Excelsior Printing Works,
634-636 Burwood Rd., Hawthorn East, Melbourne, Aust.

הערץ בערגנער

צווישן הימל און וואַסער

(ראָמאַן)

פאַרלאַג „אויפבוי"

מעלבורן — 1947

I

שוין די פינפטע וואָך ווי די אַלטע און ברודיקע גריכישע פּראַכט־שיף האָט זיך מיד און אָן כוחות געשלעפּט איבער די צעכוואַליעטע וואַסערן און קיין ברעג האָט מען אַלץ נישט געזען. די שיף האָט געסאַפּעט, געקרעכצט פון אַלטקייט, זיך געלאָזט וואַרפן פון די גרינגע כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געשפּילט מיט איר, ווי יונגע קינדער מיט אַ זקן, אַן עובר־בטל. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די שיף האָט פאַרלוירן דעם וועג און וועט זיך שוין אַזוי אייביק אויפן ים שלעפּן. מ׳האָט מער נישט געזען ווי הימל און וואַסער, און די יידן אויף דער דעק זענען שוין מיד געווען פון קוקן כסדר אין דער ווייטקייט אריין, טאָמער וועט פון ערגעץ אַרויסשווימען אַ פּאַס לאַנד. די יידן האָבן זיך צוגעוווינט צו דער זון, וואָס האָט בייטאָג געבלאַנקט מיט אַזאַ ווייסקייט, אַז מ׳האָט נישט געקענט אָפּן האַלטן די אויגן, פּונקט ווי זיי האָבן זיך צוגעוווינט צו דער פינסטערניש ביינאַכט, ווען איינער האָט נישט דערקענט דעם צווייטן. דער באַפעל, אַז מ׳טאָר נישט אָנצינדן ביינאַכט קיין ליכט, אפילו קיין שוועבעלע נישט, איז געקומען באַלד, ווען די שיף איז ארויסגעשווומען אויפן ברייטן ים אַרויס . . .

אין די פינסטערע נעכט, בעת קיין לבנה א־ז אויפן הימל נישט געשטאַנען, האָט זיך צו דער שיף צוגעקלעפּט אַזאַ געדיכטע שוואַרצקייט, ווי סמאָלע. די שיף האָט זיך פּאַוואָליע געשלעפּט, ווי אַ שוואַרצער ארון. די יידן האָבן זיך דעמאָלט פאַרלוירן געוואָגלט אויפן דעק, אויף די שמאָלע, אויסגעריבן־גליטשיקע שטיגעלעך, וואָס האָבן זיך געדרייט ווי שרויפן. זיי האָבן מיט די הענט בלינד געטאַפּט אין דער פינסטערניש, אַרויף איינער

צווישן הימל און וואסער

אויפן אנדערן, זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. די מענער האָבן ארומגעזוכט זייערע ווייבער און די ווייבער זייערע מענער. קינדער, וואָס האָבן פארלוירן זייערע מאמעס, האָבן זיך געריסן אין דער פינסטערער נאכט, אָנגעוואָרפן א מורא מיט זייערע דערשראָקענע קולעכלעך:

— מא־א-מע!... — האָבן זיך די קינדער געריסן — ווו ביזטו, מאמעליו!...

גוטע פריינט, וואָס האָבן ביטאָג גאנצע שעהן געשמועסט צווישן זיך, זענען פארביי זיך דורכגעגאנגען, ווי פרעמדע, מיט אומצוטרוי זיך אָפּגעטרעטן דעם וועג און ערשט אין די שטימען דערקענט איינער דעם צווייטן. דאָס באקאנטע קול האָט א וואַ־רעם געטון, צוגעצויגן צו זיך און דערפרייט, ווי מ׳וואָלט מיט־אמאָל געפונען א טייערע לאנג־פארלוירענע זאך:

— דאכט זיך, אז פאביאש?... איאָ?... — האָט איין ייד אָפּגעשטעלט דעם צווייטן, אָנגעטאפּט אים פּאָרזיכטיק מיט די הענט, זיך איינגעקוקט אין אים פון דער נאָענט, ווי א קורציכ־טיקער — דאכט זיך, אז כ׳האָב נישט קיין טעות?... האָ?

— יאָ... יאָ... געטראָפן!... דאָס בין איך טאקע, פאביאש!... אָבער ווו קריכט דאָס א ייד אזוי שפּעט ביינאכט אין אזא חושך!... ס׳איז דאָך סכנות-נפשות!... די פינסטערניש קען מען אָנטאפּן מיט די הענט!...

כאָטש דער קאפּיטאן האָט געהייסן זיצן אין די קאבינעס, זיך גיין לייגן פרי שלאָפן, האָט קיינער נישט געקענט איינזיצן אויף אן אָרט — ס׳האָט יעדן געטריבן ארויס. ווער האָט דאָס געקענט זיך גיין אזוי פרי לייגן? ס׳איז דאָך פון טאָג צו טאָג געוואָרן ערגער! איבער נאכט זענען געבוירן געוואָרן נייע גזרות, געקלעפּט אויף די אָפּגעקראָכן־אלטע, ברודיק-פארפעצטע ווענט פון דער שיף, געשריגן מיט אומהיימלעך־גרויסע, אויף דער גיך אָנגעוואָרפענע, אומגעלומפּערטע אותיות. אָט האָבן זיך די יידן אין איין שיינעם טאָג אויפגעהויבן און אויף די ווענט געטראָפן אין דער איילעניש צוגעשניטענע פלאקאטן פון פראָסטן פּאַק־פּאפּיר, וואָס האָבן נאָך פריש געשמעקט מיט טינט, און באפוילן,

צווישן הימל און וואסער

מען זאל נישט נוצן קיין וואסער. מען זאל נוצן דאס וואסער בלויז אין נויט־פאלן צום טרינקען. עסן האט מען געגעבן מער נישט ווי צוויי מאל אין טאג און דאס ביסל געקעכץ איז פון טאג צו טאג געווארן קלענער און איינגעשרומפענער. פונדרעסטוועגן האבן די פלאקאטן געווארנט דעם עולם זיך צו פארהאלטן רואיק, נישט ארויסצורופן קיין פאניק.

די לעצטע ווערטער, אגעשטאט צו בארואיקן, האבן נאך מער געשראקן, אנגעווארפן נאך א גרעסערע מורא און דער עולם האט גענומען דרינגען, אז ס'איז מן־הסתם זייער ביטער. מ'וויל גארנישט אויסזאגן, ווי ביטער ס'איז! מ'האט צוביסלעך אינגאנצן אויפגעהערט צו קוקן אין דער זייט אריין, ווו די גזרות זענען איבער נאכט ארויסגעשפרונגען, מורא געהאט פאר די פרישע צרות, און כדי זיך אביסל צו בארואיקן, איז מען נישט־געבעטנערהייט געקראכן איינער צום אנדערן אין די קאבינעס אריין. די יידן האבן גערעדט וועגן די אלע מדינות, ווו ס'איז זיי אויסגעקומען זיך צו וואלגערן, זינט זיי זענען אנטלאפן פון דער היים, און זיך איבערגעשטיגן אין די בקיאות וועגן דעם נייעם לאנד אויסטראליע, ווו זיי פארן איצט. כאטש קיינער האט נישט קיין סך געהערט וועגן דעם נייעם לאנד, האט פונדעסטוועגן יעדער איינער געוווסט צו דערציילן פלאי־פלאים וועגן די מענטשן דארט, וועגן דעם פירעכץ און מנהגים און טאקע וועגן דעם לאנד גופא...

פאביאש, א קליינער און א רירעוודיקער יונגערמאן, וואס ווייסט שטענדיק מער פון אלעמען און קיין שום זאך אין דער וועלט קען אים שוין מער נישט איבעראשן, ווייל ער האט שוין אלץ פון פריער געהערט און געוווסט, האט געהאט א פולן בויך מיט ידיעות וועגן אויסטראליע. ער ווייסט געניי, אז דאס לאנד, וואס איז ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט ים, האלט זיך אויס פון פיש, וואס מ'כאפט איבער דער גאנצער וועלט... אבער ר' זיינוול ראכמאן, וואס האט קיינמאל נישט געליטן פאביאשעס גרויס־האלטן זיך און אויסגעשפאכט מיט דער האנט זיין בקיאות אין אלץ, האט שטענדיק געזוכט עפעס א זאטשעפקע, כדי צו ווייזן, אז פאביאש ווייסט גארנישט און איז מער נישט

צווישן הימל און וואסער

זוי א פלאַטער־קאַפּ און אַ גרויסער פּלוישער. ער האָט מאַקע פאַביאַשן איבערגעשפּאַרט, געמאַכט אים אויסצודרייען און געזאָגט, אַז אין דער מדינה לעבן נאָר די מענטשן פון האַלז. אַזוי־ווי דאָס לאַנד איז נאָך ווילד און פאַרמאָגט אַ סך וועלדער, לעבן די מענטשן דאָרט פון האַלז, וואָס זיי צעשיקן ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק...

דערהערט אַזעלכע דיבורים, האָט עס דער פרוי האָדעס, אַ וואַרשעווערין פון דער היים, וואָס האָט שטענדיק שטאָלצירט מיט איר גרויסשטאָטישקייט, אַ הייב געטון פון אָרט. זי האָט געזאָגט, אַז נישט פאַביאַש און נישט ראַכמאַן ווייסן וואָס זיי רעדן. דאָס לאַנד האַלט זיך אויס נישט פון פיש און נישט פון האָלץ. אויסטראַליע איז אַ מדינה פונקט ווי אַלע אַנדערע מדינות מיט אַ סך גרויסע שטעט. זאָל ר' זיינוול ראַכמאַן און פאַביאַש נישט דרייען קיין ספאָדיק און מאַכן פון אויסטראַליע עפּעס אַ מדבר.

און כדי צו ברענגען אַ ראיה צו אירע רייד, האָט זי באַלד גערופן אירע צוויי טעכטערלעך, וואָס זענען אין שקאָלע געגאַנגען און ווייסן אויך עפּעס. מיט די קינדער האָט זי זיך שטענדיק ליב געהאַט צו באַרימען און פאַרצושטעלן, צי ס'איז געווען אויפן אָרט, צי נישט, געהאַלטן שטאַרק פון זייער גערעכטנקייט...

אָבער די טעכטערלעך, נאָך גאָר יונגע קינדער, האָבן זיך נישט צוגעהערט צו דער מאַמען און זענען צו איר נישט צוגעקומען. ווי שטענדיק זענען זיי פאַרטון געווען אין זייער ליאַלקע, מיט וועלכער זיי האָבן זיך אַרומגעפירט פון אינדערפרי ביז ביינאַכט. די ליאַלקע איז געווען דאָס איינציקע פאַרמעגן זייערס, וואָס זיי האָבן אַרויסגעראַטעוועט אין דער גרויסער בהלה, בעת די שטוב זייערע איז חרוב געוואָרן און יעדער האָט געכאַפּט אין די הענט אַריין וואָס ער האָט נאָר געקענט און אַנטלאָפן קוים מיטן לעבן. זיי האָבן געכאַפּט די ליאַלקע. איצט איז שוין די ליאַלקע אַלט און אָפּגעריבן, מאַכט שוין מער נישט צו די אויגן בעתן שלאָפן און לאָזט שוין מער נישט אַרויס קיין דערשראָקענעם קוויטש, אַז מ'טוט זי אַ דריק ביים בייכל. אָבער די מיידע-

לעך האָבן זיך נישט געשיידט מיט איר, געשלאָפן מיט איר צוזאַמען, געפירט זי ביי די הענטלעך שפּאַצירן, ווי אַ קליין קינד. און דאָס ייִנגערע מיידעלע האָט גערעדט אין דער ליאַלקע אַריין די זעלבע רייד, וואָס די מאַמע רעדט צו איר אַלעמאָל בעת זי דערזעט זי און דערפרייט זיך אויפסניי, וואָס זי איז ניצול געוואָרן פון אַלעם בייזן און געפינט זיך שוין איצט אויף אַ זיכער אָרט:

— פּאָטשיעכע מיינע!... אוצר מיינער!... — האָט דאָס קינד געפּיעשטשעט די ליאַלקע, פּונקט ווי די מאַמע פּיעשטשעט זי — אַ ברכה אויף דיין קעפּל!... ס'האַרץ וואַקסט אין מיר ווען כ'קוק דיך אָן... און ס'האָט דאָך נישט געפעלט קיין האָר, כ'זאָל דיך שוין מער נישט האָבן!... אָבער ווו איז דיין טאַטעליו, ווו!?... ווו איז אַהינגעקומען דער לאַכטיקער שפּייזער מיינער?... גאָט געטרייער אין הימל...

ביי די לעצטער ווערטער האָט די קליינע פאַרבראָכן מיט די הענטלעך, פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל און זיך געמאַכט ווישן די טרערן מיטן טיכעלע, פּונקט ווי די מאַמע טוט דאָס.

די קינדער זענען געווען גאַנצע טעג פאַרנומען, פאַרקאָכט אין זייער אייגענער וועלט, אַרומגעיאָגט זיך איבער דער דעק, זיך אַזוי צוגעוווינט צו דער שיף, צום אייביקן וואַסער, צום הימל, אַז זיי האָבן שוין מער נישט געדענקט אין קיין יבשה. בלויז די גרויסע האָבן געזוכט אין דעם ווייטן מרחק, אין דעם הימל, אין דעם וואַסער, וואָס האָט שוין אַזש אָנגעהויבן צו שווינדלען אין אויג. זיי האָבן געליטן פון דער ים־קרענק, געבראָכן מיט דער גרינער גאַל, נישט געהאַט מער קיין כוח דאָס אַלץ איבערצוטראָגן. ר' לייזער דער שפּייז־קרעמער האָט געזאָגט תהלים, געלערנט פון אַ ספר אַרויס, געטענהט, אַז אַ ייִד טאָר נישט פאַרלירן דעם בטחון ביז צו דער לעצטער רגע. אַ ייִד דאַרף האָבן אמונה, גלויבן אין דעם אייבערשטן! ער האָט געזאָגט אויף זיך, אַז ער האָט נישט מורא פאַרן טויט, ווען דאָס איז דעם אייבערשטנס רצון, ווען דאָס איז אים אָנגעצייכנט מן השמים. ס'איז אים בלויז אַ שאָד, וואָס ער וועט נישט קענען קומען צו

קבר־ישראל... און פאביאש האט געשריגן, אז נישט אין דער היים, ווו מען האט חרוב געמאכט זיין שטוב, צוגעראבעוועט ביי אים אלצדינק, צעטרעטן מיט די פיס און איבערגעלאזט אין איין העמד, איז אים באשערט געווען צו שטארבן, נאר דא אין ים. ס'הארץ רייסט אים, אז ער קוקט אויף זיינע שוואלבן. מילא ער יאס ער, אבער וואס זענען זיי נעבעך שולדיק? אז די וואסערן זענען נישט זיכער און דער קאפיטאן, דער גריך, זעט עפעס אין זיינע אויגן נישט אוים צו זיין קיין גריך. ער וויל עס גארנישט פארן מויל ברענגען, דער קאפיטאן זעט אוים צו זיין א דייטש, א שונא־ישראל! אז דער ערל גייט ארום בייז, שוויגט און שוויגט!

אין איין שיינעם טאג איז פאביאש געקומען צולויפן הענדום־פענדום אראפ צו די יידן אין די קאבינעס אריין מיט א געשריי:

— ס'איז א מעשה אן א סוף!... כ'קען שווערן, אז די שיף גייט צוריק!... כ'האב אליין געזען מיט מיינע אויגן, ווי די שיף האט זיך אויף צוריק פארקערעוועט! אז כ'האב שטענדיק גע־טענהט, מ'דארף קוקן דעם קאפיטאן אויף די הענט! מי־יודע ווו דער ערל גייט אונז פארשלעפן!... אז ער וויל דווקא אומ־ברענגען דאס ביסל יידן!... יעך קען איינליינגן וויפיל, אז דער גוי איז א דייטש!... ער איז אזוי א גריך, ווי יעך בין א טערק!...

די יידן, וואס זענען ארומגעגאנגען ווי נעבטיקע, צוגעגעבן זיך אליין קוראזש, נישט פארשטאנען, וואס די שיף שלעפט זיך און שלעפט, זענען געבליבן דערשראקן, באלד אבער ארוים מיט א טענה צו פאביאשן. דער עיקר האבן אבער א גרויסע טענה געהאט צו אים די ווייבער:

— בייסט אייך אפ די צונג!... — האבן זיי אלע מיטאמאל געשריגן — אז א מענטש האט איינגענומען פלוידער־וואסער, גייט ארום און בעבעט, ווי א יידענע! קוקט אים נאר אן דעם העלד!... א שיינער מאנספארשוין זענט איר!... אויך מיר א מאנספארשוין צום טיש!...

פאביאש האט זיך נישט געקאנט מער ארויסדרייען פון די ווייבער, זיך שוין מער נישט ארויסגעכאפט מיט אווארט, ארומ־געגאנגען און געשטיקט אין זיך. ער האט נישט געענטפערט

אפילו דעם באַרימטן וואַרשעווער דאָקטאָר, דעם האַלבן עובֿר־בטל, מיט דער גרויער פּאָלקע און מיט די גרויע, שטאָלציע, פּריציש־דיקע וואָנסעס, וואָס האָט אים געהאַלטן אין איין פֿאַר־טשעפּען. דעם באַרימטן וואַרשעווער דאָקטאָר האָבן די דייטשע סאָלדאַטן דערמאָנט מיטאַמאָל אין זיין ייִדישן אָפּשטאַם, גערופֿן אים שמוציקער „הונדקערל" און „זאַו-יוד" און ביי אים אין דער וווינונג, אין זיינע אויגן, אויפֿגעהאָנגען דעם איינציקן זון זיינעם. זינט דעמאָלט האָט זיך דער דאָקטאָר אויפֿגעהערט צו וואַשן, צו קעמען די שטענדיק זאָרגפֿעלטיק־געפֿלעגטע פּאָלקע זיינע, אַרומ־געגאַנגען פֿאַרוואָרלאָזט, מיט אַן אָפּענעם קראָק און מיט אַ האַלבן עובֿר־בטלדיקן שמייכל אויפֿן פּנים. דאָס ווייב זיינס איז אייביק נאָך אים נאָכגעלאָפֿן מיט אַ נאַס האַנטוך, ווי נאָך אַ פּיצל קינד, כּדי אים אָפּצווווישן דאָס פּנים און די הענט. אויף דער שיף האָט זיך דער דאָקטאָר געטוליעט צו די ייִדן, רק געטאַפּט די קינדערלעך ביי די קעפּלעך, געהאַט כּסדר גערולד אויסצוהערן די ווייבערישע קרענקן און געמאַכט מיט פּאַביאַשן אַלעמאָל דאָס זעלבע הלצהלע:

— ס'גלוסט זיך נישט, פּאַניע פּאַביאַש, צו מאַכן איצט אַ נורעק אין ים אַריין... הע?... ס'וואַסער מוז זיין נאַס...

דער דאָקטאָר האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, געקוקט אים פֿאַרשנדיק אין פּנים אַריין מיט זיין נאַריש, גוט שמייכעלע, דער־ציילט עפּעס וועגן זיין איינציקן זון, פּונקט ווי וועגן אַ לעבעדיקן און בעת־מעשה אָנגעוויזן אים מיט אַ יונג גלוסטיק פּייערל אין די טרערנדיק־אַלטע אויגן אויף דעם פּאָרל, וואָס האָט זיך נישט געמישט צו קיינעם, געווען פֿאַרטון אינגאַנצן מיט זיך. פֿון דעם פּאָרל האָט די גאַנצע שיף גערעדט, זיך געחידושט, וואָס אַ מאַן מיט אַ ווייב, שוין נישט גאָר קיין יונגע, שיידן זיך נישט איינער פֿון אַנדערן, קוקן זיך אַזוי פֿאַרליבט אין די אויגן אַריין, ווי אויפֿצומאָרגנס נאָך דער חתונה.

און נאַטאַן און אידע זענען טאַקע פֿאַרנומען געווען מיט זיך, פֿאַרטון אין זייער אומגליק, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיי אַזוי פּלוצים. און אפֿשר איז דאָס נישט אַן אומגליק,

אַזוי לאַנג ווי זיי קענען נאָר זיצן אַזוי נאָענט פון זיך. באַהאַלטן און טיף־פאַרגראָבן האָט דאָך געטליעט אַ פרייד אין זיי. און זיי האָבן די פרייד דערשטיקט אין זיך, דערוואָרגן, זיך אַליין געזידלט פאַר זייערע זינדיקע מחשבות. אָבער די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבן זיך געשלעפּט צוזאַמען, זענען זיי פונדעסטוועגן נישט אָפּגעטרעטן איינער פון צווייטן, געהאַט אַ פאַרטיקן תירוץ, אַז דווקא איצט, אין דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט זיי ביידן געטראָפן, מוזן זיי אַכטונג טון אויף זיך. אויך אין גריכנלאַנד ביי דעם יידישן סוחר, וואָס האָט זיי אויפגענומען מיט אַזאַ ברייטער האַנט, געגעבן זיי אַ דאַך איבערן קאָפּ און מיט געוואַלט זיי אויפגעזעצט אויף דער שיף, האָבן זיי זיך צוזאַמען געהאַלטן. די גאַנצע צייט, וואָס די שיף האָט זיך געשלעפּט, געסקריפּעט מיט איר פאַרזשאַווערטן אינגעווייד, זיך געוויגט אויף די צעשטורעמטע וואַסערן, ווי אַן אַלטער צעבראָכענער קאַסטן האָט נאַטאַן נישט אָפּגעלאָזט אירען אפילו אויף קיין איין מינוט. זי קען זיך נאָך חלילה אַ מעשה אָנטון! אין איר גרויסן אומגליק מוז זי אים האָבן פאַר אַן אָנשפּאַר. און נאַטאַנען איז גוט געווען צו זיצן אַזוי נאָענט פון אירען, פון גאָרנישט טראַכטן און אין זינען האָבן בלויז איין זאַך, אַז די שיף זאָל זיך אַזוי שלעפּן און שלעפּן און זיך קיינמאָל צו קיין יבשה נישט דערשלעפּן, ווו ער וועט אויפסניי מוזן אַריינקריכן אין לעבן אַריין מיט די אַלע צרות און דאגות. בעסער זאָל די שיף שוין אַזוי אייביק בלייבן אויפן ים...

אין די לבנהדיקע נעכט זענען זיי געזעסן נאָענט צוגערוקט, געקוקט אין וואַסער אַריין, געזען, ווי די לבנה ברעכט זיך אויף די כוואַליעס אויף קליינע שערבעלעך, גיסט זיך, ווי צעשמאָלצן זילבער, טיף אין די אָפּגרונטן אַריין. און בשעת דער ים האָט געשטורעמט, ווילד געשריגן און געברומט, געעפנט ריזיקע פּיסקעס, ווי טיפע תהומען, געבויגן די שיף, דאָ אויף רעכטס און דאָ אויף לינקס, זי פאַרדעקט מיט די שוימיקע וואַסערן, זענען זיי נישט אַנטלאָפן אין די קאַבינעס אַריין. זיי האָבן זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, געזען, ווי ס'איז מיטאַמאָל פינסטער געוואָרן, אַ נעפל האָט אַרומגענומען דעם ים, צוזאַמענגענאָסן אים

מיטן הימל אין איין שטיק רויך. בליצן, ווי פייערדיקע רוטן, האָבן געשניטן, געשפּאָלטן דעם שווער־אָנגעפּעלצטן הימל, זיך געוויקלט ווי ברענענדיקע שלאַנגען און אַלעמאָל די פינסטערניש אָנגעצונדן, געלאָזט די וועלט שטיין אויף אַ רגע אין אַ פלאַם־פייער. דער ים האָט געוואָיעט, געהיילט, געברילט, מיט טויזנטער קולות געשריגן פון די טיפענישן, זיך פאַרגאַנגען אַלעמאָל העכער און העכער. דונערן האָבן זיך טויב געקייקלט איבער די הימלען, זיך געשיט, ווי מען וואָלט גרויסע געשמידטע פּעסער ערגעץ געקוילערט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט טרייסלט זיך, ברעכט זיך... נאַטאַן און אידע זענען געשטאַנען אין אַ ווינקל, ליב געהאַט זיך צוצוקוקן צו דעם ווילדן שפּיל, כאָטש אין קאָפּ האָט שוין זייער שטאַרק געשווינדלט, אַלץ האָט פאַר די אויגן געטאַנצט, געשפּרונגען, זיך געדרייט. זיי זענען געשטאַנען הינטער דער צוים פון שטריק, וואָס האָט זיך געצויגן לענג־אויס דער דעק, כדי נישט צוצולאָזן קיינעם דאָרט־אַהין, ווו דאָס וואַסער האָט כסדר אַרויפגעכלאַפּעט. אַלע האָבן געליטן פון דער ים־קרענק, נישט געהאַט מער וואָס אויסצוברעכן, אַרומגעגאַנגען, אָדער געלעגן האַלב־פאַרחלשט, בלויז זיי האָבן זיך עפּעס נישט געפילט אַזוי שלעכט און געקוקט דער סכנה גלייך אין די אויגן אַריין.

יעדעס מאָל, בשעת אַ כוואַליע האָט זיך מיט אַ ווילד געברום צוגעקייקלט צו דער שיף, ווי זי איינצושלינגען, האָט זיך אידע מיט גרויס שרעק צוגעטוליעט צו נאַטאַנען. ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך מיט אַ סך פאַרזיכטיקייט און צערטלעכקייט און דערפילט דעם זעלבן אומרו, פונקט ווי דעמאָלט, מיט יאָרן צוריק, בעת דער פאָטער אירער האָט זי געשלאָגן און ער האָט זי אַרויסגעריסן פון זיינע הענט און זי איינגעשטילט. ער האָט דעמאָלט געגלעט אירע צעפּלאָשעטע האָר, אירע וויינענדיקע מיידלעריש־ווייכע אַקסלען, געשפּירט ווי אירע הייסע טרערן ברענען אים די פינגער, פילן אים אָן מיט אַ ציטער, ציגדן אים אָן אינגאַנצן. אויך האָט אידע דערפילט דעמאָלט אַז נאַטאַן איז איר ווייט נישט גלייכגילטיק. כאָטש נאַטאַן איז געווען איר עלטערער שוועסטערס מאַן, האָט זי זיך אַלעמאָל שטאַרקער איינגענורעט אין אים און געזוכט

ביי אים שוין. זי האט געוואלט, אז זיינע גלעטן זאלן גאר קיינמאל נישט אויפהערן. זיי האבן אזוי אנגענעם־זיס געהיילט די ווייטיקן און די בושה, וואס דער טאטע אירער האט זי, א כלה־מיידל שוין, אין זיינע אויגן געשלאגן...

אויך איצט אויף דער שיף, וו דער גורל האט זיי ביידע, ווי אויף צולהכעיס, פארזואגלט, האט זיך אידע געפילט גוט לעבן נאטאנס זייט, כאטש זי האט דאס נישט געוואלט מודה זיין, פארשריגן אין זיך דעם אמת. פונקט ווי אידע האט נאטאנען דערמאנט אין זיין הייב, אין זיין ווייב און קינד, אזוי האט נאטאן אידען דערמאנט אין דער היים, אין איר מאן און קינד. זיי האבן זיך ווייניק געמישט צו די אלע מענטשן אויף דער שיף, געזעסן באזונדער, פארטון אינגאנצן אין זייער גרויסן צער. כאטש אידע האט זייער אפט נאטאנען נישט געוואלט זען און געזעסן ביי זיך אין דער קאבינע, האט אבער נאטאן זי כסדר אויפן אויג געהאט, געפילט, אז ער טאר זי איצט נישט פארלאזן. און אז דער ים האט געשטורעמט, איז נאטאן דווקא באשטאנען אויף דעם, זי זאל בלייבן מיט אים אויפן דעק, דאס וועט איר מאכן פארגעסן אביסל אין די צרות, זי אביסל בארואיקן. אין דער סכנה האט נאטאן נאך מער ווי אלעמאל געפילט ווי אידע איז אים נאענט, ווי זי דערמאנט אים אין זיין ווייב און קינד, וואס זענען פארלוירן געווארן ערגעץ אויפן וועג, בשעת זיי זענען פון דער היים אנטלאפן. ער האט געפילט דעמאלט, מער ווי אלעמאל, ווי אידע דערמאנט אים אין די אמאליקע יארן, ווען זי איז נאך א מיידל געווען און זיך ארומגעדרייט, ווי א פרעמדע, אין זיין שווערס שטוב, וואס האט זיך די לעצטע צייטן שטארק געוואקלט און דער דייטש האט זי שוין צו דער רעשט אפגעווישט, אפגעמעקט אינגאנצן...

II

געווען איז דאָס מיט יאָרן צוריק, דעמאָלט נאָך אין וואַרשע אויף דער פּראַנציסקאַנער, ווו נאַטאַנס שווער האָט געהאַט אַ לעדער־קרעמל, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער שטוב. ער, נאַטאַן, איז געווען אַ סטודענט, וואָס האָט שוין לאַנג אויפגעגעבן דאָס שטודירן, ווייל ער האָט שוין מער קיין כוח נישט געהאַט צו הונגערן און זיך געמוזט אַרומזען וועגן עפּעס אַ תכלית. אָבער דער נאָמען „סטודענט" איז אים שוין געבליבן לעולם־ועד. מיט דעם נאָמען האָט מען אים גערופן ביים שווער אין שטוב און מיט דעם נאָמען האָבן אים גערופן די שכנים — אפילו די קינדער אין הויף:

— נאַטאַן, יאַנקלס איידעם, דער סטודענט מיט די הויזן צעטרענט...

קיינמאָל האָט נאַטאַן שוין נישט געקאָנט פון דעם נאָמען פּטור ווערן, כאָטש ער האָט דאָס געגאַרט, געוואָלט פאַרווישן אַלע סמנים פון זיין אַמאָליק סטודענטישקייט. אָבער מען האָט אים נישט געלאָזט די סמנים פאַרווישן. ווייל אָט דער שווער זיינער, אַ האָרעפּאַשנער, געזונטער ייד, וואָס האָט אים אין די אויגן אַריין געחוזקט פון זיין סטודענטישקייט, האָט הינטער זיינע אויגן זיך געריממט זייער דערמיט און זאָל גאָט שומר ומציל זיין טאָמער האָט ווער אַ שלעכט וואָרט געזאָגט וועגן אים. נאַטאַן האָט געוווסט, אַז הינטער זיינע אויגן, גרויכט זיך גאָר דער שווער מיט זיין „טיליגענטנעם" איידעם פאַר אַלע פראָווינצער סוחרים, וואָס קומען צו אים אין קראָם אַריין. ער שלעפּט אַרויס דאָס סטודענטישע היטל, וואָס ער, נאַטאַן, האָט עס שוין פון לאַנג פאַרוואָרפן, בלאָזט עס אָפּ פון שטויב, גלייכט אויס דאָס האַלב-

צווישן הימל און וואסער

אפּגעפּליקטע גאָלדענע בענדל, פּוצט אָפּ מיט אן ארבל דעם גלאַנ־ציק־לאַקירטן דאשיק... ער האַלט דאָס היטל לאַנג אין דער האַנט, ווי עפּעס אַ טייערן אַנטיק, ווייזט עס אַלע... דאָס איז אָבער אַלץ געווען הינטער די אויגן. אין די אויגן האָט דער שוער געקוקט אויף אים מיט חוזק, געלאַכט פון זיינע איידעלע הענט, וואָס האָבן נאָך אַלץ נישט געקאָנט אויפהויבן די שווערע פּעק לעדער, בשעת ער אליין, אַן עלטערער ייד שוין, האָט זיי געהויבן אַזוי גרינג, ווי עפּעס אַ לייכט פּעדערל. און כאָטש נאַטאַן האָט געאַרבעט, איבער די כוחות געאַרבעט, געוואָלט ווייזן, אַז ער איז דאָ אין שטוב נישט קיין איבעריקער, אַז ער פאַרדינט כשר דאָס ברויט פאַר זיין ווייב און קינד, האָט אים דער שווער פונדעסטוועגן גערופן.

— קעסט־קינד...

בכלל האָט זיך נאַטאַן דאָ, אין דער שטוב, נישט אַריינגע־פּאַסט, ער האָט זיך נישט געקענט צופּאַסן צו זיין ווייב פּיינעלע, מיט וועלכער ער האָט זיך כמעט אינערגעץ נישט געקענט באַ־ווייזן, חתונה געהאַט מיט איר, ווייל ער האָט נישט געהאַט מער קיין כוח צו הונגערן. צום מסחר האָט ער אינגאַנצן נישט גע־טויגט, געמאַכט אַלץ אומגעלומפּערט און פאַרדרייט. טיילמאָל האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין פאַרשידענע געדרייטע סוחרישע קונצן, געוואָלט אָפּנאַרן די וועלט. אָבער די סוחרים האָבן אים באַלד געפּאַקט ביי דער האַנט און ער האָט אויסגעזען נאַריש, זיך נישט געוווּסט וויאַזוי אַרויסצודרייען פון דעם גאַנצן עסק. און טיילמאָל איז ער געווען ערלעך — אַ ריינע נשמה. אָבער נישט דאָס און נישט יענץ האָט געטויגט צום מסחר און דער סוף איז געווען, אַז ער איז קיינמאָל קיין מבין אויף אַ שטיקל לעדער נישט געוואָרן.

פונקט דאָס זעלבע איז געווען מיט זיין האַלטן זיך מיט די מענטשן אין שטוב. טיילמאָל האָט ער זיך אין שטוב געהאַלטן זייער פּשוט, זיך געמאַכט קליין, נישט אַרויסגערעדט קיין הויך וואָרט, נישט געטשעפּעט קיין פליג אויף דער וואַנט. באַלד האָט ער אָבער געזען, אַז דאָס טויג נישט, אַז מען הייבט זיך מיט אים

אין שטוב אָן צו שאַפן, ווי מיט אַ שיק־ייִנגל, און ער האָט פאַריסן דעם קאָפּ, געגעבן אָנצוגעהערן, אַז מען זאָל נישט פאַרגעסן ווער ער איז.

איין ליכטיקער פלעק אין שווערס שטוב מיט די מאַסיווע מאַהאָגאָנענע בעטן, מיט די בייכיקע שאַפעס, מיטן אומגעלומפּערט־גרויסן טיש און שווערן שטיי־זייגער, וואָס האָט אומעטיק און האמעטנע־איינטאָניק אויסגעקלאַפּט די שעהן, איז געווען אידע, זיין ווייבס ייִנגערע שוועסטער. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי פאַרשטייט אים און פילט מיט אים מיט. ביינאַכט, בעת ער איז אין שטוב געזעסן און געלייענט אַ ביכל און אידע איז אריינגעפאַלן מיט גאַס און ווינט אין די ברוינע קאַשטן־האָר, אין די העל־ברוינע, געלבלעך־בורשטינענע אויגן, וואָס זי האָט אַ טבע געהאַט כסדר פול מיט קינדישן חן צו מרוזשען, אין דער געשפּאָלטן־פולער אונטערשטער ליפּ, האָט ער דערפילט, אַז ס׳קומט אריין אַ שטיק פון זיין אַמאָליק לעבן און זיין נאָגנדיקע בענקשאַפט פאַרשווינדט מיטאַמאָל.

אַלעמאָל, בעת אידע איז אריינגעקומען, האָט זיך באַלד פון דער שלאָף־שטוב אין אָנטועכץ אַרויסגעשאַרט דער פּאָטער אירער, וואָס האָט נישט צוגעטון קיין אויג, געוואַרט אויף דער טאָכטער און באַלד אויסגעשאָסן:

— פון וועלכן געיעג קומסטו איצט, האַ?... — האָט ער געדרוקט מיט רוגזא דאָס יידישע היטל אויפן קאָפּ — ווו שלעפּט זיך דאָס אַ מויד ביז אַזוי שפּעט אין דער נאַכט אריין!...

אידע האָט געענדיקט גימנאַזיע, געוואָלט ווייטער שטודירן, אָבער דער פּאָטער האָט זי נישט געלאָזט:

— יאָך דאַרף נישט קיין גומנאַזיע!... ס׳איז נישט קיין שום תכלית! — האָט ער געשריגן, אַז שכנים זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אויף בייז וווּנדער — געגוג גומנאַזיע!... כ׳דאַרף נישט מער קיין קעסט־קינד, וואָס קען קיין קאָץ דעם ווידל נישט צובינדן... פוילן גנב וועט אַ ייד נישט לאָזן שטודירן... ס׳איז אַן עבירה די האָרעוואַניע! שפּילסט׳ך מיט פּאָליאַק גנב!...

צווישן הימל און וואַסער

אידע, אַ גרויסע עקשנטע און אַ צולהכעיסניצע, האָט גע־שטרייקט מיטן עסן, גאַנצע וואָכן דעם פּאָטערס שוועל נישט איבערגעטרעטן. דער פּאָטער האָט זי אָבער אויפן אויג געהאַט, געוווּסטע אירע גענג. ווען זי איז נישט געווען אינדערהיים, האָט ער שמעקנדיק געניסטערט אין אירע זאַכן. און איינמאָל, דעמאָלט פּונקט ווען ער איז ביי אירס אַ פּעקל בריוו געשטאַנען, געלייענט די ליבע־דערקלערונגען פון אירס אַ באַקאַנטן בחור, איז אידע אַריינגעקומען. דער פּאָטער האָט זיך נישט געמאַכט זי זען, ווייטער געלייענט דעם בריוו, אומישנע פאַרדרייט די ווערטער, כדי זיי זאָלן קלינגען וואָס קאָמישער. פּלוצים האָט ער זי דערזען, געמאַכט אַ דערשראָקן פּנים, ווי־לעריש אַ פאַרשאַרץ געטון דאָס יידישע היטל הויך אויפן שטערן און כלומרשט גאַרנישט אויסן־זייענדיק, זי געפרעגט:

— ווער איז דאָס דער יונגערמאַן?... — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ פאָטאָגראַפיע — זעט עפּעס אויס צו זיין אַ משוגענער פון די באָניפראַטן... קוקטץ נאָר אָן דעם הולך! אפּנים, אַז ער האָט נישט אויף אַן אָנבייסן...

אידע איז בלאַס געוואָרן, מיט כעס צוגעמרוזשעט די אויגן, אַז מען האָט מער נישט אַרויסגעזען ווי צוויי גיפטיקע שעפּלטע־לעך און מיט גאַל אַרויסגעוואָרפן פון זיך דאָס איין־און־איינציקע וואָרט:

— חוצפּה!...

מער האָט נישט געפעלט. דער פּאָטער, אַ געזונטער ייד, אַ גרויסער עקשן און אַן אויפּס־כוח־גייער, וואָס האָט אפילו אין „שמיבל" זיך באַלד געריסן מיט די פּויסטן, אַז מען האָט אים עפּעס נישט נאָכגעגעבן, האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף איר און זי אָנגעהויבן צו שלאָגן. ווען נישט ער, נאָטאַן, וואָס האָט זי אַרויסגעריסן פון זיינע הענט, וואָלט ער זי אַזוי גיך נישט אָפּגעלאָזט.

אָבער אויסגעפירט האָט דער פּאָטער. ס'האָט נישט געהאָלפן איר שטרייקן מיטן עסן, איר פאַרשווונדן ווערן פון דער היים אויף

גאַנצע וואָכן. דער פּאָטער האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן און אידע האָט חתונה געהאַט מיט דעם, וואָס ער האָט געוואָלט.

אידע איז אַוועק פון דער היים, זיך געביטן, פאַרגעסן אין נאַטאַנס גלעטן, וואָס האָבן אַזוי אַנגענעם-זיס געהיילט אידעס וועטיקן, בשעת דער פּאָטער האָט זי מקים-פּסק געווען. און אַז זי איז געקומען צו־גאַסט צו די עלטערן אין שטוב, האָט זי אַפילו אין נאַטאַנס זייט אריין נישט אַ קוק געטון. זי האָט געהאַלטן אין איין קוקן דעם מאַן אירן אין דעם רויט־קיילעכדיקן פּנים אריין, ווי זי וואָלט זיך אין אים געשפּיגלט, דערציילט דער מוטער זייער געגוי מיט אַלע פּיטשעווקעס פונם קינד, זיך געצהט מיט איר. אַלעמאָל האָט זי זיך מיט אַ סך איבערגעטריבענער צערטלעכקייט צוגעטוליעט צום מאַן, וואָס איז אייביק געווען נישט אויסגע־שלאָפן און אייביק נאַרישלעך געשמייכלט, פאַרדראָכטן ביי אים דעם קראַוואַט, געמוסרט אים מבלומרשט מיט אַ סך שטיפערישקייט אין קול, אינם ברייטלעך-קורצן, ווי אָפּגעהאַקטן נעזל:

— הערשל, ווי אַזוי זיצטו?...

— עס נישט אַזויפיל, הערשל... ס'עט דיר ברענען אויפן האַרצן... דו נאַשער, דו...

נאַטאַן האָט אַלץ פאַר ליב גענומען. אויך ער האָט נישט געקוקט אין איר זייט אריין, פאַרשטאַנען, אַז זי טוט אים צו־להכעיס, אַז זי פייניקט זיך אַליין, נעמט אין זיך אַליין נקמה. און טאָמער האָט זי נישט געקאָנט אים אַליין מער ווײ-טון, נישט געפונען גאָרנישט, כדי אים אַ שטאָך צו טון, האָט זי זיך גענומען צו זיין בלאָנד־האָריק יינגעלע און פון אים חוזק געמאַכט. ס'האָט איר נישט געפאָלן דעם קינדס דאַרקייט, דער אופן פון זיין רעדן, פון זיין שנעל כאַפּן די ווערטער, דאָס אָנטועכץ, וואָס דאָס קינד טראָגט. זי האָט גאָרנישט באַמערקט אַפילו, אַז זי טוט דעם קינד וויי. אים, נאַטאַנען, האָט דאָס נישט באַליידיקט. נאָר זיין ווייב פייגעלע איז געזעסן ווי אויף הייסע קוילן, ס'האָט זי געהויבן פון אָרט און זי האָט כסדר באַקומען רויטע, קרענקלעך־אויסגעקניפּטע פלעקן פון בושה און באַליידיקונג אויפן פאַרצעלייען־ווייסן רואיקן פּניכל אירן. און אַז אידע האָט נישט געהאַט דאָס קינד,

נישט געפונען גאָרנישט צו וואָס זיך צוצוטשעפּען, האָט זי זיך אָנגעזעצט אויף דער מאַמען, געהאַט טענות, וואָס אין שטוב איז אָנגעשטעלט, גאָרנישט געפינט זיך אויפן אָרט. זי האָט זיך געבייזערט, רק געהאַט טענות, גענומען די ווייסע און פולע קאַץ אויף די הענט, ווילד און מיט גרויסער הנאה איר געבלאָזן אין די אויערן אריין און נאָך שטאַרקער און מיט מער עקשנות, ווי מיידל־ווייז, זי געפּייניקט און געמוטשעט.

— לאָז אָפּ די קאַץ!... — האָט די מוטער שוין נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן, נישט פאַרשטאַנען וואָס מיט דער טאָכטער קומט אַזוינס פאָר — ס'איז אַ צער בעלי־חיים!... די מויד האָט זיך גאָרנישט געביטן!... אַזוי ווי איינער איז צו זיבן, אַזוי איז ער צו זיבעציק...

טייַלמאָל איז אידע פּלוצים אינמיטן העלן טאָג, ווען אַלע זענען געווען פאַרנומען, צום פאָטער אין געשעפט אריינגעפאַלן, מיט כעס געשריגן אויף איר מיידעלע, געשלעפּט זי ווילד און ביז ווייטיק ביים קינדעריש־ווייכן הענטל. מיט גרוים ברייטקייט, מעשה גרויסע פּריצה, האָט זי זיך ביים טיש אַוועקגעזעצט, זיך צעשפּרייט, גאָרנישט געטון, בלויז מיט שטילער עקשנות שעהן־לאַנג געקוקט ווי נאַטאַן אַרבעט, ווי ער שלעפּט די גרויסע און שווערע פּעק לעדער...

דערנאָך האָט אידע אינגאַנצן אויפגעהערט צו קומען צו די עלטערן אין שטוב אריין און נאַטאַן האָט זי נישט געזען. גע־טראָפן האָט זיך נאַטאַן אומגעריכט צוריק מיט איר, ווען דעם שווערס „שטיבל"־פּאָליטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אמת און דאָס דייטשע חייל איז הינטער וואַרשע געשטאַנען.

דער שווער האָט ליב געהאַט פּאָליטיק, ווי דאָס לעבן, שטענ־דיק געהאַט אויף אַלץ זיין אייגענעם קוק, וואָס איז געווען דווקא אַביסל אַנדערש ווי אַלעמענס. ער איז זייער אָפט געזעסן אין „שטיבל" ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין, גערעדט פּאָליטיק און פאַר זיינע אויספירן וואָלט ער געגאַנגען אין פייער אריין, ער וואָלט געטיילט פּעטש, כדי צו ווייזן, אַז ער איז כשר גערעכט. ער האָט זיך כסדר געהיצט, געטענהט, אַז דער פּאָליאַק איז צופיל

גוטער-ברודער מיטן דייטש. זיי קושן זיך צופיל אין די פיסקע-לעך, לעבן שוין צופיל ווי די טייבעלעך. דער סוף וועט זיין, אז „יעקע" וועט ארייננארן דעם פּאָליאַק אין אַ זאַק, באַפּאַלן אים, ווען ער וועט זיך אינגאַנצן נישט ריכטן. די גרויסע פיש האָבן אַ טבע אויפצועסן די קליינע פישעלעך. דער שווער האָט ליב געהאַט צו טענהן:

— פּאָליאַקל רודערט שוין צופיל מיט די אברים!... אַ גאַנ-צער פאַן־בראַט געוואָרן מיט יעקען... לערנט זיך אָפּ פון אים צו שלאָגן יידן!... אָבער יעקע וועט אים נאָך דערציילן יענע מעשה... שפּילסט'ך מיט יעקען!... דייטש־באַנדיט וועט נאָך זיצן דאָ אין דער שטוב ביי דעם־אָ טיש...

קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט צו זיינע רייד, געהאַלטן אים פאַר חסר-דעה. בלויז דאָס ווייב זיינס, זייער אַ קליינע און זייער אַ שרעקעוודיקע, האָט אים געקוקט גלייך אין מויל אריין. זי האָט שטענדיק מורא געהאַט פאַר אַ מינדסטן מונדיר, פאַר אַ מינדסט „קנעפּל". זי האָט זיך אַזוי דערשראָקן פאַר אַ פּראָסטן קאָנדוקטאָר, וואָס איז אַמאָל אריינגעקומען אין דער לעדער-קראָם עפּעס קויפן, אַז ס'איז איר נישט־גוט געוואָרן און מען האָט זי געמוזט מינטערן. דערהערט אַזעלכע דיבורים פונם מאַן, האָט זי זיך שוין באַצייטנס אָנגעהויבן צוצוגרייטן צוביסלעך שפּייז. טאָמער, ווי ס'מאַכט זיך... ס'שאַדט נישט, אַז ס'ליגט... אַז זי וויל עס גאָרנישט פאַרן מויל ברענגען, די שעה זאָל נישט באַ-שעהן, וואָס עס קען זיך אַלץ טרעפן, זאָלן די קינדער זיך האָבן צו דערכאַפּן מיט וואָס דאָס האַרץ... אַז זי געדענקט נאָך גוט, וואָס האָט זיך געטון אין יענער מלחמה!...

ווען דאָס דייטשע חיל איז געשטאַנען הינטער וואַרשע און דער ראַדיאָ האָט זיך געריסן מיט קולי־קולות, אַז דאָס יונגוואַרג זאָל פאַרלאָזן די שטאָט, האָט דער שווער געצוווּנגען די קינדער צו אַנטלויפן.

בעת נאַטאַן איז צוריקגעקומען פון גראָבן די אָקאָפּעס, אַ פאַרשוויצטער, און אויסגעמאַטערטער, האָט דער שווער אים נישט אָפּגעלאָזט, אריינגערעדט אין אים, געפּרווּט

אים כּסדר, ווי זיין טבע, איבערצורעדן אויפֿס כּוח. און בשעת דאָס באָמבאַרדירן איז פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן אויף עטלעכע שעה און די מענטשן זענען, ווי די מייז, אַרויסגעקראָכן פֿון די פֿינסטערע קעלערן, אָפּגעווינט פֿון ליכט נישט געקענט קוקן דעם פֿרימאָרגן גלייך אין פּנים אַריין, נישט דערקענט די גאַסן, וואָס האָבן געביטן דעם אויסזען, זיך געקורטשעט אין גרויסע ווייען, האָט דער שווער זיך גענומען צום פּאַקן. ער האָט אויף דער שנעל אַראָפּגעוואָרפֿן די קאַפּאָטע, אַ פֿאַרשאַרץ געטון די אַרבל, פֿאַרשטעקט די ציצית, זיי זאָלן אים נישט שטערן, און אין גרויס אײַלעניש אַרויסגעשלעפּט פֿון קאַמער די אַלטע וואַליזע, וואָס ער האָט געהאַט נאָך בירושה פֿונם טאַטן. האַטש דאָס לעדער איז געווען אַלט און צעטראַסקעט, איז די וואַליזע געווען נאָך אייזן-שטאַרק, זיך געצויגן, ווי אַ האַרמאַניע און ס׳האָט געקענט אַריין אין איר אַ וועלט, ווי כ׳וואָלט עפּעס אַ כּישוף אין איר געשטעקט. דער שווער האָט אָנגעשטאָפּט די וואַליזע פֿול ביזן אויג, אַלעמאָל זיך אין עפּעס אַנדערש דערמאָנט, און גאָרנישט פֿאַרגעסן. ער האָט אַפֿילו נישט פֿאַרגעסן אַראָפּצונעמען פֿון דער שאַפֿע נאָטאַנס פֿאַרשטויבן טלית־זאַק, אַרײַנגעקוועטשט אים פֿאָרזיכטיק אין דער וואַליזע. דערנאָך האָט ער געבענטשט פֿון ערגעץ צו שלעפּן עפּעס אַן אַלטן פּלעצאַק, אַרויסגענומען אַ ניי לייוונטן ליילעך פֿון דער שאַפֿע, אַ פּרוּוו געטון, צי ס׳איז גענוג שטאַרק. פֿון ליילעך האָט ער געמאַכט עטלעכע טלומיקלעך, אַרומגעבונדן זיי שטאַרק און פֿעסט מיט שטריק. ער האָט אויך נישט פֿאַרגעסן פֿון קיין צדה-לדרך, אויסגעליידיקט דאָס קיך-שענקל. ער האָט אַליין אַלץ אויף דער גיך פֿאַרפּאַקט מיט אַ סך זאָרגפֿעלטיקייט, קיינעם נישט צוגעלאָזט, ווייל ער האָט זיך אויף קיינעם נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן. בשעת־מעשה האָט ער אין זינען געהאַט דאָס ווייב אַרויסצוגענאַרן צו אַ שכנטע, כּדי איר צו פֿאַרשפּאָרן האַרץ־ווייטיק. זי איז זייער אַ שוואַכע... ער האָט זייער שווער געאַרבעט, דער שווייס האָט זיך אים געגאָסן איבערן פּנים.

אַלץ פֿאַרטיק געמאַכט, האָט ער אַליין אַ נעם געטון די שווע־

רע וואליזע אין דער האנט און געטריבן די קינדער זיי זאלן גיין, ווייל ס'איז א שאד יעדע מינוט צו פארלירן. אז די קינדער האבן זיך אים אקעגנגעשטעלט, דווקא באשטאנען דערויף ער זאל צוזאמען מיט דער מאמען מיטגיין, האט ער זיך אפילו צו זיי נישט געוואלט צוהערן:

— יאכ'ל שוין מיינע יארן דא אויסלעבן... — האט ער געזאגט — עץ גייט'ץ געזונטערהייט... אז גאט השם־יתברך וועט העלפן און אלץ וועט אריבער בשלום, וועט עץ האבן צו וואס צוריקצוקומען... גייטץ... גייטץ קינדערלעך... באלאמושעטץ נישט!...

ער האט א קוש געטון די מזוזה און ארויס דער ערשטער. באין-ברירה זענען אים די קינדער נאכגעגאנגען. ס'איז געווען א שיינער סוף־זומערדיקער מארגן. די גאסן זענען נאך אלץ געלעגן איינגעקורטשעט־שטיל, אין גרויס שרעק מיט אן איינגע־האלטענעם אטעם געווארט די לופט זאל זיך ווידער צעדונערן און צעקנאלן און ס'זאל ווידער א פלייץ טון דער פייערדיקער רעגן פון הימל. דערווייל איז אבער געווען שטיל, כאטש אין דער לופט האבן זיך טויב געטראגן די ווידער־קולות פון די דונערן, וואס האבן ערשט די וועלט צעטרייסלט. די שטאט איז נאך נישט גע־קומען צו זיך, געציטערט, שווער געאטעמט, ווי נאך אן ערד־ציטערניש. טייל הייזער זענען געלעגן שוין אומגעוואלגערט, פארשאטן, איינגעזונקען אין דער ערד. די חורבות האבן זיך אנגעשפארט אן זיך, אנגעלענט, צוגעטוליעט צו זיך. גרויסע פארוויכערטע לעכער, ווי אויסגעברענטע אויגן, האבן אומעטיק און לײדיק געגלאצט פון די ווענט, וואס זענען געווען אפגעשיילט, באדעקט מיט צרעת און מכות און אויסגעזען, ווי די פנימער ביי נשרפים. די נאקעטע ציגל האבן געבלוטיקט פון דעם אפגע־קרישלטן טינק, ווי פרישע ווונדן. גרוז און ציגל־שטויב האבן אנגעפולט די לופט, פארשטעלט די ראיה, אז מען האט נישט געקענט גיין. גרויסע פייערדיקע צונגען האבן גיריק געלעקט דעם קרישטאל־ריינעם סוף־זומערדיקן הימל, געריסן פון אים שטיקער, ארומגענומען די שטאט מיט סאדזע און רויך. אייזערנע גאסן-

לאַמטערנס זענען געלעגן איינגעבויגן, צוזאַמענגעוויקלט אין בייגל, ווי אין גרויסע ווייען, זיך געדרייט, ווי קאָרקן־ציערס. שינעס, אַרויסגעריסענע פון דער ערד, האָבן זיך געוויקלט, זיך געפּלאָנטערט, ווי איבערגעשניטענע בינטלעך אָדערן. טראַמוויען זענען געלעגן איבערגעדרייט, ווי טויטע שרצים מיט די בייכער אַרויף. פון די חורבות, וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ געבראָכן און געשיט מיט אַ הילך, האָט מען שטיל און שנעל־שנעל אַרויסגעטראָגן די טויטע, איבערגעדעקט מיט פאַרבלוטיקטע ליילעכער און מלבושים. די טויטע האָבן באַגלייט הויכע, קינדעריש־דינע יללות, וואָס האָבן שפּיציק דורכגעשטאָכן די יללות פון די דערוואַקסענע. אַ טויט פערד, וואָס האָט אינערגעץ נישט געקאָנט געפינען קיין שוץ, איז געלעגן אינמיטן גאַס, פאַרפּלאָנטערט אין דער דראָזשקע און צוגעקוועטשט מיט אַן אָפּגעבראָכן שטיק געזימס. פון אַ הויז, וווּ די פאָדערשטע וואַנט איז איינגעפאַלן, האָט אַרויסגעקוקט אַ שטוב אין גאַס אַריין, ווי זי וואָלט געשטאַנען אין אַ שוי־פענסטער. ס'האָבן זיך געזען צוויי בעטן מיט גרויסע קאָפּשטיק, פאָרטרעטן פון אַלטע טאַטע־מאַמע, וואָס זענען געהאָנגען אויף די ראָזע־געמאָלענע געבלימטע ווענט. פון סופיט האָבן אַראָפּגעקוקט קינדערישע פּנימלעך פון נאַקעטע מלאכימלעך, וואָס האָבן אין די הענטעלעך געהאַלטן גיטאַרעס און פידעלעך אַרומגעפלויגן אין די ליכטיקע וואָלקנדלעך. דער שטיי־זייגער מיט די צוויי גרויסע מעשענע וואָגן האָט דאָ נאָך אַלץ פּינקטלעך־רואיק געציילט די שעהן, ווי ס'וואָלט גאָרנישט אַרום אים געשען...

אַזוי האָט אויסגעזען וואַרשע, בעת נאַטאַן האָט די שטאָט פאַרלאָזט.

נאַטאַן האָט ביים שווער שוין אַ פּאָר מאָל געוואָלט אַרויסנעמען די שווערע וואַליזע פון דער האַנט, אָבער ער האָט זי אים בשום־אופן נישט געוואָלט געבן, געזאָגט, אַז זיי האָבן נאָך אַ ווייטן וועג פאַר זיך און ער, נאַטאַן, וועט נאָך געניטן האָבן צו שלעפּן און צו שלעפּן. נאַטאַן האָט געטראָגן דעם רוק־זאַק אויף די פּלייצעס. דער שוואָגער זיינער הערשל מיט אידען האָבן גע־

טראָגן די טלומיקלעך, און דאָס ווייב זיינס, פייגעלע, איז געווען באהאָנגען מיט די צוויי קינדער, וואָס האָבן דווקא איצט זיך גע־ריסן צווישן זיך, נישט געקענט שלום מאכן און אָפּגעדרייט איר דעם קאָפּ...

הינטער דער שטאָט האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ סך מענטשן, וואָס זענען פון ווארשע אַנטלאָפן, זיך געצויגן אין לאַנגע מחנות. אויף וועגענער געפאָרן, זיך געשלעפט צו-פוס. עס זענען געפאָרן אַלטפּרענקישע וועגעלעך, פויערישע פורן, אויטאָמאָבילן. וואָס זענען שטעקן געבליבן אין דער ענגער מאסע, נישט געקענט אהין און נישט אהער. אונטער די פיס האָבן זיך געוואַלגערט וואַליזעס און פאַרשידענע חפצים, וואָס מענטשן האָבן אוועקגעוואָרפן, ווייל זיי האָבן נישט געקענט מער דער־טראָגן די שווערע משא. אַלעמאָל איז אָן אַנדערער מיליטערישער לאַסט-אויטאָ אָנגעפאָרן, אָנגעפולט מיט זעלנער, טראָמפּייטערט מיטן גאַנצן כוח, זיך איינגעשניטן אין דער מענטשן־מחנה, וואָס איז זיך צעפאַלן אין ביידע זייטן, ווי אָן אויפגעעפנטע שער. די לאַסט־אויטאָס זענען אין גרויס בהלה געלאָפן סיי פון ווארשע און סיי קיין ווארשע. אַז די אויטאָס זענען אדורך האָבן זיך צו-ריק די מענטשן באהאָפטן, זיך פאַרקנופּט אין אַ קנויל. דאָ איז די לאַנגע ריי, וואָס האָט פּאַוואָליע געפּויזעט אויפן וועג, ווי אַ לאַנגע קאָלירטע שלאַנג. אויפגעפּוישט געוואָרן, ווייל פיל פויע־רים זענען צוגעקומען הינטער דער שטאָט צוזאמען מיט זייערע קי און יאַלעווקעס און דאָ איז די ריי שיטערער געוואָרן, צעהאַקט געוואָרן אויף שטיקער, ווייל אַ סך מענטשן זענען אָפּגעשטאַנען אין וועג. דער דאָרפישער וועג האָט זיך גאָלדיק-העל געצונדן אין דער זון. אַ האָן האָט זיך ערגעץ הינטער אַ סטאָדאָלע צעקרייעט, זיך פאַרגאַנגען שלעפעריקלעך-פויל. נאָך די שווערע דונערן און נאָך די שפּיציק-געדרייטע און אויסגעצויגן־גרויליקע פייפערייען, האָט זיך געדאכט, אַז דאָס קרייען פון האָן קומט פון עפּעס אַ ווייטער פרידלעכער וועלט, וואָס איז שוין לאַנג, לאַנג ערגעץ פאַר־שוווּנדן... סוף זומערדיקע פעדים האָבן זיך געזילבערט אין דער גאָלדיק-בלויער לופט, זיך געוויקלט, געקיצלט דאָס פּנים, ווי

שפּינוועבס. די פעלדער זענען שוין געלעגן טיילווייז נאַקעט, זיך געפּלעפּט, ווי גרויסע קאָלירטע לאַטעס, און די ביימער האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווייז אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די בלעטער, וואָס האָבן שאַרלאַך-רויט געברענט, ווי שקיעות. דער פּוילישער גאָלדענער האַרבסט קומט אָן, ווער ווייסט, צי נאָטאָן וועט אים אַמאָל נאָך צוריק זען?

ווען זיי זענען שוין אָפּגעגאַנגען אַ שפּאָר שטיקל וועגס, האָט זיך דער שוועער פּלוצים אָפּגעשטעלט, מיט גבורה אַ פאַרוק געטון דאָס היטל, אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און געזאָגט, אַז ס'איז שוין צייט, ער זאָל אַהיימגיין. די מאַמע וועט נישט וויסן וואָס איבערצוטראַכטן!...

דער שווער האָט זיך צוריקגעקערט. ביז צו דער לעצטער רגע איז ער געבליבן דער זעלבער, וואָס אַמאָל, זיך אויף קיין האָר נישט געביטן, זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט זיך רואיק מיט די קינדער געזעגנט, זיך געהייסן רייסן די אייניקלעך ביי דער גרויסער און שווערער באָרד, וואָס האָט אויף דער עלטער קוים באַקומען עטלעכע גרויע פעדימלעך, איבערגעגעבן די שווערע וואַליזע נאָטאָנען אין דער האַנט אריין און געזאָגט:

— נו, זייט'ץ געזונט, קינדערלעך... גאָט השם־יתברך זאָל אייך פירן...

און ער איז אַוועק. די קינדער האָבן אים נאָכגעקוקט, געזען ווי זיינע אַלטע ברייטע פּלייצעס ווינן זיך נאָך אַלץ מיט כוח, הויקערן זיך נאָך אַלץ נישט. ער איינער אליין איז אויפן וועג געגאַנגען צוריק, געאיילט אַקעגן די פאַרויס-זיך־שלעפּנדיקע מענטשן מיט זייער ביסל האָב־און־גוטס. ער האָט זיך קיין איין מאָל נישט אומגעקוקט, געוואָרן אַלעמאָל קלענער און קלענער, ביז ער איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן.

זיי האָבן זיך אַליין ווייטער געשלעפּט, דריי טעג און דריי נעכט צו־פוס געגאַנגען, זיך טיילמאָל מיטגעכאַפּט אויף אַ פור, און בעת זיי זענען אין אַ פאַרנאַכט אָנגעקומען אין עפּעס אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל אריין, האָט זיך דאָס אומגליק מיט זיי

געטראָפן. אין דעם קליינעם פאַרוואָרפענעם שטעטל איז ווייניק געווען צו דערקענען, אַז ס׳איז אַ מלחמה אויף דער וועלט. ווי קיינמאָל גאַרנישט זענען דאָ נאָך די קליינע פינסטערע קרעמלעך געווען אָפן, ס׳גאַיעס האָט פאַרקויפט קאַרטאָפל, ציבעלעס און די בעלי־מלאכות האָבן אפילו נאָך געאַרבעט. אַז זיי זענען אָנגעקומען אין שטעטל אריין, איז מען זיי אקעגנגעגאַנגען ווער מיט ברויט, ווער מיט אביסעלע וואַרעמס זיך צו דערכאַפּן די נשמה, מיט אַ טעפּעלע קאַווע, מילך. די יידן פון שטעטל, צומיינסטנס בעלי-מלאכות און מאַרק־שטייערס מיט רויט־אָפּגעברענטע געזונ-טע פּנימער און קאַרקעס, האָבן געזאָגט, אַז דערווייל האָט זיי גאָט־זיי־דאַנק די מלחמה נישט געטשעפּעט... און טאָמער וועט זיך די שרפה דאָ אַהער אָנרוקן, וועלן זיי אויך נישט אַנטלויפן...

די יידן האָבן די אָנגעקומענע אריינגעפירט דערווייל אין בית-מדרש אריין, אויסגעבעטעט פאַר זיי נאַכט־לעגערס אין די שטובן, געזאָגט, אַז קודם־כל דאַרף מען זיך אויסגלייכן אביסל די ביינער און מאָרגן־„מעטשעם״ וועט מען זען, וואָס ווייטער צו טון.

אָבער קוים האָבן די יידן אַרויסגעזאָגט די פּאָר ווערטער, ווי דאָס ניהנום האָט זיך אויך אַהער אָנגערוקט און דאָס שטעטל, וואָס איז ערשט פול מיט לעבן געווען, האָט אָנגעהויבן צו ברענען. און דאָ אין דער בהלה, איז פייגעלע מיט די קינדער פאַרלוירן געוואָרן און צוזאַמען מיט זיי הערשל. בשעת די דייטשע עראָ־פּלאַנען זענען איבערן שטעטל אָנגעלאָפן, ווי אַ טשאַטע הונגע-ריקע היישעריקן, וואָס פרעסן אויף אַלץ אין וועג און לאָזן איבער נאָך זיך בלויז פאַרוויסטונג און טויט, איז פייגעלע נעהאַט אַוועק פון בית־המדרש, געגאַנגען לייגן די קינדער שלאָפן. הערשל איז מיט איר מיטגעגאַנגען, געהאָלפן איר טראָגן די זאכן. זיי זענען געגאַנגען אהיים צו ר׳ יידל פישער, דעם גבאי פון בית-המדרש, אַ גרויסן צעכראַסטעט-ברייטן ייד מיט אַ גרויסער, ברייטער, געשוואָלענער באָרד, גרויסע געשוואָלענע פּאות, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן דער ריח פון טייך. פּונקט ווי ר׳ יידל פישער איז געווען צעכראַסטעט און ברייט, אַזוי איז דאָס קול זיינס

צווישן הימל און וואסער

געווען צעבראָסטעט און ברייט און ער האָט איעדן פאַרבעטן צו זיך אהיים:

— קומט צו מיר עפּעס איבערבאַפּן, יידן!... — האָט ער זיך געשטעלט אין דער טיר פון בית־המדרש און אויסגערופן הויך אויפן קול — מיין ווייב האָט שוין געגרייט די געלעגערס... ס'איז אייער אהיים, יידן!... גייט לייגן די קינדער שלאָפן!...

ער איז אליין צוגעגאַנגען צו די ווייבער, ארויסגענומען ביי זיי די קינדער, געהאָלפן זיי טראָגן אויפן וועג.

אז די עראָפּלאַנען זענען אוועק, ס'איז פּלוצים שטיל געוואָרן און נאַטאַן איז צו זיך געקומען, זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ שווערן חלום, האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן די שווערע וואליזע אין דער האַנט, אזוי קראַמפּהאַפּטיק צוגעדריקט צו זיך, ווי די וואליזע וואָלט די טייערסטע זאַך אויף דער וועלט ביי אים געווען. נישט אַנדערש, נאָר ס'האָט זיך אים גערעכט, אז ער האָלט דאָס ווייב זיינס מיטן קינד אזוי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך און ער באַשיצט זיי פאַר אַלעם בייזן!... ער האָט די וואליזע אָפּגעשטופּט פון זיך, געלאָפן זוכן זיינע אייגענע. אָבער ער האָט קיינעם שוין מער נישט געטראָפן, בלויז אידען, וואָס האָט געזוכט איר קינד מיטן מאַן. זי האָט געבלאָנדזשעט צווישן די חורבות, אין פייער, וואָס איז געשפּרונגען פון איין הילצערן הייזל צום אַנדערן, זיך געטראָגן אין דער לופט שטיקער-ווייז. דאָס פייער האָט זיך שנעל געשפּרייט, געפרעסן אַלץ מיט אַזאַ גיכקייט, ווי ס'וואָלט זיך בלויז אויף אַ קורצער צייט דאָ אָפּגעשטעלט און זיך געאיילט ערגעץ ווייטער אָפּצוטון אָט די אכזריותדיקע ארבעט. אַלע הייזלעך אין שטעטל זענען שוין געשטאַנען אין פייער, געשטאַנען געדולדיק, ווי רינדער אויף אַ מזבח, וואָס קומען־אָפּ פאַר עפּעס אַ שווערער באַגאַנגענער זינד... פון די ברענענדיקע הייזלעך האָבן זיך אדורכגעזען די נאַקעטע בעלקעס און קראַקעס, ווי ביינער און ריפּן. די הייזלעך האָבן ליכטיק באַלויכטן די נאַכט און זענען גיך איינגעפאַלן, ווי זיי וואָלטן געווען פון טאָוול.

אידע האָט אַליין געזוכט דאָס קינד מיטן מאַן. זי איז איצט זייער ענלעך געווען צו איר קליינער און איבערגעשראָקענער מאַמען. דאָסזעלבע איבערגעשראָקענע פּנים, דיזעלבע העוויות און דאָס זעלבע הייזעריק־שפּיציקע קול מיטן הויכן שלוקערץ. ס׳איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן אידע מיט די העל־ברוינע קאשטאַן־האָר און מיט די בורשטינען־ברוינע אויגן, וואָס מרוזשען זיך טיילמאָל מיט אַזויפיל גיפט. זי איז אויף אַ העלפט קלענער געוואָרן, איינגעשרומפּן, באַקומען דעם זעלבן קליינעם און דאַרן גוף, ווי דאָס קליינע מאַמעלע אירס.

— ווו איז אַהינגעקומען מיין שרהלע?!... — האָט זי געיאָמערט, גערופן דאָס קינד פּראָסט אויף יידיש, זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, זיך געקניפּט די באַקן — ווו איז אַהינגעקומען מיין איינציק קינד?!... ווו ביזטו שרהלע?!... הע־ע־רשל!.... ווו לאָזטו מיך איבער דאָ איינע אליין?!...

אָבער קיינער האָט איר נישט געענטפערט. געענטפערט האָט איר בלויז דאָס קנאַקן פון פייער, דאָס קנאַלן פונדערווייטנס, וואָס איז אַלעמאָל נעענטער געקומען, און דאָס געשריי פון די מענטשן, וואָס איז געגאַנגען עד לב השמים. די מענטשן האָבן זיך אין דער בהלה אַרומגעזוכט, פאַרווירט אַרומגעלאָפן, זיך הויך געריסן און געוואָרנט, אַז אַלע מוזן שוין די שטאָט פאַרלאָזן, ווייל דאָס דייטשע חייל רוקט זיך אַהער!

אידעס געשריי האָט אויף נאָטאַנען אָנגעוואָרפן אַן אימה, פאַרטויבט זיין אייגענעם ווייטיק און ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער האָט צו טון. ער האָט נישט געוואַגט צוצוגיין צו איר, זי טרייסטן, אַז דאָס קינד אירס מיטן מאַן וועלן זיך באַלד געפינען, מן־הסתם ליגן זיי דאָ ערגעץ באַהאַלטן. אליין האָט אידע געבלאָנדזשעט צווישן די צוויי שורות נאַקעט־פאַרברענטע קוימענס, באַזילבערטע פון לבנה־שיין, וואָס זענען איצט, אָנשטאָט די קליינע הייזלעך, געשטאַנען אויף דער איינציקער גאַס אין שטעטל און אויסגעזען, ווי צוויי שורות מצבות...

ווען נישט ר׳ יידל פישער, וואָס איז אַרומגעקראָכן צווישן די גריבער מיט אַן אָפּגעראַטעוועטער ספר־תורה אין דער האַנט און

געטריבן די מענטשן, זיי זאָלן אַוועק פון שטאָט, זיך באַהאַלטן אין וואַלד, וואָלט אידע נישט אַוועק פון דאַנען, ביז זי וואָלט צוריק געפונען שרהלען מיטן מאַן. ר׳ יידל איז פּלוצלים לעבן איר אויסגעוואַקסן, געשריגן אויף איר, זיך געבייזערט און איר באַ-פוילן, זי זאָל שוין די אותו-הרגע מיט אים מיטגיין. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר אים, פאַר דעם הויכן געשטעל זיינעם מיט דער בריים־צעכראַסטעטער באָרד, וואָס האָט איצט אין דער נאַכט אויסגעזען נאָך פיל ברייטער און צעבראַסטעטער און זיך רציחה־דיק־ווילד געטרייסלט. זי האָט מורא באַקומען פאַר זיין הויך בייזערן זיך אויף איר, פאַר זיין תקיפותדיק־באַפעלעריש קול, וואָס האָט פּלוצים געקלונגען אַזוי פאַרענדערט — און, ווי אַן ווילן, אים נאָכגענאַנגען.

ווי אַן ווילן איז זי דערנאָך נאָכגעגאַנגען נאָך די מענטשן, וואָס האָבן זי אַוועקגעפירט אין דער נאַכט אריין, זי געשטופּט און געשטויסן און זי אַוועקגעשלעפּט ווייט, ווייט פון איר שרה־לען מיטן מאַן, איבער פרעמדע לענדער און ימים. קיין צוריק איז שוין מער נישט געווען. נאָטאַן איז שטענדיק געווען לעבן איר זיים, נישט אָפּגעלאָזט זי פון אויג. פון פייגעלען מיט הערש־לען און פון די קינדער איז קיין שום ידיעה נישט אָנגעקומען, כאָטש זיי האָבן זיך כסדר אויף זיי געפרעגט. זיי האָבן זיי גע-זוכט צווישן די מענטשן אויפן וועג, יעדן אויסגעפרעגט, אויס־געמשלט, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט וועגן זיי, קיינער האָט זיי נישט געזען...

III

די שיף האָט זיך געשלעפּט און קיין יבשה האָט מען נישט געזען. ביינאַכט האָט אירע מיט נאַטאַנען אַלץ געקוקט אין וואַסער אַריין, געזען, ווי די לבנה שיט מיט זילבערנע מטבעות, וואָס ווערן אַלע מאָל מער און מער און פאַלן טיף אין די אָפּגרונטן אַריין. און אַז ס'איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם, זענען זיי נישט אַראָפּ אין די קאַבינעס, ווי די אַנדערע, זיך צוגעקוקט, ווי דער ים בייט זיך, געשווילט. זיי האָבן געזען, ווי דער ים באַקומט מיטאַמאָל אַ פינסטער־גרויע מראה, ווי אייזן, קורטשעט זיך און טורעמט זיך, ווי צום שפּרונג און בייגט די שיף מיט אַלע כוחות אויף איין זייט, גלייך ער וואָלט זי דווקא וועלן איבערקערן. און פּונקט אַזוי אָפּט ווי דער ים האָט זיך געביטן, אַזוי אָפּט האָט זיך אירע געביטן. טיילמאָל איז זי געווען גוט אויפגעלייגט, דאָס פּנים האָט זיך ביי איר אויסגעלייטערט און אַרום אירע פּולע, פון ווינט געשפּאָלטענע ליפּן, האָט געשפּילט יענער שטיפעריש־קינדערישער שמייכל, וואָס נאַטאַן האָט שוין לאַנג ביי איר נישט געזען. זי האָט צוריק פול מיט חן געקורטשעט דאָס לאַכנדיק־ברייטלעכע נעזל אירס און געקנייטש קינדיש די אויגן, אַז מען האָט מער נישט געזען, ווי צוויי שטיפעריש־דינע העל־ברוין־בורשטינענע שפּעלטעלעך. אויך די הויט אירע פון פּנים, וואָס איז געווען ברוין־אָפּגעברענט פון זון און ווינט און געהאַט אַ גאָלדיקן אָפּגלאַנץ, ווי צייטיקער האָניק, איז געווען אייסגע־גלייכט, אָן איין קנייטשעלע. זי האָט זיך דעמאָלט, פּונקט ווי אין די אַמאָליקע גימנאַזיסטישע יאָרן אירע, געפּיעשטשעט, געדערט צו נאַטאַנען מיט אַ קינדעריש־צעצויגן קולעכל, ווי אַ קליין מיידעלע, זיך געהנדלט, פאַרגעסן אין אַלץ און אַלעמען.

אָבער דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ס'איז גענוג געווען אַז אידע זאָל דערזען דער פרוי האָדעסעס צוויי מיידעלעך אַרומ־פירן זיך מיט דער ליאַלקע אויף דער שיף, אַז זי זאָל זיך פּלוצים, פון דער העלער הויט, צעוויינען. זי האָט געפונען פיל ענלעכקייט פון די מיידעלעך צו איר שרהלען, געטריבן נאַטאַנען פון זיך, אויסגעלאָזט צו אים איר ביטער האַרץ, ווי ער וואָלט אין אַלץ שולדיק געווען. זי האָט נאַטאַנען נישט געוואָלט מער זען, גע־פייניקט זיך, געפייניקט אים, הלמאי זיי זענען דעמאָלט אוועק פונם שטעטל. זיי האָבן געדאַרפט בלייבן אינם שטעטל, נישט מורא האָבן פאַר די דייטשן! וואָס האָט זי זיך דעמאָלט אַזוי דערשראָקן פאַר אָט דעם פישער? וואָס קערט ער זיך איר אָן, אַז ער האָט זיך גענומען דאָס רעכט צו שרייען אויף איר און איר צו באַפעלן! און וואָס האָט זי אים עפּעס געפאָלגט, ווי אַ פּיצל קינד? וואָס האָט זי געציטערט אַזוי פאַר איר אייגן הייטל?!...

אידע איז ווילד געוואָרן, איר פולע און הויכע פיגור האָט אינגאַנצן געציטערט, זיך געוואָרפן און זי האָט אַרויפגעלייגט די גאַנצע שולד אויף נאַטאַנען, געהאַט צו אים טענות, פאַרוואָס ער איז פונם שטעטל אַנטלאָפן. ער איז דאָך עפּעס אַ מאַנס־פערשוין, וואָס־זשע האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן? אַ שיינער מאַנספערשוין איז ער אומשטיינסגעזאָגט, אַז ער ציטערט אַזוי שטאַרק פאַר דעם אייגענעם לעבן! און אפשר איז אים דאָס ווייב זיינס און דאָס קינד אַזוי נמאס און דערעסן געוואָרן...

אַרויסגעזאָגט די ווערטער, האָט זי זיך לכתחילה פאַר זיי אַזוי דערשראָקן, אַז זי איז געבליבן שטיין אינגאַנצן פאַרלוירן, אָבער באַלד האָט זי זיך צוגעוויינט צו זיי און זיי דווקא געוואָרפן נאָך מיט מער רציחה און כעס, ווי פריער, זיך געשטילט און געזעטיקט מיט זיי. דאָס ערגסטע, וואָס זי האָט נאָר געקענט אויס־זוכן, האָט זי אַרויפגעלייגט אויף אים, גרויס הנאה געהאַט אים וואָס טיפער צו באַליידיקן. נאַטאַן האָט דערזען דעמאָלט פאַר זיך אידען פון דער היים, נאָכדעם ווי דער פאָטער אירער האָט זי געצוואונגען צו טון דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. כדי זיך אליין צו פאַרטויבן און דער עיקר צו פאַרטויבן איר ליבע צו אים, צו

נאַטאַנען, האָט זי זיך דעמאָלט פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט. אַלץ איז ביי איר רעכט געווען און זי האָט זיך אַליין און אים כסדר געהאַלטן אין פּייניקן.

דעם גאַנצן וועג איבער די אַלע פרעמדע שטעט און לענדער, ווו זיי האָבן זיך געשלעפּט צוזאַמען, האָט נאַטאַן געהאַט פון איר דאָסזעלבע אויסצושטיין און ס'איז געווען פאַר אים אַן אמת גיהנום. חוץ די אייגענע לײַדן, די בענקשאַפט נאָך דעם זון, נאָכן ווייב, וואָס האָט אים אויף קיין איין רגע נישט אָפּגעלאָזט, האָט ער געמוזט נאָך אויסהערן דאָס אַלץ, וואָס אידע האָט כסדר צוזאַמענגערעדט. זי האָט גרויס הנאה געהאַט זיך אַליין כסדר צו פּייניקן, געפונען אַ לינדערונג אין דעם. זייער שווער איז אים אָנגעקומען זי איינצושטילן, איינצונעמען. זי האָט געקענט שעהן־לאַנג וויינען, ווייטיקדיק־טיף גראַבלען אין אירע אייגענע ווונדן, און ער האָט אינגאַנצן נישט געוווסט, וואָס ער האָט מיט איר צו טון. ער האָט זי געגלעט און געצערטלט, זי צוגעטוליעט צו זיך, געפילט, ווי אירע הייסע טרערן בריען אים די פינגער, צינדן אים אָן דאָס לייב. זי ווערט אַזוי ווייך אין זיינע הענט, אַזוי צוגעלאָזן־ווייך, אַז ס'גייט אים דורך אַ וואַרעמקייט איבער אַלע זיינע אברים, אַז אָט־אָט נאָך אַ רגע, וועט ער זיך אינגאַנצן פאַרגעסן, זי אַ כאַפּ טון אין זיינע אָרעמס און זי צודריקן צו זיך מיטן גאַנצן כוח. אָבער איינשטילן זי איז אים דאָך נישט געלונגען. און זי האָט ווייטער געוואָרפן אירע גיפטיקע נישט־באַרעכנטע רייד, וואָס האָבן זיך גיך געשיט פון איר מויל.

אַז די שיף שלעפּט זיך און שלעפּט זיך אָן אַ סוף, איז זיי ביידע נישט אָנגעגאַנגען. זיי האָבן נישט געפילט קיין הונגער, נישט געשפּירט, אַז דאָס ביסל געקעכץ ווערט אַלעמאָל קלענער, מען גיט שוין אפילו מער די פאַרדומפּענע פיש נישט, און נאַטאַן האָט נישט באַמערקט, ווי זיין שמאָלער און הויכער גוף ווערט אַלעמאָל מער קנאָכיקער און דאַרער און זיינע גרויסע, ווייכע, גרויע אויגן מיט דער לענגלעכער גרויסער נאָז יוען כסדר גרעסער און שטאַרן אַרוים הונגעריק פון די איינגעפאַלענע נישט־

געגאַלטע באַקן. זיי האָבן נישט געזען, ווי פּאַביאַש לויפט אַרום איבער דער דעק און שרייט, אַז ער ווייסט שוין איצט בפירוש, אַז ער האָט קיין טעות נישט געהאַט און די שיף גייט טאַקע צוריק. והא־ראיה — האָט ער אויפגעוויזן די יידן — די זון גייט אויף אין אַן אַנדערער זייט, ווי ביז אַהער. און דאָס איז דאָך דער בעס־טער סימן, אַז די שיף האָט געביטן דעם וועג. דער קאַפּיטאַן, דער שונא־ישראל, מוז זיין אַ דייטש. מ'האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן. מ'דאַרף זיך צוזאַמענליינן און אים אַריינשטעקן עפּעס אין דער יד אַריין. ער מוז זיין יענער לאַפּקע־בחור...

אָבער די יידן האָבן אים אַלץ נישט געהערט. נישט געוואָלט גלייבן זיינע רייד און אים אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— ווייסעך־וואָס ער פּלאַפּלט דאָרט, דער משוגענער קאָפּ!...

— האָט געצויגן מיט די אַקסלען ר׳ זיינוול ראַכמאַן, וואָס האָט אַלץ געהאַלטן פּאַסאַן, מיט ליאַדע וועמען זיך נישט אָפּגעגעבן און האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן פון פּאַביאַשעס קענטענישן און פון זיינע איינפאַלן — אַז אַ מענטש האָט זיך אַריינגענומען אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין און גייט אַרום, ווי אַ באַבוק און סטראַשעט די קליינע קינדער!... כ'גיב נישט קיין צווייער פאַר זיינע רייד!... ווייסעך־וואָס... מנע...

כאָטש די יידן האָבן זיך בגנבה אַרויפגעכאַפּט אַלעמאָל אויפן דעק און אַליין מיט די אייגענע אויגן זיך איבערצייגט, אַז פּאַביאַש איז גערעכט, אַז די זון גייט טאַקע אויף פון אַן אַנדערער זייט, ווי ביז איצט, האָבן זיי אים פאַרשריגן, נישט געלאָזט אים דאָס מויל אויפעפענען. און די פרוי האָדעס, וואָס האָט נישט מורא געהאַט פאַר קיינעם, אַריינגעזאָגט יעדן דעם אמת, איז נאָר אַרויף אויף אים, זיך נישט געוואָלט מער פון אים אָפּטשעפּען. זי האָט גערופן אירע צוויי טעכטערלעך, געגלעט זיי איבער די קעפּלעך, צוגעטוליעט זיי צו זיך מיט די צוויי אָרעמס אירע, וואָס האָבן איצט ביי דער גאַנצער דאַרקייט און גערונצלטקייט נאָך אַלץ נישט פאַרלוירן די מאַמישע זיכערקייט און וואַרעמ-

קיים, און מיט איר צעצויגן־ווייך קול, וואס קאן א שטיין רירן, זיך צו אים געווענדט:

— וואס האט איר, כ׳בעט אייך, צו די צוויי יתומים?... — האט זי אנגעוויזן אויף אירע צוויי טעכטערלעך — וואס האט איר זיך אויף זיי אנגעזעצט!... זיי האבן נאך א גרויסע וועלט פאר זיך... גזלן, וואס איר זענט!... אז איר האט נישט קיין מענטשלעך הארץ אין זיך...

פאביאש האט א פארלוירענעם בליק געווארפן אויף די מיידעלעך, נישט פארשטאנען וואס די פרוי האדעס וויל פון אים האבן און זיך גיך פון איר אפגעטראגן. אבער די יידן האבן אים צו רו נישט געלאזט, באפאלן אים פון אלע זייטן און ער האט זיך נישט געקענט אינערגעץ פון זיי אויסבאהאלטן. ער איז פון טאג צו טאג געווארן קלענער און איינגעשרומפענער, די תנועות זענען ביי אים געווארן אלעמאל האסטיקער און שנעלער און די שווארצע רירעוודיקע אייגעלעך זענען אים דערשראקן אהין און צוריק געלאפן, ווי די מייזעלעך אין א קליאטקע. ער האט זיך שנעל געקוילערט פון איין עק שיף צו דער אנדערער, זיך קיין ארט נישט געקענט געפינען, פון שרעק זיך כסדר אויס־באהאלטן פאר די איבונגען מיט די רעטונגס־פאסן און בשום־אופן נישט געקענט באנעמען מיטן שכל ווי ס׳נעמט זיך צו ר׳ לייזער דעם שפייז-קרעמער, אזא איידעלען, אפגעציטערטן ייד, אזא אויסגעבריט הארץ. ר׳ לייזער איז ארומגעגאנגען ווי קיינ־מאל נארנישט, געלערנט, געזאגט תהלים, געהייסן האבן בטחון, געהאט עגמת-נפש בלויז פון דעם, וואס ער וועט נישט קענען קומען צו קבר־ישראל...

פאביאש האט אויסגעמיטן ר׳ לייזערן, נישט געוואלט קוקן אין זיין זייט אריין. אויך האט פאביאש אויסגעמיטן דעם באַ־רימטן ווארשעווער דאקטאר, וואס איז אים דווקא כסדר נאכגע־לאפן מיט זיין נארישלעך־תמימותדיקן שמייכל אויפן פנים. אט דאס נארישלעך־תמימותדיקע שמייבעלע אויף דעם דאקטארס נישט־ראזירטן, אפגעלאזן־באוואקסענעם פנים האט פאביאשן

נישט צו רו געלאָזט, כסדר פאַר די אויגן געשטאַנען און אויסגע־קומען ווי דאָס גלייכגילטיק־דרואיקע שמייכעלע ביי אַ בר־מנן, וואָס געפינט זיך שוין לאַנג נישט צווישן די לעבעדיקע...

אָבער דער דאָקטאָר האָט אפּנים אינגאַנצן נישט באַמערקט, אַז פּאַביאַש מיידט אים אויס און דווקא געוואָלט מיט אים אַ שמועס כאַפּן. ער איז לעצטנס עפּעס שטאַרק פריילעך געוואָרן, גערעדט כסדר וועגן זיין זון, וואָס די דייטשן האָבן אים אין די אויגן אויפגעהאָנגען, פּונקט ווי וועגן אַ לעבעדיקן און כסדר אָנ־גערופן פיל באַרימטע דאָקטאָרישע נעמען פון זיינע חברים, ווי זיי וואָלטן מיט אים דאָ צוזאַמען אויף דער שיף געווען. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די ווייבער, אויסגעהערט זייערע קרענק און גערעדט צו זיי אין אַ שיינעם געקליבענעם פּויליש, געמישט מיט אַ סך לאַטיינישע פּסוקים, ווי ער וואָלט דעקלאַ־מירט פון אויסנווייניק, אַז די ווייבער האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט. אויך האָט ער אַריינגעפלאָכטן אין זיינע רייד אַ פּאָר יידישע ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, ווי אַ גר, כדי צו ווייזן, אַז נאָך אַלעמען איז ער אַ הייסער ייד... ער האָט זייער ליב געהאַט צו פאַרשטיין צו געבן די ווייבער די סיבות פון זייערע חולאתן, צעלייגט אַלץ אויף טעלערלעך, זיך אַזוי אַריינ־געטון אין זיינע רייד, אַז ער האָט נישט באַמערקט ווי אַלע שאַרן זיך פון אים אַוועק. אַז די ווייבער האָבן אים אַריינגעשטופּט אין דער האַנט אַריין אַ פּאָר פאַרשוויצטע מטבעות, האָט ער זיי נישט געוואָלט נעמען, אַוועקגעשאַרט דאָס געלט מיט אַ סך ווירדע און פּריצישקייט, ווי אַן איבעריקע און מיאוסע זאַך:

— געלט... בלאָטע... — האָט ער געזאָגט די ווערטער אויף יידיש, אַליין הנאה געהאַט פון דער חכמה.

וואָס אַ טאָג איז ער געוואָרן מער אָפּגעלאָזן, זיך נישט גע־וואַשן, נישט געקעמט די זילבערנע פּאָלקע זיינע, און אַז דאָס ווייב זיינס, אַ קליינטשיקע און אַ דאַריטשקע, איז אים מיט אַ נאָס האַנטוך נאָכגעלאָפן, ווי אַ קליין מאַמעלע אַן איבערגעוואַקסן גרויס קינד, האָט ער זיך ביי איר געבעטן מיט אַ סך תחנונים אין קול:

— לאָז מיך געמאַך, טייערינקע... — האָט ער זיך ביי איר געבעטן, ווי ביי אַ גזלן — זעסט נישט, אַז כ׳בין פאַרנומען... כ׳האָב מיך ערשט געוואַשן... גלייב מיר, טייערינקע, גלייב...

אָפּגעזאָגט דעם אייביקן פּזמון זיינעם, האָט ער אַראָפּגעצויגן טיפער איבער די אויגן דעם שוואַרצן קינסטלער־קאַפּעליוש מיט די ברייטע ראַנדן, וואָס איז, ווי אויף צולהכעיס, געווען נאָך שפּאָגל־ניי און ער האָט אים שטענדיק ליב געהאַט צו טראָגן אויפן קאָפּ און ער איז מיט גיכע טריט אַוועק ערגעץ, ווי ער וואָלט זיך געאיילט צו אַ קראַנקן.

אין דעם גרויסן און שמוציקן עס־צימער, וווּ ס׳זענען געשטאַנען אַ פּאָר הילצערנע טישן, ווי אין אַ קאַזאַרמע, אַנגעשטעלט מיט אָפּגעריבענע דאָמינאָ־קעסטלעך און שאַך־ברעטלעך, האָט נאַטאַן שטענדיק געטראָפן דעם דאָקטאָר. כאָטש מ׳האָט שוין זייער ווייניק אויפן טעלער דערלאַנגט און מ׳האָט זיך מיט מורא אויסגעקוקט די אויגן, אַז דער קובער מיטן אָליוון, טונקל־פּעטן פּנים און ברודיק־ווייסן מיצל אויפן קאָפּ, זאָל זיך אין פענסטערל פון קיך באַווייזן, איז דאָ געווען שטענדיק זייער טומלדיק און מענטשן זענען דאָ געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. ס׳איז שווער געווען צו כאַפּן אַ שטיקל אָרט צום זיצן. נאַטאַן און אידע זענען געזעסן צוזאַמען מיטן אַלטן טויבלעכן גריך און זיין גרויס איבערגעשראָקן ווייב און האָבן געלייענט די אַלע נעמען און דאַטעס, וואָס זענען אויסגעקריצט אויפן טיש געווען. צווישן די פיל נעמען האָט נאַטאַן אָנגעטראָפן אויך אַ יידישן נאָמען, וואָס האָט אַ ווייע געטון אויף אים מיט וואַרעמקייט, גערעדט צו אים מיט אַ היימיש לשון, ווי ער וואָלט פלוצים באַגעגנט אַן אַלטן באַקאַנטן.

פון דעם טויבלעכן גריך, וואָס האָט שטענדיק אויסגעטייטשט די יידן די אַלע פאַרשידענע אויפשריפטן אויף דער שיף, האָט נאַטאַן געהאַט אַ סך קאָפּ־פאַרדרייעניש. נאַטאַן האָט קוים פאַרשטאַנען, וואָס דער גריך רעדט אין אים אריין — מיט די הענט, מיטן פּנים, מיט אַלע אברים זיינע. דער גריך האָט באַנוצט אַ מיש־מאַש פון שפּראַכן, געהאַט גרויס עגמת־נפש, וואָס די יידן

פאַרשטייען אים נישט. צו די אַלע צרות איז ער נאָך געווען טויבלעך אויך און דווקא זיך געוואָלט אויסרעדן פאַר מענטשן דאָס האַרץ. ער האָט קוים מיט לייד צו פאַרשטיין געגעבן נאַטאַנען, אַז ער פאָרט איצט צוריק קיין אויסטראַליע, ווו ער איז שוין פון לאַנגע יאָרן אַ תושב. ער האָט דאָרט אַ רעסטאָראַציע אין אַ קליין שטעטל און ס'גייט אים נישט שלעכט. נאָר קיין כלה האָט ער זיך אין אויסטראַליע נישט געקאָנט געפינען, די מיידלעך דאָרט האָבן פון אים געשפּעט און געלאַכט, ווען ער האָט זיך צו זיי דערנענטערט. אָבער אים אַליין האָט גאָרנישט געצויגן צו די אויסטראַלישע מיידלעך, ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף די גריבישע קעלנערקעס, וואָס האָבן געמאַכט איינגלעך צו יעדן גאַסט און ער האָט דווקא געוואָלט אַריבערנעמען אַ מיידל פון זיין היים־שטעטל. האָט ער צוזאַמענגעלייגט אַ שילינג צו אַ שילינג און געוואַרט אַליץ, ער זאָל קאָנען אַהיימפאָרן און זיך ברענגען אַ באַלעבאַטישע טאָכטער פון זיין ס'גאַל, אַז אמתע גריבישע שיינקייט. דערווייל איז ער אַלט געוואָרן און זיך אויסגעקליבן אויף דער נסיעה צום שלימזל אַ פּאָר טעג פאַר דער מלחמה. און אַט פירט ער איצט מיט זיך דאָס ווייב זיינס, די יפי־פיה פון זיין געבורט־שטעטל. אָבער ווער האָט איצט אַ קאָפּ צו אַ ווייב, ווען דאָס לאַנד זיינס איז פּלוצים געוואָרן איבערגעפאַלן. ער וואָלט זיך, ווי ער שטייט און גייט, צוריקגעקערט אַהיים און כאָטש ער איז שוין נישט קיין יונגערמאַן וואָלט ער נאָך מיט עפּעס צוגעוויץ געקומען די זייניקע.

בעת ער האָט גערעדט, האָט דאָס ווייב זיינס, די יפי־פיה, געקוקט אים גלייך אין מויל אריין מיט אירע גרויסע, טרויעריק־שוואַרצע אויגן. זי איז שוין נישט געווען קיין יונגע. אַ גרויסע, אַ שוואַרצע, מיט געלאָסן־פּאַוואָליע באַוועגונגען, האָט זי דערמאָנט אין אַ גרויס, שוואַרץ פערד. דער מאַן האָט זי געגלעט איבערן קאָפּ מיט דער האַנט, וואָס איז געווען אויסגעהאָרעוועט און האַרט פון אייביקן געשיר וואַשן, זיך געמאַכט צורעכט אַלעמאָל אויף זיין אויסגעקראָכענעם קאָפּ דאָס פּושיקל האָר, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער לייכטער פוך ביי אַן אונטערגעפּליקט

הינדל, נעבלאנדזשעט הילפלאז מיט זיינע הכנעהדיק־שווארצע אויגן, ווי ביי א געטרייען הונט, איבערן עס־צימער און זיך זייער געשעמט פאר זיין ווייב דער יפי־פיה מיט זיין טויבקייט:

— שרייט נישט אזוי! — האט ער אלעמאל איבערגעהאקט נאטאנען, ווי די טבע פון אלע טויבע, וואס מיינען, אז די גאנצע וועלט איז טויב, בלויז זיי נישט — כ׳הער, כ׳הער! ר׳דארפט נישט אזוי שרייען!... כ׳בין נישט טויב!... וואס מיינט׳ר, כ׳בין עפעס א טויבער?... נאך דאס וואלט מיר געפעלט צו די אלע צרות!

דערביי האט ער מיט גרויס אפגעהיטנקייט אריינגעקוקט נאטאנען אין די אויגן אריין, כדי ארויסצולייענען פון זיי, וואס ער רעדט. אז א שוויים האט אים כסדר באשלאגן. ס׳האט אים זייער הנאה געטון אויפצווייזן די יידן, אז ער איז זייערס אן אח־לצרה, ער ליידט, פונקט ווי זיי. נאך אלע פאר ווערטער, וואס ער האט ארויסגעזאגט, האט ער ליב געהאט איבערצוחזרן דעם פזמון אויף ענגליש, געווען זיכער, אז די שפראך פארשטייען שוין באשטימט די יידן:

— איך און איר... — האט ער געטייטלט אויף זיך און אויף די יידן — איין גורל!... מי ענד יו...

כאטש נאטאן האט געהאט מיט אים א גרויסע ארבעט, האט ער אבער ליב געהאט מיט אים צו זיצן. עפעס א ווארעמ־קייט, א טאטישע איבערגעגעבנקייט, האט געשלאגן פון אים, ווען ער האט זיך מיט גרויס פארלווירנקייט איינגעהערט מיט זיינע טויבע אויערן צום ראדיא, וואס האט געברענגט ידיעות וועגן זיין באפאלן לאנד. ער האט אפגעהיטן דאס אלטע אפגע־קראכענע קעסטל, ווי א טייערן אנטיק, מער פון אלעמען נישט געוואלט אפטרעטן דערפון. דער ראדיא האט הייזעריק געגרע־גערט, זיך געקרעקט, אלעמאל הויך ארויסגעשריגן, ווי פון גרויס ווייטיק, פלוצים אינגאנצן פארשטומט געבליבן, ווי ס׳וואלט אים אויסגעפעלט אטעם — אבער ער איז פון אים נישט אפגע־טרעטן. ער האט זיך איינגעהערט אין אים, אריינגעקוקט אין אים,

צווישן הימל און וואסער

ווי אין אַ לעבעדיק נפש, גערעדט צו אים, זיך געבייזערט אויף אים, הויך געשריגן, זיך געבעטסט, געביילט פויסטן.

נאָטאַן האָט ליב געהאַט צו רעדן מיטן גריך, אָבער אידע האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו אים, געמינטערט אַלעמאָל נאָטאַנען, ער זאָל גיין, אַז נישט גייט זי אַליין אַוועק.

און זי איז טאַקע אַליין געגאַנגען. און זי איז נישט געגאַנגען, נאָר טאַקע געלאָפן. זי האָט אַלעמאָל געשטעלט גרעסערע און געדיכטערע שפּרייזן, ביז זי האָט אָנגעהויבן אַזוי גיך צו לויפן, אַז נאָטאַן האָט זי קוים געקאָנט דעריאָגן. אַ ליאַדע וואָס, אַ ליאַדע קלייניקייט, האָט זי זיך באַלד באַליידיקט, כסדר באַפּוילן נאָטאַנען מיט איר גרעבלעך־הייזעריק מענעריש קול און טאַמער האָט ער זי נישט געפאָלגט, האָט זי זיך תיכף אויפגעקאָכט. ס'איז נישט מעגלעך געווען צו איר צו רעדן, זיך דערנענטערן צו איר, ווייל באַלד האָט מען ביי איר גערירט די קרוין פון קאָפּ און זי האָט זיך איינגאַנצן אָנגעצונדן.

גאַנצע טעג האָט זי געקאָנט ליגן אין דער הויך אויפן בעטל ביי זיך אין דער קאַבינע, אַ נישט־געוואַשענע און נישט־געקעמטע, און קיינעמען נישט צולאָזן צו זיך. איינגעדרייט אין אַ בייגל איז זי געלעגן, באַנעצט דאָס געלעגער מיט טרערן, האַלב־וואַכע־דיק געדזשימיעט. זי האָט דעמאָלט גאַנצע טעג נאָכאַנאַנד גאָר־נישט אין מויל געוואָלט נעמען. נאָטאַן האָט זיך געדרייט אַרום איר, געברענגט איר אַלעמאָל עפּעס פון דער קיך, וואָס ער האָט קוים מיט צרות פון קוכער באַקומען, אָבער זי האָט אַלץ געלאָזט שטיין, זיך צו גאָרנישט צוגערירט.

איינמאָל, בשעת נאָטאַן האָט זיך צו איר אַרויף געדראַפּעט, האָט ער זיך אַזוי שטאַרק איינגעקלעמט אַ פינגער אין דעם אייזערנעם בעטל, אַז ער האָט אַזש אַרויסגעשריגן פון גרויס ווייטיק. אָבער זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, זיך נישט צומאָל אומגעקוקט אויף אים. פּלוצים האָט זי זיך צעלאַכט — זיך צעלאַכט דורך טרערן מיט אַ סך גאַל. ס'האָט איר הנאה געטון, וואָס ער האָט זיך ווי געטון.

— פאַרוואָס וואַשסטו זיך נישט אָפּ?... פאַרוואָס קעמסטו

זיך נישט אויס?... זע נאר, וואס פארא פנים דו האסט!... פאר-וואס ביזטו אזוי שלעכט?... — האט נאטאן זיך געבעטן ביי איר.

אבער זי האט אים נישט געענטפערט און ער האט גערעדט ווי אין דער וואנט אריין. זי האט בלויז ארויסגעשטעלט פון צווישן די פולע אביסל־געשפאלטענע ליפן די שיטער־ווייסע פארפל־ציין, א בליאסק געטון צופרידן מיט די בורשטינענע אויגן און זיך נאך העכער און נאך גיפטיקער פארגאנגען אין לאכן, ווי דאס לאכן וואלט איר געברענגט א לינדערונג אין אירע צרות.

מיטאמאל האט זי זיך ראפטום אויפגעזעצט אויפן בעטל און שנעל אנגעהויבן עפעס מיטן מויל צו מאלן, ארויסגעווארפן פון זיך שטיקער אמת, וואס האבן, ווי שארפע חלפים, טיף געשניטן און ווי געטון. זי האט געהאט טענות צו נאטאנען, הלמאי ער לאזט זי נישט צו־רו, הלמאי ער גייט איר נאך ווי א שאטן און הלמאי ער גערענקט נישט בעסער דאס ווייב זיינס און דאס קינד, וואס ער האט איבערגעלאזט אין דער שרפה אן א שום השגחה. וואס האט ער זיך צוגעטשעפעט צו איר? וואס טרעט ער זי נישט אפ? איר גייט נישט ארויס פון זכרון אויף קיין איין מינוט הערשל און שרהלע!

גיך האט זי די ווערטער געווארפן פון זיך, ווי אויף אפצור-קומען, געמאלן שנעל מיטן מויל, גלייך די ווערטער וואלטן איר ווי געטון, געבריט די צונג און זי וואלט וועלן פון זיי וואס גיכער פטור ווערן, כדי ס'זאל איר ווערן אביסל גרינגער, אביסל לייכטער אויפן הארצן.

דערהערט די רייד, איז נאטאן שטיין געבליבן פארלוירן. ער איז אינגאנצן ביי זיך אראפגעפאלן. ס'האט זיך אים געדאכט, אז ס'האט אים ווער אויסגעטון נאקעט און אים געלאזט שטיין אזוי צווישן פרעמדע מענטשן. ער האט זיך אליין גענוג געפייניקט. די אלע צרות און פורעניותן, וואס יידן גייען אדורך, האט ער סיי־ווי צוגעשריבן זיינע מחשבות, וואס זענען נישט אינ-גאנצן ריין. אין גריכנלאנד ביי דעם יידישן סוחר, וואס האט זיי אויפגענומען אזוי קייזערלעך, אויסגעהאלטן זיי א לאנגע צייט מיט אלעמען, געגעבן זיי א דאך איבערן קאפ, האט ער זיך כסדר

צונעהערט צו די אַלע פּייניקונגען, וואָס די יידן מאַכן דורך אין דער היים און ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. אַרויפגעלייגט אויף זיך די שולד, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז ס'איז אַ גרויסע נאַרישקייט אַזוי צו קלערן. אָבער וואָס איז ער אַליין אַנטלאָפן, ווי אַ פּחדן? פאַרוואָס קומט דאָס אים אַזאַ שווילטאַג, בשעת די איבעריקע קומען אָפּ אַזוי שווער? וואָס איז ער עפּעס דער אויסדערוויילטער! וואָלט ער כאָטש נישט אַנטלאָפן אַזוי ווייט, נענטער געווען כאָטש אַביסל צו זיינע אייגענע. דאָס איז געווען טאַקע די סיבה, וואָס ער האָט נישט געוואָלט זיך אויפזעצן אויף דער שיף, וואָס פאָרט קיין אויסטראַליע, ווען דער סוחר האָט זיך פאַר זיי אַלץ אויסגעסטאַרעט. וואָס איז ער בעסער פון זיין קינד? וואָס איז ער בעסער פון זיין ווייב פּייניקע, וואָס זי מוז אַזוי פאַר אַלץ אָפּקומען?

בשעת ער האָט געקלערט וועגן פּייניקען, האָט אים דאָס האַרץ זייער פאַרקלעמט. וואָס האָט זי געהאַט ביי אים? די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געווען מיט איר צוזאַמען, איז ער איר געבליבן אַ פרעמדער. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געטיילט מיט איר מיט זיינע פּלענער, קיינמאָל זיך פאַר איר נישט אָפּגערעדט פון האַרץ. זי האָט דאָס אַלץ אַראָפּגעשלונגען, אַלץ אָנגענומען באהבה, ווי זי וואָלט אויף עפּעס בעסערס נישט פאַרדינט, געליטן אין דער שטיל. אַ שטאַלצע, האָט זי אים קיינמאָל קיין פאַרוואורף נישט געמאַכט, קיינמאָל אים נישט געמוטשעט, נישט אַרויסגעבראַכט אירע טענות.

אויך דאָס קינד זיינס, דאָס בלאָנד־האָריקע, דאַרע יינגעלע, האָט אים פאַרשטאַנען, כאָטש ס'איז נאָך קליין געווען. דאָס קינד, וואָס האָט געירשנט די געדולדיקייט און די רואיקייט פון פּייניקען, האָט עפּעס אַרויסגעפילט, אַז דער טאַטע איז נישט אַזוי שווה בשווה מיט דער מאַמען, אַז ס'קומט צווישן זיי עפּעס פאָר. דער זון זיינער האָט געפילט, אַז די מאַמע איז נישט אַזוי גליקלעך מיטן טאַטן און ער איז פון איר נישט אָפּגעטרעטן, ווי ער וואָלט וועלן פאַרטרעטן זיין, נאַטאַנס, אָרט ביי איר. שטענדיק האָט ער געקוקט אַרויף צו אים מיט זיינע ווייבע, גרויע

אוינג, ווי ער וואלט געבעטן ביי אים, ער זאל נישט אזוי שלעכט זיין צו דער מאמען. און איינמאל, בעת נאטאן האט זיך פאר־קוקט אויף אידען, איז דאס קינד צו אים צוגעקומען און אים אויפגעוועקט, ווי פון א חלום, אפגעווענדט זיין בליק פון דער מומע אידע און אים געפירט אין דער שטוב אריין צו דער מאמען...

נאטאן האט איצט געזען פאר זיך דעם זון אזוי קלאר, ווי ער וואלט פאר אים געשטאנען, געפילט זיין ווארעם, קנאביק הענטל אין דער האנט זיינער און געהערט די וויכע שטימע, וואס רופט אים:

— קום... קום טאטעליו אריין צו דער מאמען... די מאמעליו דארף דיך האבן... זי האט מיך געשיקט נאך דיר...

נאטאן איז ארויס פון אידעס קאבינע, אפגעמאכט ביי זיך, אז שוין, מער וועט ער צו איר קיינמאל נישט קומען. זיי טארן זיך מער נישט זען, זיי טארן זיך מער נישט באגעגענען.

IV

א פּאָר טעג זענען אוועק און זיי האָבן זיך נישט געזען. נאַטאַן איז נישט אַרויפגעקומען אויף דער דעק, געזעסן פאַרשפּאַרט אין דער קאַבינע און א־דע איז געלעגן ביי זיך אויפן בעטל. אָבער איינמאָל בעת נאַטאַן האָט שוין נישט געקאָנט מער איינזיצן אין דער קאַבינע, ווו די לופט איז געווען אַן עפּושדיקע, ממש דערשטיקט צו ווערן, האָט ער זיך פאַרקליבן אין א ווינקל אויף דער דעק און אָפּגעזעסן דאָרט א גאַנץ־גייענדיקן טאָג. דער שטיקנדיקער, געזאַלצענער ריח פון שוויס און ברוד פון די פיל מענטשלעכע לייבער, וואָס האָבן זיך שוין וואָכן־לאַנג רעכט נישט געוואַשן, געשלאָפן ענג־צוזאַמענגעדריקט אין דער פינסטערער קאַבינע, ווי אין א קאַמער, איז פאַרקראָכן אין יעדן קנייטש פון זיין פּנים, פון זיינע הענט און פון דעם אַנצוג, וואָס דער גריבישער ייִדישער סוחר האָט אים געשענקט. כאָטש ער האָט זיך געלופטערט א גאַנץ־גייענדיקן טאָג, האָט דער געזאַלצענער, וואָרעם־זויערער ריח בשום־אופן נישט געוואָלט אַרויס פון אַנצוג, וואָס האָט זיך שוין געריסן, נעקלעפּט פון שמוץ און איז לויז אַרומגעפּאַרן אויף זיין לאַנגן, אויסגעמאָגערט־קנאָכיקן גוף און געמאַכט אים אויסזען, ווי א ייִנגל, וואָס גייט אָנגעטון דעם טאַטנס בגדים.

נאַטאַן איז אָפּגעזעסן אין דעם ווינקל אויף דער דעק ביז שפּעט ביינאַכט און אַז ער האָט זיך סוף־כל־סוף צוריק אומגעקערט אין דער קאַבינע, כדי זיך צו לייגן שלאָפן, האָט ער באַמערקט, אַז ס'האָט זיך ווער ביי זיין בעטל געפּאָרעט. דאָס בעטל איז געווען אויפגעבעט, אויפגעפרישט, דאָס צעקנייטשטע און צעקנוילטע היי אין דעם קישעלע אויפגערודערט און צוגע־

גלעט. ס'איז באשיינפערלעך געווען צו דערקענען, אז א פרויאישע האנט האט זיך דא געפארעט.

א גאנצע נאכט איז נאטאן געלעגן אויף, אן אומרואיקייט האט זיך אין אים פארקליבן, וואס האט אים נישט געלאזט צוטון קיין אויג, כאטש ער איז געווען מיד און אויסגעשעפט. ער איז געלעגן ווי אין דער לופטן, זיך קוים צוגערירט צו דעם געלעגער, נישט געוואלט פארטרייבן דעם גוט־באקאנטן פרויאישן ריח, מורא געהאט צוריק צו צעקנייטשן דאס אלץ, וואס די פרויאישע האנט האט מיט אזויפיל מי און זארג אויסגעגלייכט.

ערשט פארטאג איז נאטאן אנטשלאפן געווארן. ער איז אפגעשלאפן הארט און אין איין אטעם ביז שפעט אין טאג אריין און אז ער האט זיך אויפגעכאפט מיט א געפיל, אז ער האט עפעס א זייער וויכטיקע זאך פארשלאפן, האט ער באמערקט לעבן זיין בעטל ליגן זיינס א העמד, וואס איז געווען פריש־אויסגעוואשן. נעכטן ביינאכט אין דער פינסטערניש האט ער אפנים דאס העמד נישט באמערקט.

נאטאן האט גענומען דאס העמד אין דער האנט אריין, וואס איז געווען הארט פון זאלץ און ים־וואסער, זיך מיטאמאל דער־מאנט דאס אלץ, וואס איז נעכטן ביינאכט פארגעקומען. די פרייד, וואס איז איבערגעריסן געווארן פון שלאף אויף עטלעכע שעה, האט אים צוריק ארומגענומען. דאס העמד, וואס אידע האט פאר זיינעטוועגן אויסגעוואשן, האט דורכן ריח פון ים און זאלץ נאך פריש געאטעמט מיטן באריר פון אירע פינגער, פון איר ליב — פון איר אינגאנצן. ער האט געגלעט דאס העמד, וואס זי האט ערשט אין אירע הענט געהאלטן, זיך נישט פארגינען דאס אנצוטון, צוריק אוועקגעלייגט עס אויפן זעלבן ארט, ווו ער האט עס געטראפן.

פונדעסטוועגן איז ער צו איר אין דער קאבינע נישט גע־גאנגען. ס'זענען ווידער אוועק עטלעכע טעג — טעג, ווען ער האט געוווסט אלץ, וואס זי טוט, וואס זי גייט טון. אבער ער האט זי אויסגעמיטן, געטון אלץ אין דער וועלט, כדי זיך מיט איר נישט צו טרעפן. שוין א פאר מאל איז ער געשטאנען פאר איר

קאבינע, אבער בשום־אופן נישט געקאנט פועלן ביי זיך די טיר צו עפענען.

כמעט שטענדיק, בעת נאטאן איז פאר אידעס טיר געשטא־נען, זיך געישובט, צי ער זאל אריינגיין, צי נישט, האט ער זיך אנגעשטויסן אויף דעם יונגן, שיינעם, דיקלעכן ווייבל בראניע, וואס איז צוזאמען מיט אידען אין איין קאבינע געשלאפן און וואס האט נאר געוואלט רעדן פויליש. דאס איז געווען א צופעליק אנשטויסן זיך, בעת וועלכן בראנ׳יע האט זיך כלומרשט זייער דערשראקן, זיך צוריקגעצויגן און דערשטוינט א געשריי געטון:

— אך, ווי איר האט מיך איבערגעשראקן!... אנטשולדיקן זי!... פשעפראשאם!

אבער נאטאן האט געזען, אז די מעשה איז נישט אינגאנצן גלאט ק, אז בראניע פארשט אים נאך, אז זי באהאלט זיך דא אוים הינטער דער טיר. זי האט זיך אפנים געכאפט אז ער און אידע געהערן זיך נישט אן מאן־און־ווייב און זי האט זיי כסדר נאכגעשפירט מיט ווייבערישער נייגעריקייט, נישט ארא פגעלאזט זיי פון אויג. די גאנצע צייט האט נאטאן דאס נישט באמערקט, אבער איצט איז אים דאס אלץ קלאר געווארן. בכלל האט נאטאן בראניען די גאנצע צייט נישט געזען און דאס האט זי זייער געקרענקט, ווייל זי איז דווקא געוווינט געווען, אז מענער זאלן איר נאכקוקן, שלינגען זי מיט די אויגן.

בראניע איז געווען דאס ווייב פון דעם גרויסן ברייט־פלייציקן מארקוס פעלדבוים, וואס מ׳האט אויף דער שיף באקרוינט מיטן צונאמען „אקס” צוליב זיינע גרויסע, וואסערדיק־מוטנע אויגן, ריזיקע הענט און ריזיקע פיס און דער עיקר צוליב דעם, וואס ער האט געציטערט פאר זיין ווייבל אימת־מות און נישט געוווסט, וואס פארא שיינע מעשים זי טוט אלץ אפ הינטער זיינע פלייצעס.

כאטש פעלדבוים איז געווען אן אנגעזעענער באלעבאס פון דער היים, געהאט א שיינע פאר מארג ערד הינטער לעמבערג אין גאליציע, האט ער זיך געהאלטן זייער פשוט, געווען צוגעלאזן צו יעדן איינעם. ער האט זיך נישט געמישט צו קיינעם און דורך דעם האט מען אים אויף דער שיף כמעט ווי נישט באמערקט.

ער איז בכלל געווען זייער א פּאָוואָליעדיקער, געהאַט אין זיך אַ סך פון אַ פּויער פון אוקראַינע, אָט פון דער געגנט, פון וועלכער ער אַליין שטאַמט, זיך קיינמאָל נישט אָנגעצונדן, קיין שום זאַך אין דער וועלט האָט אים נישט געקענט אַרויסברענגען פון זיין שטומפּיקער גלייכגעוויכט. ער האָט געטראָגן אַ גרין יעגער־קאַפּעליושל, רייט־הויזן און שטיוול און געררייכערט פּראָסטע מאַכאָרקע, וואָס ער האָט געוויקלט אין ביבולע־פּאַפּיר, פּונקט ווי די אוקראַינישע פּויערים. די מאַכאָרקע האָט ער אָפּגעהיטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. צו איין זאַך האָט ער אָבער געהאַט אַ גרויסע שוואַכקייט און דאָס איז געווען צום עסן. ער האָט ליב געהאַט גוט אָפּצועסן. און איצט, אין די הונגער־טעג, ווען די איינציקע שפּייז אויף דער שיף איז געווען דאָס ביסל זופּ, דאָס ביסל גרויפּן אָדער באָבעלעך, האָט ער זייער געליטן. מער ווי אַלע איז ער אַרומגעגאַנגען הונגעריק, געליטן שטאַרק, וואָס ער האָט נישט וואָס צו געבן דעם גרויסן הונגעריקן גוף זיינעם. דער גוף, וואָס האָט כסדר געמאָנט עסן, איז אָפּגעפאַלן פון טאָג צו טאָג אַלץ מער. פעלדבוים איז זייער אויסגעמאָגערט געוואָרן, ממש נישט דער זערלבער מענטש, די הויט אויפן פּנים איז אים שלאַ־בעריק נאָכגעהאָנגען אין זעקעלעך און פון די גרויסע מיִוטנע אויגן האָט אַרויסגעקוקט דער צער פון אַ הונגעריקער בהמה. ער האָט רק געחלומט פון עסן, כסדר זיך דערמאָנט, ווי זיין ווייבל פלעגט דאָס קאָכן פאַר אים די גוטע מאכלים. ס׳לינן אים נאָך איצט אין טעם די אויסגעברוינטע גאַליציאַנער קניזשעס, געפילט מיט שוואַרצער קאַשע און קנאַקנדיקע גריוון, דער רויטער אוקראַיני־שער באָרשט, געקאָכט אויף אַ פעטן מאַרך־ביין, דער אונגאַרי־שער געקנאָבלטער און געפעפערטער „פּיטשעי,“ וואָס ער האָט ליב געהאַט ווי דאָס לעבן...

בראָניע איז געווען פּונקט דער היפוך פונם מאַן. זי איז אַרויסגעקומען אַליין פון בעלי־מלאכות און נאָכדעם ווי זי האָט געטון דעם גוטן שידוך, האָט זי נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט זי איז, געקומען אַלע טאָג מיט אַ בריטשקע אין שטאָט אַריין. צו די עלטערן אין דער אָרעמער שטוב אַריין האָט זי אָבער

נישט ארייננעשטעלט א פוס, געהאלטן אין איין לויפן איבער אלע פוילישע טעאטערס און טאנץ-זאלן. אויסגעסטראַיעט איז זי געווען אין עסיק און אין האניק, געטראָגן היטן און קליידער פון די נרעסטע פירמעס. בלויז איין זאך האט איר פארסמט דאס לעבן — זי האט זיך געשראקן פאר איר אייגענעם ברודער, נח דעם סטאליער־יונג. מיטן ברודער, דעם בעל־מלאכה־יונג, האט זי זיך זייער געשעמט. און דערצו איז נאך נח געווען א „רויטער" און אז ער האט זי אין גאס געטראָפן האט ער איר געמאכט שווארץ, געהאט צו איר טענות, וואס זי שטיצט נישט די עלטערן און ער איינער אליין מוז טראגן דעם עול פון דער גאנצער שטוב.

אויך אויף דער שיף, ווו דער ברודער איז צוזאמען מיט איר געפארן, האט זי געהאט פון אים צו זינגען און צו זאגן, נאָרנישט וואס זי האט געטון איז אים געפעלן און ער האט שטענדיק גע-האלטן דעם מאנס צד.

אָבער בראַניע האט זיך צו אים ווייניק צוגעהערט, געשפילט די זעלבע ראלע, וואס אין דער היים. ארומשפאצירט אויף דער שיף מיט דער גאנצער זיכערקייט אין זיך פון שיינע ווייבער, וואס וויסן, אז מענער קריגן פאר זיי די כפרה. כאטש אלע זענען שוין ארומגעגאנגען אפגעריסן־אפגעשליסן און ביי קיינעם איז נישט געווען דער קאפ זיך אנצוטון, האט זי פונדעסטוועגן נאך אלץ געפונען אין וואס זיך צו סטראַיען, פון אונטער דער ערד אויסגעזוכט פארשידענע קאלירקע שמאטקעס און בענדלעך, אין וועלכע זי האט זיך געוויקלט, ארומגעבונדן מיט זיי אירע שיינע, געדיכטע, שווארצע האר. בעתן גיין האט זי געוויגט אירע קייר-לעכדיקע היפטן, געוויזן איר פולן האלז. וואס איז געווען אזוי טיף אויסדעקאלטירט, אז ס'האבן גנביש ארויסגעקוקט אירע ברוסטן, וואס זענען געלעגן ענג־צוזאמענגעפרעסט, ווי צוויי זאפטיקע עפל. די מאטראַזן, וואס זענען שוין לאנגע וואכן געווען אויסגע-הונגערט נאך א פרוי, האבן זי געפרעסן מיט די אויגן, מיטן מבינישן בליק פון מענער געוווינגן און געמאסטן דעם ווערט פון איר יעדן אבר באזונדער, אונטערגעוווּנקען צו איר צווייזייטיק, גערופן זי נישט אנדערש ווי „עוומארפי," גערעדט צווישן זיך־

נבֿול־פּה, כדי כאָטש אַזוי־אַרום צו שטילן דעם הונגער זייערן:

— אַ כאָליערע זאָל עס נעמען, זי איז ווערט אַן עבֿרה... — האָבן זיי געשמאַקעוועט, ווי ביי אַ גוטן מאכל — די אָורעי, דער רוח זאָל זיי כאַפּן! שיינע ווייבלעך זענען דאָ צווישן זיי... פאַר איינמאָל זיך איבערשלאָפן מיט איר, לוינט זיך אָוועקצוגעבן אַ חודש פאַרדינסט!...

אָבער בראָניע האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט, כאָטש דעם אמת געזאָגט, האָט איר הנאה געטון, וואָס זיי לאָזן פון איר נישט אַראָפּ אַן אויג. זיי אויף צופּיקעניש האָט זי נאָך מער געווינט אירע קיילעכיק־פולע היפטן, דורכגעגאַנגען לעבן זיי פון דער נאָענט, אַז ס׳האָט זיי אַזש אָנגעהויבן שווינדלען אין קאָפּ — נאָר דאָס איז געווען אַלץ. און מ׳האָט טאַקע געקענט מיינען, אַז מענער ליגן איר אין דער לינקער פּיאַטע. אָבער די גאַנצע שיף האָט געוווּסט צו דערציילן, אַז בראָניע איז שוין גאָרנישט גאָט די נשמה שולדיק און אַלע אויף דער נאַכט, ווען ס׳ווערט פינסטער, פוצט זי זיך אויס אין אירע קאָליריקע שמאַטקעס, קעמט זיך לאַנג די האָר אינם אָפּגעריבענעם, פאַרשוואַרצט־אָפּגעבראָכענעם שפּיגעלע, מיט וועלכן זי שיידט זיך קיינמאָל נישט און זי טרעפט זיך מיטן שלאַנקן, הויכן, אויסגעפּראַנטעוועטן קעלנער. אין אַ ווינקל שיף, אויסבאַהאַלטן פון אַלעמענס אויגן, זיצט זי מיטן קעלנער ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. און וואָלט דאָס כאָטש אומזיסט געווען, אויס ריינער ליבע, אָבער פון דעם קעלנער באַקומט זי דאָך די פאַרשידענע סוכאַרקעס און טשאָקאַלאַדקעס, וואָס זי האַלט אין איין נאַשן פון די קעשענעס אַרויס. פון די טשאָקאַלאַדקעס און סוכאַרקעס, מיט וועלכע זי דערכאַפּט זיך אַלעמאָל דאָס האַרץ זענען דאָס טאַקע אירע פּיסקלעך נאָך אַלץ קיילעכיק און ראָזאַ, בעת ביי די איבעריקע ווייבער, זענען זיי שוין אויסגעמאָגערט און ביינערדיק. כאָטש אַלע הונגערן, פּונקט ווי זי, פונדעסטוועגן פאַרקויפט זיך נאָך נישט קיינער.

מ׳וואָלט איר דאָס אַלץ שוין זיכער נישט מוחל געווען, ווען זי וואָלט פון דעם אַלעם גוטן, וואָס זי באַקומט פון קעלנער, בלויז

אליין געגאסן, אבער זי האט אלעמאל די נאשערייען אונטערגע־שטופט די קינדער אויף דער שיף. אליין האט בראניע קיין קינדער נישט געהאט און זי איז אויסגעגאנגען פון בענקשאפט נאך זיי. זי האט זיך ליב געהאט מיט די קינדער צו שפילן, אויסגעטראכט פארשידנערליי שפילערייען. צומייסטנס האט זי ליב געהאט מיידלעך. זי האט זיי געסטראיעט, פונקט ווי זיך אליין, אין פאר־שידענע קאליריקע שמאטקעס, געקעמט ביי זיי לאנג די האר, און זיי געהייסן ארייננקוקן אינם אפגעריבענעם שפיגעלע אירן, כדי צו זען צי זיי געפעלן זיך. אין די קינדער האט זי דאס ארייג־געשטופט אלעמאל די נאשערייען.

מ׳האט בראניען צוליב דעם אלץ מוחל געווען, אוועקגעקוקט אין א זייט און געשמועסט צווישן זיך, אז ס׳וואלט א יושר גע־ווען צו שיקן זי צום קאפיטאן זיך משתדל זיין פאר די יידן. גע־פאלן אויף דעם שכל איז נישט קיין אנדערער ווי פאביאַש, וואס האט ארייננגערעדט אין די יידן מיט גרויס ברען:

— אפשר... אפשר וועט זי געפינען חן אין קאפיטאנס אויגן... — האבן ביי פאביאַשן די קליינע שווארצע אייגעלעך געפינקלט, זיך געצונדן מיט גרויס איבערציינונג, געלאפן שנעל אהין און צוריק, ווי זיי וואלטן וועלן אנטלויפן ערגעץ — אזא ליכטיק מענטש... אזא שאנקייט... אזא פארשוין... אז דער ערל וועט זי דערזען, וועט ער דאך ווייך ווערן, ווי א לעמעלע און מ׳וועט איינמאל פאר אלעמאל וויסן, צי מ׳וועט אונז ארייגלאזן ערגעץ, צי מ׳וועט אומקומען דא, אינמיטן ים! ס׳איז דאך א מעשה אן א סוף! ס׳איז דאך נישט אויסצוהאלטן!...

נאטאן האט וועגן בראניען אט די אלע מעשיות עפעס יא געהערט און עפעס נישט. זיי זענען אים קיינמאל נישט אנגע־גאנגען, נישט געלעגן אין זינען. און ערשט איצט, פאר אידעם טיר, ווו ער איז געשטאנען צוזאמען מיט בראניען, האט ער זיך אין דעם אלעמען דערמאנט. כדי נישט צו ציען קיין שום אויפ־מערקזאמקייט אויף זיך און נישט אויף אידען, האט ער בא־שלאסן וואס גיכער ארייגצוגיין אין דער קאבינע. דערווייל האט בראניע פארשנדיק אים אנגעקוקט מיט יענעם פארשטענדיקן

צווידייטיקן קוקעלע פון זינדיקע ווייבלעך, וואָס האָבן ליב יעדן איינציקן צו פאַקן אויף דער הייסער מינוט, כדי זיך אליין ריין צו מאַכן, אָראָפּשאָקלען פון זיך די עבירות...

נאַטאַן איז אריין צו אידען, נעטראָפן זי ליגן אויפן בעטל אין דעם זעלבן מעמד, פונקט ווי ער האָט זי מיט עטלעכע טעג צוריק דאָ איבערגעלאָזט. ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך די גאַנצע צייט פון בעטל נישט אויפגעהויבן, נישט גערירט פון אָרט. ביי זיין אריינקומען האָט זי צומאָל נישט אויפגעהויבן צו אים די אויגן, זיך נישט קיין באַוועג געטון, ווי ס'וואָלט נישט געווען ביי איר קיין שום נייעס, אַז ער וועט צוריקקומען, ווי זי וואָלט דאָס פון פאָרויס געוווסט, זיכער געווען אין דעם.

נאַטאַן האָט זיך צו איר צוגעזעצט, נישט אַרויסגערעדט צו איר קיין וואָרט. אידע האָט זיך צו אים אָנגערופן מיט דעם זעלבן וואַכעדיקן קול, ווי זי וואָלט פאָרטגעזעצט עפעס אַן אַלטן אָנגעהויבענעם שמועס. די שרעק אירע צוליב נאַטאַנס פּלוצימדיק פאַרשווונדן ווערן, וואָס האָט זי נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין איין רגע די גאַנצע צייט, איז איצט, בעת ער איז געזעסן אַזוי נאָענט פון איר, מיטאַמאָל אַוועק און עס האָט זי צוריק אַרומגענומען אַ גרויסע גלייכגילטיקייט צו אַלץ און צו אַלעמען.

אידע איז נישט מיד געוואָרן אויף קיין איין מינוט, ווידער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן הערשלען, וועגן שרהלען, וועגן טאַטע־מאַמעס דאָרט ערגעץ אין פוילן. ווער ווייסט, וואָס איז מיט זיי געוואָרן? צי לעבן זיי נאָך! אויף די אַלע קאָרטלעך און בריוו, וואָס זיי האָבן כסדר פון גריכנלאַנד געשיקט, איז דאָך נישט אָנגעקומען קיין שום תשובה. שרהלע קומט איר כסדר צו חלום, שטרעקט צו איר די הענטלעך פון דער שרפה אַרויס און רופט זי:

– מאַמעליו! — שרייט דאָס קינד צו איר — מאַמעליו!.... ראַטעווע מיך!... ווו האָסטו מיך איבערגעלאָזט!... כ'לייד אַזעלכע יסורים, מאַמעליו!...

אויך איצט, אויף דער וואָר, הערט זי דאָס בעטנדיקע קול פונם קינד און זי זעט די הענטלעך, וואָס שטרעקן זיך צו איר פונם פייער און זי שרייט פון ווייטיק, פאַרשטעלט זיך מיט די

הענט די אויגן, פארשטעלט זיך די אויערן, ווייל זי פילט, אז ס'איז איבער אירע כוחות, זי וועט דאס נישט איבערהאלטן.

אידע האט זיך פאוואליע אופגעזעצט אויפן געלעגער, לאנג זיך געפארעט מיט דער האנט אינם קישעלע און ארויסגעשלעפט פון דארט עפעס א ראזא שמאל בענדעלע. נאטאנען האט מיטא־מאל א זעץ געטון אין הארץ, ווייל ער האט דערקענט שרהלעס באנד צו די האר, וואס דאס קינד האט געטראגן, ווען זיי זענען פון ווארשע אנטלאפן. ביז אהער האט אים אידע קיינמאל די באנד נישט געוויזן און אז ער האט זי איצט פלוצים דערזען, האט ער זיך עפעס דערשראקן. אידע האט די קאקארדע געצערטלט אין די הענט, געמאכט א שלייף און זי צוריק באלד אויפגעלאזט. זי האט דערציילט ווי זי האט די באנד פארפלאכטן אין קינדס טונ־קעלע האר, זיך איינגעקוקט, צי זי פאסט איר צו אירע בלויע אויגן. אבער שוין דעמאלט האט איר עפעס דאס הארץ אונטער־געזאגט, אז זי טוט די קאקארדע אן דעם קינד דאס לעצטע מאל און אזוי איז עס טאקע געווען. דאס הארץ האט איר אזוי ווי געטון, אזוי געצויגן פון גרויס בענקשאפט... אידע האט איבער־געחזרט איר מאמעס רייד:

— דאס הארץ נארט קיינמאל נישט אפ... עס ווייסט שטענ־דיק אלץ פון פאראויס...

וויאזוי די באנד קומט איצט צו איר, קען זי זיך בשום־אופן נישט דערמאנען. דער זכרון איז אפנים ביי איר זייער אפגע־שוואכט געווארן. געוווינ איז, אז מער וועט זי שוין קיינמאל נישט די באנד אין קינדס קעפל פארפלעכטן...

נאטאן האט איר גארנישט געענטפערט, נישט געשטערט דאס רעדן, געזעסן אן באוועגונג און זי גלייך אנגעקוקט. שרהלעס ראזא באנד דא פלוצים אין דער קאבינע האט ביי אים איינגאנצן דאס לשון אפגענומען און ער איז געזעסן, ווי געליימט. ער האט נישט געוווסט וואס צו טון. אבער פלוצים האט זיך דערהערט א לייכטער קלאפ אין דער טיר און נישט ווארטנדיק אויף קיין שום ענטפער, איז אין דער קאבינע גיך אריינגעקומען בראניע,

זי האָט זיך כּלומרשט זייער דערשראָקן, זיך האַסטיק צוריקגע־צויגן און געפרעגט מיט אַ סך געמאַכטער איידלקייט אין קול:

— ס׳איז ערלויבט?... מ׳קען אַריינגיין?... אַך, ענטשולדיקן זי... פּאַרדאָן... דאַכט זיך, אַז עך האָב געשטערט... אָבער גלויבט מיר, אַז כ׳בין גאָרנישט אויסן געווען... גאָט בעוואַרע!... כ׳בין נישט פון די מענטשן, וואָס האָבן ליב אַריינצוקוקן יענעם אין טעפּל אַריין... גאָט בעהיטע!...

זי האָט פאַרשנורעוועט זייער אומשולדיק דאָס פּיסקעלע, געערדט נאָך עפּעס אַ סך אויף איר דייטשמעריש לשון, געמישט מיט פּויליש, מכּלומרשט געוואָלט אַרויסגיין, אָבער כּסדר גע־שטאַנען אויף איין אָרט און מיט די אויגן אין איין רגע אַלץ אַרומגענומען, געפאָרשט, וואָס דאָ קומט פאָר. די גאַנצע צייט איז זי געשטאַנען אין דער אָפענער טיר, וואָס זי האָט אומישנע נישט פאַרמאַכט הינטער זיך, כּדי אַלע זאָלן קאָנען פראַנק־און־פריי דאָ אַריינקוקן.

אין נאַטאַנען האָט דאָס בלוט אויפגעקאָכט, ער איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטקייט און זיך קוים איינגעהאַלטן מיט אַלע כּוחות זי נישט אַרויסצוואַרפן. ער האָט בשום־אופן נישט געקאָנט באַנעמען מיטן שׂכל, ווי מ׳קאָן אין אַזעלכע ביטערע צייטן זיין אַזוי שלעכט, אין זיינען האָבן אַזעלכע נאַרישקייטן.

אויפצומאָרגנס האָט שוין די גאַנצע שיף געוווסט, אַז נאַטאַן און אידע זענען נישט קיין פּאָר־פּאָלק און מ׳האָט געהיטן זייער פּוס־טריט, אַריינגעקוקט זיי אין די אויגן אַריין מיט אַן אַלץ־ווייסעריש שמייכעלע און אין די לאַנגווייליקע, פּוסטע טעג זיך געהאַט מיט וואָס צו פאַרנעמען, ווענן וואָס צו רעדן...

V

ווען נאטאן און אידע זענען אראפ פון אלעמענס ציגנער, איז אויף דער שיף פלוצים פארנעקומען א שפאגל־ניי געשעעניש, וואס האט איעדן שטארק פארכאפט.

פארפלאנטערט אין דעם זענען געווען פרוי האדעס מיט אירע טעכטערלעך און פאביאש מיט זיין ווייב און קינדער.

אויף דער שיף איז באלד אויסגעבראכן א ויצעקו און ס'האבן זיך געבילדעט צוויי צדדים. איין צד האט געהאלטן פאר פרוי האדעס און דער צווייטער צד פאר פאביאשן.

פאביאש איז ארומגעפלויגן, ווי א צעדולטער, זיך אליין געזידלט מיט דער בלאטע צוגלייך און געשריגן צו זיך אליין:

— צו וואס האט עס מיר געטויגט!... — האט ער געשריגן:

— צו וואס האט עס מיר געטויגט?!...

אבער צוריקדרייען האט ער שוין גארנישט געקאנט און ער האט זיך געפילט שפל אין זיינע איינענע אויגן, זיך באקלאגט, אז ער איז אראפגעפאלן און ער האט שוין מער נישט קיין אנזען ביי קיין שום מענטש.

— אז איינער פאלט... — האט ער אויף זיך אליין געזאגט,

— פאלט ער שוין ביז אראפ!...

פאביאש האט זיך געפילט טאקע שולדיק און ער האט דערציילט פאר יעדן איינציקן באזונדער די זעלבע מעשה, ווי ער האט שוין נישט געקאנט מער צוזען דעם צער פון זיין קליין יינגעלע, וואס איז ארומגעגאנגען מיט א פארחלשט הערצל און, ווי ער האט שוין נישט געהאט קיין אנדערע ברירה און איז אזוי אראפגעפאלן, אז ער האט צוגענומען ביי פרוי האדעסעס א מיידעלע א סוכארקע און אונטערגעשטופט זיין קינד... אז ער

האָט געפּילט ווי דאָס עופּהלע גייט אויס, וואָס־זשע האָט ער געזאָלט טון?... פּאַביאַש האָט זיך פאַרענטפערט:

— וואָס איז דער געוואַלד?... וואָס האָב׳ך אַזוינס געטון?... וואָס האָב׳ך אַזוינס געזינדיקט?... אַז סך־הכל האָב׳ך ביים קינד דאָס סוכארקעלע נישט אַרויסגענאַרט, ווי ס׳זאָגט די פרוי האָדעס... ס׳איז שבר וכזבו!... סך־הכל האָט דאָס קינד אליין אַוועקגעלייגט די סוכארקע אויף אַ טרעפּל...

כאָטש אַלע האָבן געוווּסט, אַז די מעשה הייבט זיך נישט אָן און לאָזט זיך נישט אויס, אַז ס׳איז אַזוי נישט געווען און פּאַביאַש האָט פּשוט די סוכארקע אַרויסגענאַרט פון קינדס הענט, האָבן פונדעסטוועגן אַלע, אפילו פּאַביאַשעס שונאים, אַוועקגעקוקט אין אַ זייט און געלאָזט אים באַקומען דעם ליגנט. בלויז פרוי האָדעס האָט נישט געשוויגן, אינגאַנצן געקאָכט און אַריינגעשפּרונגען אים אין די רייד:

— געפונען... געפונען... — האָט זי אים נאָכגעשפּעט מיט אַ סך לאַקריצדיקער זיסקייט אין קול — קוקט נאָר אָן דאָס כומיקל!... קוקט נאָר אָן דעם צדיק אין פּעלץ!... מ׳קען דאָך טאַקע מיינען, ער איז גאָט די נשמה שולדיק... פּערעלעך שיטן זיך דאָך אים פון מויל!.. איין מערכה, אַז דאָס קינד איז אָן עדות...

און פרוי האָדעס האָט זיך נישט געפוילט, גענומען רופן דאָס קינד, כדי ס׳זאָל עדות זאָגן, בעת־מעשה נישט אָפּגעלאָזט פּאַביאַשן:

— ליגנער!... — האָט זי צו אים געשריגן, גענומען אים פּלוצים „דוצן" — זאָלסט אַזוי לעבן, צי דו זאָגסט כאָטש איין וואָרט אמת... דו ביזט דאָך אַ גנב מיט די אויגן... אַז קומען קומט דאָס אַרויס פון די גערער קראַדניקעס, קען מען אים דען איין וואָרט גלויבן?...

דאָס איז שוין געווען אַביסל צופיל, אַביסל איבער דער טבע, ווייל כאָטש קיין סך גוטע פריינט האָט פּאַביאַש נישט געהאַט און ס׳האָט יעדן אַ קאַפּעלע הנאה געטון, וואָס מ׳זאָגט אים אריין, האָט קיינער שוין נישט געקאָנט דאָס פאַרטראָגן. אַלע

האָבן געשוויגן, אפילו די, וואָס זענען אַרויס קעגן פּאַביאַשן, געהאַלטן, אַז ער האָט געטון אַ גרויסע עוולה. מ׳האָט זיך־געשעמט אויפצוהייבן דעם קאָפּ, צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין — אַי צוליב דעם, וואָס פּאַביאַש איז נעבעך געקומען צו אַזאַ מדרגה, אַז ער האָט געמוזט גנבענען ברויט ביי אַ קינד, אַי צוליב דעם, וואָס פרוי האָדעס, שטענדיק אַזאַ איידל מענטש, איז אַרויס מיט אַ לשון, ווי די ערגסטע מאַרק־זיצערין... וואָס צרות קענען אַלץ פון אַ מענטש מאַכן... פונדעסטוועגן האָט אָבער קיינער נישט געעפנט דאָס מויל און פּאַביאַש וואָלט זיך געמעגט אויסגראָבן אַ קבר און לעבעדיקערהייט באַגראָבן, ווען נישט דאָס ווייב זיינס, וואָס איז אים צו הילף געקומען. פּאַביאַשעס ווייב, שטענדיק אַ שוואַכע, קוים זי גייט, קוים זי רירט זיך, מיט געשוואָלענע הענט און פיס, באַדעקט מיט ווינטער־ביילן, סיי ווינטער, סיי זומער, האָט נישט געקאָנט מער צוזען, ווי מ׳איז מביש איר מאַן. זי האָט זיך נישט געטאָרט צופיל באַוועגן, נישט געטאָרט צופיל אַרומטאַנצן און פון דאָרט, וווּ זי איז געשטאַנען, האָט זי אויסגעשאָסן, אַז אַלע האָבן זיך אַרומגעקוקט, נישט געוווּסט פון וואַנען דאָס קול גייט:

— פּי... פּי... פּי... אַ קלייניקייט... קוק זי נאָר אָן די וואַרשעווער מאַדאַם!... דעם וואַרשעווער פּרעסער!... — האָט זי זיך נישט גערירט פון אָרט, געשטאַנען צוגעטשוועקט, ווי אַ געטש פון שניי, וואָס ביי אַ ליאַדע ריר צעפאַלט ער זיך, בלויז דאָס מויל האָט ביי איר געקנאַקט, געשיט פּעך און שוועבל — אַלץ איז איר ווייניק!... די גאַנצע וועלט וואָלט זי איינגעשלונגען... אַז די אויגן זענען גרעסער ביי איר פון דעם האַלז... מיט וואָס איז דיין קינד בעסער פון מיינעם?... וואָס־זשע איז, אַז מיין הונגעריק עופהלע האָט אויך עפּעס אין מויל אַריין גענומען?... ס׳קינד איז דאָך שוין בלויזע ביינער... מ׳קען דאָך ביי אים אָפּציילן די ריפּעלעך... נאַ, זע... נאַ...

און פרוי פּאַביאַש האָט זיך לאַנג נישט מישב געווען, נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, אָפּגעשפּילעט ביים קינד דאָס העמדל, באַטאַפּט די דאַרע ביינדעלעך און זיי געשטופּט דער פרוי האָדעס

אין די אויגן אריין. דאָס יינגעלע, צוגעווינט פון שטענדיק אָן, אַז קיינער זאָל זיך אויף אים נישט אומקוקן, האָט זיך פון אָנהויב שטאַרק דערפריית, וואָס די מאַמע נעמט זיך אַזוי אָן פאַר אים, וואָס אַלע קוקן אים אָן און ער איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן ביי זיך אַליין אין די אויגן. באַלד האָט ער אָבער דערזען דער מאַמעס צעקרומטן פּנים, די טרערן, וואָס שטיקן איר אין האַלז, אירע הענט, וואָס האַלטן אין איין בלאָנדזשען איבער זיינע דאַרע ביינדעלעך און ער האָט זיך פּלוצים צעוויינט, זיך פאַרגאַנגען אַלע מאָל העכער. דעם קינדס טרערן האָבן דער מאַמען צוגעגעבן נאָך מער קוראַזש און זי איז ערשט אַרוים אויף אַ רעכטן אמת אויף דער פרוי האָדעס.

— דעם קינדס טרערן וועלן דיר געשענקט נישט ווערן!... גאָט וועט דיך דערפאַר שטראָפן!... ווילסט דאָ דווקא שפּילן די גרויסע ראָלע, אָבער קוק דיך נאָר אָן, ווי דו זעסט אויס!... גייסט דאָך שוין, כ'בעט איבער אייער כבוד, מיטן סטאַן איני דרויסן... דו זעסט דאָך שוין אויס ווי אַ וואָרע שלעפּערין!... האָסט דאָך שוין נישט אויף דיר קיין רעכטן בגד!... ס'איז נאָר צו קייכן פון געלעכטער, כ'זאָל אַזוי לעבן...

אָפּגעזאָגט דאָס אַלץ, האָט זיך די פרוי פּאַביאַש אַוועקגע־שטעלט לאַכן — געלאַכט מיט יאַשטשערקעס, מיט גאַל, זיך בשום־אופן נישט געקאָנט מער איינהאַלטן. זי האָט זיך אַזש געקאַטשעט פון געלעכטער, שוין נישט געדענקט אפילו אין דעם, אַז זי טאָר זיך נישט צופיל באַוועגן, זי טאָר זיך נישט צופיל אָנשטרענגען. די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום, האָבן זיך פאַר איר דערשראָקן, צוגעלאָפן צו איר און זי געמינטערט, געמיינט, אַז זי איז אַראָפּ פון זינען. אָבער זי האָט קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיך, אַלעמען גלייך אָפּגעשטופּט.

ביי דער פרוי האָדעס איז דאָס בלוט אַוועק פון פּנים און זי האָט זיך אינגאַנצן געוואָרפן. זי האָט בגנבה, קיינער זאָל נישט באַמערקן, אַ בליק געטון אויף אירע קליידער, וואָס זענען אויף אָן אמת געווען שטאַרק אַלט און אָפּגעטראָגן, אָבער קיין ריס, קיין לאָך, איז אויף זיי נישט געווען צו געפינען. די פּאָר

קליידער, וואָס זי האָט נאָך פֿאַרמאָגט, האָבן זיך שוין געהאַלטן אין שיטן, אין צעפֿאַלן, אָבער זיי זענען אַלעמאָל געווען ריין־אויסגעוואַשן און פֿאַרצערעוועט. אויף אַזאַ באַליידיקונג פֿון פּאַביאַשעס ווייב האָט זי זיך נישט געריכט און זי איז צוגעגאַנגען צו איר מיט גלאַסן־פּאַוואָליעדיקע, געציילטע טריט און מיט אַ סך שטאָלצקייט און ווירדע איר אַ שטויס געטון מיט דער האַנט. דעם שטויס האָט זי געגעבן מיט אַזאַ גאַוודיקן אויסדרוק אויפֿן פּנים, ווי מ׳טוט אַמאָל אַ קלאַפּ אַ נידעריקערן מענטש פֿון זיך, פֿון וועלכן מ׳מיאוסט זיך...

מער האָט נישט געפֿעלט. פֿרוי פּאַביאַש האָט זי אַ כאַפּ געטון פֿאַרן בלוזקעלע און ביידע ווייבער האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין זיך, זיך פֿאַרפֿלאָכטן. דאָס איז געשען אַזוי שנעל, אַזוי אומגעריכט, אַז איידער די יידן האָבן נאָך באַוויזן וואָס צו טון, זיי אָפּצורייסן פֿון זיך, זענען זיי שוין געווען אַריינגעטון מיט לייב און לעבן אינם געשלעג. די קינדער זענען אויסגעבראָכן אין אַ יללה, זיך פֿאַרגאַנגען אַלע מאָל העכער. און די מאַטראָזן, וואָס האָבן געטראָגן אַ בייז האַרץ אויף די יידן, וואָס צוליב זיי מוזן זיי זיך שלעפּן אַזוי לאַנג אויפֿן ים, ווו מ׳איז יעדן טאָג איינגעשטעלט מיטן לעבן, זענען געשטאַנען אַרום אין אַ רעדל און געשפּאָט און געלאַכט. אין זייערע לעדערנע, צעשמיסענע, האַרטע פּנימער האָט זיך געגעסט אַ צופֿרידנקייט און אַ שאָדן־פֿרייד, אַרויסגעקוואָלן פֿון יעדן איינציקן קנייטש און קאַרב. אין די אויגן האָט געפֿינקלט אַ הפקרות. די מאַטראָזן איז שוין אַלץ איינס געווען. ס׳איז זיי לאַנגווייליק געווען און זיי האָבן געזוכט עפּעס אַ פֿאַרווייילונג די צייט צו פֿאַרטרייבן. און דאָ האָבן זיי געפּאַקט אַזאַ טייערע זאַך. מיטן אייביקן ביטול פֿון גוים צו יידן, וואָס קאָנען זיך נישט שלאָגן, קאָנען נישט אַ האַנט אויפֿהייבן, האָבן זיי אָנגערייצט די ווייבער איינע קעגן דער אַנדערער, אונטערגעגעבן פֿייער, געאַרבעט מעשים מיט די הענט, געמאָלן אויף זייער פּרעמדן לשון, כאָטש קיינער האָט זיי נישט פֿאַרשטאַנען:

— נו, פּאָדאווע, באַבע! אָט אַזוי איז גוט! נישט געזשאַלע־

זועט!... נאך שטארקער! באלד וועט מען זען, ווער ס'האט מער כוח... — האבן די מאטראזן אזש געשפיגן אין די הענט פון פרייד, געקוואלן, וואס יידן שלאגן זיך צווישן זיך — א נו, אוורעי, יידעלעך, וואס שטייט'ר מיט פארלייגטע הענט? וואס לאזט'ר שלאגן אייערע ווייבלעך?!...

אבער די יידן האבן זיך נישט ארייגעמישט אין געשלעג. פארקערט, זיי האבן געזוכט כהרף־עין די ווייבער צו צעריסן. און אז די ווייבער זענען שוין געשטאנען אפגערוקט פון זיך, פארשעמטע און געפאלענע ביי זיך צוליב דעם, וואס זיי האבן זיך אזוי פארגעסן, האט ר' לייזער דער שפייז־קרעמער, א בלאסער, אן א שטיקל מראה אין פנים, זיך געבייזערט:

— פע... — האט ער זיך געבייזערט און נישט געקוקט אין די ווייבערס זייט אריין — עטץ מעגטץ ענק שעמען אין אייער וויטן האלז אריין!... וואס איז דא געשען רחמנא לצלן?... ס'איז דאך נאך ערגער ווי, להבדיל, ביי גוים, ווען זיי שיכורן זיך אן... שוין בעטץ ענק איבער! ווער האט דאס געזען, אז יידן זאלן זיך שלאגן און נאך דערצו ווייבער?... ס'איז דאך שוין עק וועלט...

איצט זענען שוין אלע געווען אויף פאביאשעס זייט, געוווסט, אז די פרווי האדעס האט די ערשטע דאס געשלעג אנגעהויבן. פאביאש איז איצט געווען אויפן פערדל. אבער די געשוווירענע שונאים זיינע, האבן דאך נישט געקאנט צוזען, ווי ער פאטשט זיך אין בויך, ווי ער מאכט אזא אומשולדיק פנימל, גלייך ער וואלט נישט געקענט קיין צוויי ציילן. זיי האבן גאנץ גוט געוווסט, אז שוין א צייט לאנג ווי פאביאש רוימט אראפ בשתיקה עסנווארג און באהאלט עס ביי זיך. ביי אים אין דער וואליזע איז שוין א גאנצער שפייז־סקלאד און די שטשארעס האבן זיך ביי וואס צו פארען. שוין נישט איינמאל האט מען אונטערגעקוקט, ווי ער שלעפט עפעס בגנבה פון די קעשענעס. איצט איז געקומען די צייט דער בלאטער זאל פלאצן!...

און טאקע שוין, ווי זיי וואלטן מורא געהאט א רגע צו פארלירן האבן פאביאשעס שונאים געשלעפט אלעמען אין דער קאבינע אריין צו זיין וואליזע, מ'זאל זען וואס דארטן טוט זיך.

נאָך דער מעשה איז פּאַביאַש אַרומגעגאַנגען, ווי נישט אויף דער וועלט, אויסגעמיטן יעדן איינציקן, זיך באַהאַלטן פאַר מענטשן און מ׳האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז אין דעם יונגען־מאַן, וואָס איז אַמאָל געווען אַזאַ תקיף, וואָס האָט אַזויפיל גע־שטעלט אויף זיך, קומט עפּעס פאָר. ס׳איז שוין נישט דערזעלבער מענטש. ר׳ ליזער דער שפּייז־קרעמער האָט טאַקע געמוסרט די יידן, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעקומען שבת צו דאַווגען מיט מנין. ר׳ ליזער, וואָס האָט געקענט דעם לוח פון אויסנווייניק, געגוי געפירט חשבון, געוווסט ווען ס׳איז שבת און ווען ס׳פאַלן אויס די יום־טובים, האָט געטענהט:

— נישט געטאָרט אים אַזוי מביש זיין, פּאַביאַשן... — האָט ער געערדט האַלב צו די יידן און האַלב אין דער שמאָלער און דאַרער באָרד זיינער, וואָס האָט לכבוד שבת אויסגעזען עפּעס פריש און בהרחבהדיק — אַ ייד גנבעט נישט... ער האָט עס מן־הסתם געטון בשוגג. אַזאַ זאַך וועט בלייבן אַ פלעק אויף אים לעולם ועד!... און וואָס פאַראַ חטא איז ער דאָ אומשטיינס געזאָגט באַגאַנגען... פּקוח נפש איז אפילו דוחה שבת.... איינער האָט שטאַרקערע נערוון און האַלט אַלץ איבער און איינער האָט, לע־עלינו, שוואַכערע נערוון און ברעכט זיך... באו מים עד נפש... אומזיסט מצער געווען אַ יידן... ער קען זיך נאָך חלילה אַ מעשה אָנטון!...

פּאַביאַש האָט זיך אויף אַן אמת געבראָכן. דערצו האָט זיך מיט אים נאָך פאַרלאָפן אַן אַנדער אומגליק, וואָס האָט אים שוין צו דער רעשט אויס מענטש געמאַכט. דאָס אומגליק האָט דווקא מיט אים געמוזט טרעפן. פּאַביאַש האָט זיך די קשיא אַליין גע־פרעגט, געשריגן אויף זיין מיידעלע, וואָס האָט פּלוצים אינמיטן העלן טאָג היץ באַקומען, דער קאָפּ האָט איר זייער ווייז געטון, און די פיס האָבן זיך ביי איר אונטערגעבראָכן. ער איז אַריינ־געפאַלן אין אַ גרימצאָרן, געוועזן אויף זיך אַליין אש־להבה און אויך נישט געשוינט דאָס קינד זיינס, ווי עס וואָלט אין עפּעס שולדיק געווען:

— שלימזל, ס׳איז דיר גאַרנישט!... — האָט ער אויסגעלאָזט

צום קינד דעם כעס, ווען ס'האָט זיך באַקלאָגט פאַר אים, אַז ס'קען נישט פון מידקייט קיין טריט שטעלן. — דו רעדסט דיר איין!... דו פּיעשטשעסט זיך! ס'עט באַלד אריבערגיין!... פּונקט האָט דאָס אומגליק מיך געדאַרפט טרעפן!...

ער האָט טאַקע נישט געקוקט וואָס דאָס קינד קרעכצט, נישט געוואָלט גאָרנישט הערן, נישט געוואָלט פון גאָרנישט וויסן און געלאָזט די טאָכטער ארומגיין, ווי קיין זאַך וואָלט נישט געשען. ער האָט אפילו אָנגעזאָגט די טאָכטער זי זאָל דערוויל גאָרנישט דער מאַמען דערציילן, ס'זאָל זיין שאַ־שטיל, קיינער זאָל פון גאָרנישט געוויער ווערן. אין דער שטיל האָט ער אָנגענומען דאָס קינד ביים הענטל און אַוועק דערמיט אויף דער דעק. דאָרטן האָט ער זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פרישער לופט, כדי דאָס קינד זאָל צו זיך קומען. און טאָמער איז ווער דורכגעגאַנגען, געפרעגט וואָס עס פלאַמען ביים מיידעלע אַזוי שטאַרק די בעקעלעך, האָט ער קורץ און שאַרף אָפּגעהאַקט:

— ס'איז גאָרנישט! ס'איז איר בלויז אַביסל נישט גוט געוואָרן... זיץ איך מיט איר אויף דער פרישער לופט...

אָבער לאַנג האָט זיך פּאַביאַש מיטן קינדס חולאת נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן. ביינאַכט איז די טאָכטער אַוועקגעפאַלן אין שטאַרקער היץ און דאָס גאַנצע קערפּערל ביי איר איז אויסגעשיט געוואָרן מיט רויטע פלעקן. דאָס ווייב איז ארויף אויף אים, געהאַט צו אים טענות, וואָס ער האָט איר נישט באַלד וועגן אַלעמען דערציילט:

— משוגענער!... מערדער!... באַנדיט!... — האָט זי אים געזידלט — וואָס מענטשן זאָגן אויף דיר, זענען זיי כשר גערעכט! אַז מ'זאָגט שיכור, ליגט מען זיך שלאָפן! האָסט מיר געוואָלט אומברענגען דאָס קינד! האָסט דאָך אַ האַרץ, ווי אַ שטיין! מענטשן ראַטעוועט! אוי, טאָכטער מיינע... וואָס איז דיר, וואָס?...

אָבער פּאַביאַש האָט זי נישט געלאָזט שרייען, זי נישט געלאָזט רופן קיין מענטשן, פאַרשטאָפּט איר דאָס מויל:

צווישן הימל און וואַסער

— ש־ש־ש... — האָט ער זיך געבעטן ביי איר — אפשר וועט ביז אינדערפרי די היץ אַריבערגיין... אַז מענטשן וועלן נאָך דערהערן, וועט מען דיך באַלד מיטן קינד אַרויסוואַרפן פון דאַנען!... מ׳קען דען עפּעס וויסן?... אפשר איז דאָס חלילה...

פּאַביאַש האָט נישט דערזאָגט, פאַרצווייפלט אַראָפּגעלאָזט די הענט. אָבער ער האָט נישט געדאַרפט דערזאָגן, ווייל אין דער תנועה זיינער האָט דאָס ווייב באַלד פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. ווי דורך אַ געהיימען צייכן האָבן זיי איצט ביידע געשוויגן, געוואַרט וואָס דער פרימאָרגן וועט ברענגען...

דער פרימאָרגן האָט גאָרנישט געבראַכט, דעם קינד איז נישט בעסער געוואָרן. אַ גאַנצע נאַכט האָט די מאַמע נישט צוגעטון קיין אויג, צוגלייך מיטן קינד זיך געדרייט און געוואָרפן אויפן געלעגער, אַלעמאָל אין העמד אַראָפּגעגאַנגען אַ קוק צו טון, וואָס די טאָכטער מאַכט. נאָך אַ גאַנצער נאַכט זיך וואַרפן אין גרויס היץ איז דאָס מיידעלע אינדערפרי איינגעשלאָפן, אַריינגעפאַלן אין אַ הינער־פלעט, גערעדט כסדר פונב ווענ, אַלע פּאָר רגעס אויפגעקומען און געשריגן, אַז ס׳גייט איר ווער נאָך, אַז מ׳יאָגט זי און אַז די שיף ברענט...

ווי פּאַביאַש האָט זיך נישט געוואָלט אויסבאַהאַלטן מיטן אומגליק, נישט געוואָלט קיינער זאָל דערפון געוואויר ווערן, האָבן שוין אַלע באַלד דעם זעלבן פרימאָרגן אַלץ געוווסט, זיך איבערגעגעבן אין גרויס מורא:

— ביי פּאַביאַשן איז דאָס מיידעלע אַוועקגעפאַלן!... ס׳איז נישט עפּעס אַנדערש ווי טיפוס!... זאָל פּאַביאַש נישט דרייען קיין ספּאָדיק!... מ׳דאַרף זען עפּעס וואָס צו טון! די מגפה קען זיך לייכט צעשפּרייטן!... איוב׳ס צרות האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף דעם יידס קאָפּ!...

די יידן האָבן געוואָלט לויפן צום קאַפּיטאַן און אַלץ דערציילן, אָבער זיי האָבן דאָס נישט געטון, כדי נישט מצער צו זיין פּאַביאַשן. קודם־כל האָבן זיך די אַלע, וואָס זענען געשלאָפן מיט פּאַביאַשן אין דער דושנער, ברודיק־הייסער, פינסטערער קאַבינע, אַרויסגעצויגן פון דאָרט, זיך פאַרקליבן ערגעץ אַנדערש.

צווישן הימל און וואַסער

פּאַביאַשעס קאַבינע איז געבליבן ליידיק, קיינער האָט דאָרט מער נישט אַריינגעשטעלט קיין פוס. בלויז דער באַרימטער וואַרשעווער דאָקטאָר האָט זיך אינעווייניק כסדר געפּאָרעט, געקומען אַלעמאָל צולויפן מיט זיין גאַנצן קלאַפּער־געצייג. מיט די פּאָר אָפּגעראַטעוועטע אינסטרומענטן זיינע און מיטן ביסל מעדיצינען, וואָס ער האָט אָפּגעהיטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. אויך האָט בראָנ״ע פעלדבוים אינגאַנצן נישט מורא געהאַט, נישט געקוקט אויף גאָרנישט און צוזאַמען מיט דער פרוי פּאַביאַש נישט אָפּגעטרעטן פונם קינד. וואַסער איז נישט געווען צו באַקומען, חוץ די פּאָרציעס אַלע טאָג, וואָס זענען קוים פאַר זיך גענוג געווען. פונדעסטוועגן האָט זי געברענגט פון ערגעץ אַ קרוג מיט וואַסער, צוגעלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן דעם קינד, געפאָלגט אַלץ, וואָס דער דאָקטאָר האָט איר געהייסן, זיין רעכטע האַנט געווען. בעת דער דאָקטאָר האָט דאָס מיידעלע באַטראַכט, גע־מאָסטן די היץ, האָט זי עס צוגעהאַלטן, באַרואיקט, איינגענומען, דערציילט פאַרשידענע מעשיות, געווען אַ גרויסע הילף פאַר דער מאַמען.

דער דאָקטאָר האָט אויפגעלעבט, אַ נייע נשמה איז אין אים אַריין. די גרויע, דיקע, פריציש־שטאָלצע וואָנסעס האָבן זיך ביי אים האָפערדיק געהויבן אויף און אָפּ און דער ברייטער, שוואַר־צער קינסטלער־קאַפּעליוש איז געזעסן אויף זיין ברודיק־ווייסער פּאָלקע, וואָס האָט געהאַט דעם קאָליר פון אַלט, פאַרטונקלט זילבער, גאָר אַנדערש ווי ביז אַצינד — געזעסן ווויִלעריש און פּאַריסן־שטאָלץ. די אויגן האָבן ביי אים געשיינט, ווי ביי אַ גע־פּאַלענעם, וואָס איז פלוצים אויפגעריכט געוואָרן. ער האָט כסדר יראת־הכבודיק און אָפּגעהיטן געפּוצט די מכשירים זיינע מיט אַ טיכעלע, וואָס איז געווען אַזוי שפּיגלדיק־ריין, אַז ס'האָט אַזש געריסן אין אויג און בלאַנקנדיק־ווייס אַרויסגעשיינט פון די אַלע אָפּגעלאָזן־שמוציקע בגדים זיינע. ווי אַ פרומער ייד האָט ער אַלעמאָל די הענט באַנעצט מיט וואַסער, געריבן זיי מיט זייף. די הענט האָט ער נישט אָפּגעווישט אין דעם האַנטוך, געהאַלטן זיי אין דער לופטן, געוואַרט זיי זאָלן זיך פון זיך אַליין אויסטרי־

קענען. ער האָט ארומגעהאוועט, זיך געפּאָרעט, אַז גרויסע טראָפּנס שווייס זענען אים אויפן שטערן ארויס, גערעדט כסדר וועגן ריינקייט, היגיענע, כאָטש ער איז אליין ווייט נישט ריין געווען.

פונדעסטוועגן איז דעם דאָקטאָר גאָר נישט גלאַטיק גע־גאַנגען, ער האָט געהאַט פיל ארבעט מיטן מיידעלע, וואָס האָט זיך פאַר אים געשעמט. ז׳ך נישט געלאָזט אויפדעקן דאָס העמדל, נישט געלאָזט זיך פון אים בשום־אופן באטראַכטן דאָס נאַקעטע, פון דער היץ צעשרפּהטע לייב. ווי בראָניע האָט דאָס קינד נישט איינגענומען, דערציילט עם פאַרשידענע מעשיות, געוואָלט עם פּאַרעדן, האָט עס זיך אָבער נישט געלאָזט דאָס לייב אויפדעקן בשעת דער דאָקטאָר איז דערביי געשטאַנען. דאָס קינד האָט געוויינט, געשריגן, געהייסן דעם דאָקטאָר אַוועקגיין. און אַז מ׳האָט ביים קינד מיט געוואָלט דאָס העמדל אויפגעהויבן, האָט עס זיך מיט די לעצטע כוחות געראַנגלט און דאָס צוריק אראָפּ־געשלעפּט. אויך האָט דאָס מיידעלע זיך בשום־אופן נישט געלאָזט אָפּשערן די געדיכטע בלאָנדע צעפּלעך און מיט די הענט פאַר־דעקט דעם קאָפּ. ווי ס׳טוען עס געוויינטלעך יידישע יינגלעך, ווען זיי בלייבן שטיין אין די בלויזע קעפּ פאַרן יויזל. כאָטש דאָס מיידעלע האָט אַלעמאָל פאַרלוירן דאָס באוווסטזיין, גערעדט נישט צו דער זאַך, איז זי אָבער באַלד צו זיך געקומען, געוואָרן מיטאמאָל ניכטער און וואָך, ווען בראָניע האָט זיך מיט דער שער צו אירע צעפּלעך פאַרגנבעט. זי האָט בראָניען געטריבן פון זיך, נישט געוואָלט זי מער זען און מיט טרערן אין די אויגן, וואָס זענען געווען שוין זייער מיד און אָפּגעשוואַכט פון דער היץ און פון עלעקטרישן ליכט, וואָס האָט דאָ שטענדיק געברענט, זיך געבעטן ביי דער מאַמען:

— מאַמע, וווּ ביזטו?... — האָט זי געזוכט די מאַמען, וואָס האָט זיך אומישנע ערגעץ פאַרשטעקט, כדי זי זאָל ביי איר קיין הילף נישט בעטן — כ׳וויל נישט מען זאָל מיר אָפּשערן די האָר!... כ׳וויל ני־שט, מאַמע!...

דער דאָקטאָר האָט שווער געאַרבעט, זיך געדרייט אויף איין

אָרט פון גרויס הילפלאָזיקייט, זיך נאָכאַנאַנד געווישט דעם
שווייס פון שטערן און צענומען אַלעמאָל די הענט, ווי איינער
וואָס האָט נישט קיין שום אויסוועג. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן,
דאָס קינד איז געווען איינגעקשנט און פּאַביאַש האָט געמוזט
צוהילף קומען דעם דאָקטאָר. און ערשט דעמאָלט ווען דער טאַטע
האָט נישט מיט זיין קול אַ הוקע געטון אויף דער טאָכטער, האָט
זי אַוועקגענומען די הענט פון דעם קאָפּ. בעת די געדיכטע
בלאָנדע צעפּ זענען, ווי לעבעדיקע אָפּגעשניטענע אברים, אויפן
בעט געפאַלן, האָט דאָס קינד זיי אָנגעקוקט מיט טרויעריקע אויגן,
נישט געקענט פון זיי אָפּרייסן דעם בליק. זי האָט זיך געהייסן
די צעפּ דערלאַנגען, זיך געשפּילט מיט זיי, נישט געוואָלט בשום־
אופן זיי אַרויסלאָזן פון די הענט. עס איז קוים מיט צרות
געלונגען דער מאַמען די האָר אַרויסצונאַרן ביי דער טאָכטער. זי
האָט איר געמוזט איינרעדן, אַז ווי נאָר זי וועט געזונט ווערן,
וועט זי צוריק די צעפּ באַקומען...

דער דאָקטאָר האָט נישט געזשאַלעוועט די כוחות, נישט
אָפּגעטרעטן פון דעם קינד, נישט ביי טאָג און נישט ביינאַכט,
אָבער ס׳איז אומזיסט געווען די טרחה — קיין בעסערונג איז
נישט געקומען. אויף דער שיף האָבן שוין אַלע געוווּסט, אַז
פּאַביאַשעס טאָכטער האָט טיפוס. דאָס יינגעלע האָט מען שוין
לאַנג ביי פּאַביאַשן צוגענומען, ער איז געשלאָפן ערגעץ אַנדערש.
מ׳האָט זיך ארומגעדרייט אין גרויס שרעק, מורא געהאַט דער
טיפוס זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן און ס׳זאָל נישט אויסברעכן
אַ מגפה אויף דער שיף. שטילערהייט האָט יעדער אין זין געהאַט,
אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען, מ׳זאָל גאָרנישט מער אויס־
באַהאַלטן און גיין צום קאַפּיטאַן און אים אַלץ דערציילן. קיינער
האָט דאָס אָבער נישט געוואָלט טון, מורא געהאַט עס פאַרן מויל
צו ברענגען. דער ערשטער ווער ס׳האָט דאָס פריי און אָפן אַרויס־
געזאָגט, איז געווען זיינוול ראָכמאַן. אָט דער שטענדיק מיושב־
דיקער זיינוול ראָכמאַן, וואָס האָט קיינמאָל נישט דעם קאָפּ פאַר־
לוירן, האָט געזאָגט אָפן און קלאָר, אַז ס׳איז שוין די העכסטע
צייט מ׳זאָל גיין צום קאַפּיטאַן און אים זאָגן, וואָס דאָ קומט

פאַר. ער זעט דאָך אָבער, אַז קיינער וויל נישט צולייגן אַ האַנט צו דעם, וועט ער זיך אַליין מוזן מטריח זיין און דאָס טון. איי, מ'וועט זאָגן אויף אים, האָט ער געזאָגט מיט זיין באַריכותדיק, חשוב קול, אַז ער איז אַ מסור, איז אויב ראַטעווען אַ שיף מיט יידן הייסט מסרן, איז ער אַ מסור און ער נעמט בתשואת־חן די זינד אויף זיך!

צי ר' זיינוול ראַכמאַן איז געגאַנגען צום קאַפּיטאַן, צי נישט, איז מען קיינמאָל נישט געוווירער געוואָרן. אָבער נאָך דעם זעלבן טאָג, ווען ער האָט זיך אַזוי שיין אַוועקגעשטעלט דרשנען, זענען צוויי מאַטראָזן מיט עפּעס אַן עלטסטן, אַ דאָקטאָר, פּלוצים אַריינגעקומען צו פּאַביאַשן אין דער קאַבינע און צוגענומען ביי אים דאָס קינד.

פּאַביאַשעס ווייב, נישט טויט, נישט לעבעדיק, האָט זיך אַוועקגעשטעלט בעטן ביים עלטסטן, מ'זאָל ביי איר נישט צונעמען די טאָכטער, אויפגעוויזן, אַז ס'איז איר גאָרנישט, זי האָט זיך בלויז אַביסל צוגעקילט און האָט באַקומען אַביסל היץ — אָבער ס'האָט איר גאָרנישט געהאָלפן. דער עלטסטער — אַ נידעריקער, אַ ברייטלעך־קרעמפּער, אַ געפּוצטער — האָט צומאָל אַ בליק איר נישט געשענקט, ווי ס'וואָלט קיינער צו אים נישט גערעדט. אויך האָט ער די טאָכטער נישט באַטראַכט, בלויז איין בליק געוואָרפן אויף איר און אויף זיין פרעמדן לשון מיט אַ סך כעס באַפוילן עפּעס די מאַטראָזן, וואָס האָבן שוין גרייט געמאַכט דאָס טראָג־בעטל. די פרוי פּאַביאַש האָט געשיקט רופן דעם גריך, וואָס איז צוזאַמען מיט זיין אויף דער שיף געפאָרן, געמיינט, אַז ער וועט קענען ווייך מאַכן דאָס האַרץ פונם עלטסטן, אָבער אויך ער האָט גאָרנישט געפּועלט. דעמאָלט האָט פרוי פּאַביאַש פון גרויס צרות אָנגעהויבן צו ווינקען צום מאַן, ער זאָל נישט שטיין, ווי אַ גולם און נאַריש גלאָצן, נאָר ער זאָל זען עפּעס וואָס אויפצוטון. אָבער פּאַביאַש האָט ווייטער נאַריש געגלאָצט, זיך נישט גערירט פון אָרט און גאָרנישט אויפגעטון. די פרוי פּאַביאַש האָט אָנגעכאַפּט דעם עלטסטן ביים אַרבל, אים נישט אָפּגעלאָזט:
— האַר־לעבן!... דאָקטאָר־לעבן!... פּאַניע!... — האָט זי גע-

רעדט צום עלטסטן פּויליש — האָב גאָט אין האַרצן... נעם נישט אַוועק ביי מיר מיין טרייסט! ליכטיקער הער... מער ווי צוויי פּיצלעך קינדער פאַרמאָג איך נישט!...

דער עלטסטער האָט אָבער אויף איר נישט געקוקט, נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי רעדט, אַרויסגעריסן פון אירע הענט דעם אַרבל און אים אָפּגעשטויבט, ווי ס'וואָלט אויף אים אַ מיאוסער שרץ געקראָכן. פרוי פּאַביאַש האָט זיך פּלוצים אויסגעדרייט צו אַלע מיט דער פּלייצע, לאַנג זיך געפּאָרעט מיט ציטערנדיקע פינגער ביים בלוזקעלע, אַרויסגעצויגן פון דאָרט אַ קליינע בראָש, באַשטעקט מיט עטלעכע פינטשינקע דימענטלעך. די בראָש האָט זי דערלאַנגט דעם עלטסטן און צו אים געזאָגט:

— נאַ, דאָקטאָר־לעבן, די בראָש... — האָט זי צו אים נאָך אַלץ גערעדט אויף פּויליש — דאָס איז אַלץ, וואָס כ'האָב... די בראָש האָב איך אַרויסגעראַטעוועט און געהאַלטן אויף אַ שוואַרצער שעה... אַצינד איז די שוואַרצע שעה געקומען... נאַ, נעם, פּאַניע...

דער עלטסטער האָט די בראָש זשעדנע אין האַנט אַריין גענומען, זי מבֿיניש־לאַנג באַטראַכט, צי זי איז עפּעס ווערט, זיך געיישובֿט, צי נעמען, צי נישט און צום סוף זי צוריק אָפּגעגעבן. דערווייל האָבן די מאַטראָזן אָנגענומען דאָס קינד, וואָס איז שוין לאַנג ביים באַוווסטזיין נישט געווען, נישט אויפגעמאַכט אַפילו די מידע אויגן און עס אַרויפגעלייגט אויפן טראָג־בעטל. די פרוי פּאַביאַש האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר, זי פאַרשטעלט מיט ביידע הענט, ווי מיט פליגל און נישט געלאָזט אַרויס דאָס טראָג־בעטל.

— דאָ וועל'ך שטיין!... — האָט זי געזאָגט מיט אַ סך אַנט־שלאָסנקייט אין קול — כ'וועל אייך נישט אַרויסלאָזן פון דאַנען!... סיידן איר וועט גיין איבער מיין טויטן גוף!...

מען האָט זי אָפּגעשטויסן, אַזאַ שטאַרקן שטופּ איר געטון, אַז זי איז געפאַלן אויף דער ערד. די מאַטראָזן זענען אַרויס מיטן טראָג־בעטל.

צווישן הימל און וואסער

פאר דער טיר זענען געווען פיל יידן פארזאמלט, זיך אנגע־נומען פאר דער פרוי פאביאש, הלמאי מען האט זי אזוי אומ־ברחמנותדיק אפגעשטופט, אז זי איז אזש אויף דער ערד געפאלן. די ערשטע האבן זיך ארויסגעשטעלט נאטאן און נח דער „רוי־טער,״ בראניע פעלדבוימס ברודער.

— פארזיכטיקער אביסל!... — האט נאטאן געזאגט — שטופט נישט!... ווי אזוי באציט איר זיך צו פאסאזשירן?!...

די מאטראזן האבן אים אנגעקוקט פון אויבן אראפ, ווי זיי וואלטן נישט פארשטאנען פון וואנען עס נעמט זיך צו דעם יונגענמאן אט אזא גרויסע חוצפה און זיך צעלאכט הויך אויפן קול.

— פאסאזשירן?... וואס פארא פאסאזשירן זענט איר?!... א באנדע שלעפערס זענט איר אלע!... ווראמערי אורעי!... — האט זיך אנגערופן דער קלענערער מאטראז, א ברייט־פלייציקער, א שווארץ־אפגעברענטער, מיט א שראם לענג־אויס דעם פנים און מיט א פאר שטארקע ידים, אויף וועלכע עס איז געווען אויסגעטאטואירט א נאקעטע טענצערין מיט הויכע און שלאנקע פיס.

נאטאנען איז דאס בלוט אנטרונען פון פנים, זיינע גרויע אויגן זענען אינגאנצן ווייס געווארן און די ליפן האבן אים געציטערט. ער האט געוואלט וואס טיפער אריינזאגן די מאטראזן, אבער ס׳האבן אים אויסגעפעלט ווערטער. א קנויל איז אים שטעקן גע־בליבן אין האלז, נישט געקאנט ארויס. נח איז אים צוהילף גע־קומען, גערעדט מער מיט די הענט, ווי מיטן מויל, מער אין יידיש, ווי אין דער פרעמדער שפראך:

— ציט שוין צוריק די ווערטער!... — האט ער זיך געריסן דעם גארגל, די שווארצע געקרייזלטע האר האבן אים געפאטשט דאס פנים און די אויגן האבן געברענט מיט שנאה, גרייט דורס צו זיין יעדן, וואס וועט זיך אים אין וועג שטעלן — ציט שוין צוריק די ווערטער!... מיר ווילן זיך נישט לאזן טרעטן מיט דער בלאטע צוגלייך! מיר פארלאנגען א מענטשלעכע באהאנדלונג!... מיר זענען מענטשן!...

— מענטשן זענט איר?!... וואזשנע מענטשן!... מ׳טליקעט אייך פון אומעטום אַרויס און מ׳לאָזט אייך נישט אינערגעץ אַריין!... טיר און טויער איז פאַרהאַקט פאַר אייך!... ביי קיין שום פּאָרט קענען מיר זיך נישט אָפּשטעלן! אומעטום האָט מען מורא איר זאָלט זיך נישט צוטשעפּען און נישט וועלן אַוועק!...
— האָט מיט אַ סך גיפט אַ שטאָך געטון דעם צעהיצטן נחן דער העכערער מאַטראָז, אַ שנעלער, אַ דאַרער, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר, מיט אַ וויגנדיקן גאַנג און מיט אַ קנאָפּ, וואָס איז אים אַרומגעפלויגן אויפן האַלז אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ מייזל.

דאָס קופּקעלע יידן האָט זיך אַ וויג געטון, איינגעהאַלטן נחן, וואָס איז שוין נישט געווען מער ביי זיך אין די הענט און אַלע זענען אויפגעמאָל אַרויפגעפאָרן אויף די מאַטראָזן און דער עיקר אויפן עלטסטן, וואָס איז אין אַלע צרות שולדיק. כאָטש קיינער האָט פיל נישט פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס דער מאַטראָז האָט מיט אַזויפיל כעס אָפּגעגרעגערט, אָבער די איינצלנע יאָ פאַרשטאַנענע ווערטער האָבן שוין גענוג ווי געטון. אַלע האָבן אין איין קול געשריגן אויף יידיש:

— העי דו, באַליידיק נישט קיין פּאַסאַזשירן!... רעדן דיך מיט די רייד!...

— ס׳איז אַ בושה און אַ חרפּה אַזוי צו רעדן!...

— מיר ווילן איר זאָלט אונז באַהאַנדלען ווי מענטשן, נישט ווי הינט!... הינט באַהאַנדלט מען בעסער!...

— עסן ווילן מיר! אַליין פרעסט איר און טרינקט און מיר האָבן שוין לאַנג קיין שטיקל ברויט פאַר די אויגן נישט געזען!... פון פלייש איז שוין אָפּגערעדט!... דאָס געקעכץ שפּירט זיך ביז חלשות, קלעפּט זיך צו די ציין, ווי סמאָלע! מען קען עס אין מויל אַריין נישט נעמען!... ס׳איז אַ ריינע קרענק!...

דערהערט, אַז עס גייט וועגן עסן, האָט זיך מאַרקוס פעלדבוים דער „אָקס" אַ שטעל געטון פאַר אַלע און מיט זיינע ריזיקע הענט זיך געקלאַפּט אין האַרץ, אַז ס׳האָט אַזש אָפּגעהילכט:
— מיר ווילן עסן!... — האָט ער געשריגן — מיר זענען

הונגעריק!... איר הונגערט אוים די פּאסאזשירן!... די וועלט איז נאָך נישט הפקר!...

בעת די מאַטראָזן האָבן דערזען, אַז עס איז נישט קיין געלעכטער, אַז דאָס בינטל יידן ווערט גרעסער, האָבן זיי אַ כאַפּ געטון דאָס טראָג־בעטל און אַוועק. זיי זענען אָבער נישט שולדיק געבליבן די יידן קיין ענטפער, פון וועג אַ געשריי געטון אויף צוריק:

— אומזיסטע פרעסערס!.... שמוציקע יידן!... ווראָמערי אָורעי!....

ווען די מאַטראָזן זענען אַוועק, האָט זיך פּאַביאַש ארומגעזען, אַז די בראָש פעלט. ער האָט געמיינט, אַז דאָס ווייב, וואָס איז נאָכגעלאָפן נאָכן טראָג-בעטל, האָט די בראָש באַהאַלטן. אָבער זי האָט נישט געוווסט פון קיין פּותר־חלום...

באַלד האָט זיך דער עלטסטער מיט איינעם פון די צוויי מאַטראָזן צוריק אומגעקערט צו פּאַביאַשן אין דער קאַבינע אריין. דער מאַטראָז האָט אַרויסגעוואָרפן פּאַביאַשעס וואַליזע, אויסגעשפּריצט די קאַבינע מיט קארבאָל און פאַרהאַקט די טיר מיט טשוועקעס. פּאַביאַשן מיט זיין בני־בית צוזאַמען מיט זיין וואַליזע האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך, זיי געפירט, ווי ארעסטאַנטן.

שפּעטער אַביסל, ווען אויף דער שיף איז צוריק שטיל געוואָרן, האָט מען געזען, ווי דער באַרימטער וואַרשעווער דאָקטאָר מיט די פּאָר מכשירים זיינע אין דער האַנט און מיטן ברייטן שוואַרצן קאַפּעליוש טיף אַנגערוקט אויפן שטערן, גייט מיט שטאָלצע, זיכערע טריט אין דער ריכטונג, וווּ עס געפינט זיך די קאַבינע פונם קאַפּיטאַן. קיינער האָט נישט געוווסט ווו ער גייט און וואָס מיט אים איז פּלוצים געשען. באַלד איז אָבער אַלץ קלאָר געוואָרן, ווייל פון קאַפּיטאַנס קאַבינע האָבן זיך מיט־אַמאָל דערהערט קולות. מען האָט זיך אונטערגעגנבעט צו דער טיר און אונטערגעהערט, ווי דער דאָקטאָר קלאַפּט דאָרט אין טיש, שרייט און בייזערט זיך און פאַרלאַנגט, מ'זאָל אים אריינלאָזן צום קינד. ער האָט די קליינע אָנגעהויבן צו היילן און ער וויל מ'זאָל אים צולאָזן צו איר. ער האָט רעכט דערצו. ער האָט

פערציק יאר פראקטיק הינטער זיך, ער איז נישט קיין יינגעלע דארט!

ס׳האט אים אבער נישט געהאלפן זיין בייזערן זיך, זיין קלאפן אין טיש — אין שפיטאל אריין האט מען אים נישט אריינגעלאזט. ער איז ארויס פונם קאפיטאן זייער אפגעשמיסן און מיט אן אראפגעלאזטן קאפ. פונקט אזוי שטאלץ און זיכער ווי ער האט זיך געלאזט צום קאפיטאן, אזוי געפאלן און נעבעכדיק איז ער פון אים ארויס. ער האט קוים געשלעפט די פיס, געזעצט צו זיך אליין:

— פערציק יאר פראקטיק הינטער זיך!... פערציק יאר!.... אזויפיל קראנקע זענען שוין דורך מיינע הענט אדורך!... וואס איז געווארן פון דיר, דר. בראניסלאוו מירסקי?..

פלוצים האט ער זיך אפגעשטעלט, א ווארף געטון די מכשירים זיינע צו דער ערד, זיי א שאר געטון מיטן פוס, ווי אן איבעריקע זאך. באלד האט ער אבער זיי צוריק אויפגעהויבן, אפגעווישט פונם שטויב און ווייטער אוועק זיין וועגס.

שפעט נאכמיטאג האט זיך פאביאש מיט זיין הויזגעזינד צוריק אומגעקערט פון דער דעזינפעקציע. דער קאפ איז געווען ביי אים אפגעגאלט און די מלבושים צעקנייטשט, באדעקט מיט געלע פלעקן. ער האט אויסגעזען, ווי ער וואלט זיך ערשט פון תפיסה אומגעקערט. אויך דאס ווייב האט געהאט אן אפגעשוירענעם קאפ, פול מיט „טרעפ", ווי ביי א קליין יינגל. און זי האט טאקע אויסגעזען ווי א קליין יינגל, יינגער געווארן מיטאמאל אויף א העלפט יארן. זי האט נארישלעך געשמייכלט, זיך זייער געשעמט, באלד אנגעטון א טיכל אויפן קאפ, פארשטעלט די בושה...

באלד ווי פאביאש האט זיך אומגעקערט, האט זיך פארשפרייט די ידיעה, אז אלע, וואס שלאפן מיט אים אויפן אונטערשטן דעק, וועלן מוזן גיין צו דעזינפעקציע. עס זענען טאקע געקומען מיט אים צוזאמען א פאר מאטראזן, געזוכט אין די קאבינעס, ארונטערגעקוקט אונטער די בעטלעך, גענישטערט אין יעדן ווינקעלע, געשריבן עפעס אין א נאטיץ־ביכל, אויסגערופן

נעמען, זיך געבייזערט, געמאכט קולות און זיך געהייסן אלע אויסשטעלן אין א ריי. די מאטראָזן האָבן אויסגענוצט זייער מאכט, אונטערגעטריבן יעדן, אונטערגעשטאַרקעט, געוואָרנט, אז קיינער זאָל נישט אַנטלויפן, זיך נישט אויסבאַהאַלטן, ווייל עס איז נישטאָ קיין צייט — די נאכט פאלט באלד צו. די יידן האָבן זיך דערשראָקן, געשטאַנען אין דער ריי, און געהאָרכזאַם, ווי א סטאַדע שעפסן, זיך געלאָזט פירן פון די מאטראָזן. יעדער האָט געטראָגן מיט זיך זיין האָב און גוטס, ווער אַן אָפּגעריבענע וואַליזע, ווער א טלומיקל און עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך אַלע געקליבן ערגעץ אין א ווייטן וועג אַריין. יעדער איינער האָט געפאָלגט, געטון אַלץ, וואָס די מאטראָזן האָבן געהייסן, בלויז בראַניע פעלדבוים האָט געאַרבעט מעשים, געשריגן, אַז זי איז נישט ברודיק, זי וועט די בושה נישט איבערטראָגן, מען זאָל זי שלעפּן צו דער דעזינפעקציע, ווי די ערגסטע שלעפּערין. חוץ דעם וועט זי זיך נישט לאָזן אָפּשערן די האָר, זי וועט זיך דאָס לעבן נעמען, שפּרינגען אין וואסער אַריין, איידער אויס-שטיין אַזאַ בושה. און שוין באַצייטנס האָט זי צוגעהאַלטן מיט די הענט דעם קאָפּ, ווי עס האָט עס געטון פּאַביאַשעס מיידעלע. פּלוצים איז זי אַרויסגעלאָפן פון דער ריי, פאַרשוואונדן ערגעץ, זיך געזוימט א שטיקל צייט און צוריקגעקומען מיט א נצחונדיק און סודותדיק פייערל אין די פאַרוויינטע, רויט-אויפגעשוואָ-לענע אויגן. לאַנג האָט זי אָבער דעם סוד נישט געקענט האַלטן אין זיך, זיך אַרויסגערעדט און מיט א ווונק געגעבן אָנצוגעהערן אַז ביי די ווייבער, וואָס האַלטן זיך ריין, וועט מען די האָר לאָזן, בלויז אונטערשערן אביסל.

צווישן די, וואָס מען האָט געפירט צו דער דעזינפעקציע, איז אויך געווען אידע. זי איז געשטאַנען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, נישט געענטפערט נאַטאַנען, וואָס האָט זי פונדערווייטנס מיטן בליק געטרייסט, זי זאָל זיך פון גאָרנישט איבערנעמען.

נאַטאַן האָט אויף אידען געוואַרט די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט זיך געזוימט און אַז זי האָט זיך אומגעקערט מיט אַן אונ-טערגעשווירעוועם קאָפּ, האָט ער זיך געוויצלט מיט איר, אַז איצט

זעט זי אויס פיל שענער, ווי פריער. צו איר גרעבלעך־מעגעריש קול און צו איר איינגעשפּאַרטקייט, פּאַסט איר דער יינגליש־אָפּגעשווירענער קאָפּ.

— דו זעסט איצט אויס ווי אַ יינגל, אַ לאָבוז... — האָט ער איר אַ קוש געטון אין די מיאוס־אָפּגעהאַקטע האָר — אַ שלעכט לאָבוזערסקע בחורל... ס'פּאַסט דיר זייער שיין...

עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן, די גאַנצע אַרבעט איז געווען אַרויסגעוואָרפן, ווייל באַלד אויפדערנאַכט זענען פּלוצים אַוועקגעפאַלן ר' לייזער דעם שפּייז־קרעמערס ווייב און זיינס אַ זון, אַ בחורל מיט לאַנגע פאות, פאַרשטעקט הינטער די אויערן און מיט אַ יידיש היטעלע אויפן קאָפּ. ר' לייזער איז אַליין וועגן דעם באַלד געגאַנגען מעלדן און מען האָט זיי אַוועקגעכאַפּט אין שפּיטאָל...

VI

צומאָרגנס אויף דער נאַכט, ווען דער וואַרשעווער דאָקטאָר איז שוין געשמאַק געשלאָפן, האָט ווער פּלוצים אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר און אים אויפגעוועקט פון שלאָף. אין דער געדיכטער פינסטערניש האָט דער דאָקטאָר גאָרנישט געקאָנט זען, בלויז געפילט אַ פּאָר הענט אויף זיך, וואָס האָבן אים געוועקט און געריסן, נישט געלאָזט אים אפילו רעכט אָנטון און אים גערופן צו אַ קראַנקן. דעם דאָקטאָר האָבן זיך די הענט און די פיס פון גרויס אויפרעגונג געטרייסלט, ער האָט זיך אפילו נישט צוגעהערט צום שעפּטשענדיקן קול, בשום־אופן נישט געקאָנט צוטרעפן צו די מלבושים און מיט אַן אָפּן, צעשפּילעט העמד זיך בלינד געלאָזט נאָכגיין נאָך דער געשטאַלט אין דער פינסטערניש.

געהאָרכזאַם איז ער כסדר נאָכגעגאַנגען נאָך דער געשטאַלט, וואָס האָט אים געפירט טרעף-אַרויף און טרעפּ־אַראָפּ, דורך פאַרשידענע זייטיקע ווערעלעך און אים דערציילט וועגן אַ מאַטראָז, וואָס איז פּלוצים אין מיטן דער נאַכט קראַנק געוואָרן.

דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגעשטרענגט צוגעהערט צום קול אין דער פינסטערניש, זיך קוים מיט צרות דערפרעגט וואָס דעם קראַנקן איז, אויף וואָס ער באַקלאָגט זיך. ער איז שוין צוריק פול געווען מיט מוט, פול מיט גלויבן אין זיך און ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט אַלץ זען צו טון וואָס נאָר אין זיינע כוחות, כדי צו ראַטעווען דעם קראַנקן. ער וועט אַלע ווייזן ווער דר. בראַניסלאַוו מירסקי איז!

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און מיט אַ סך פייער און באַנייטע כוחות איז דער דאָקטאָר אריין אין דער קאַבינע צום קראַנקן. ער האָט מיט פאַרווירטע אויגן אַ בלאָנדזשע געטון איבער די ווענט,

איבער די פּנימער פון די מאַטראַזן, וואָס זענען געזעסן אַרום, אָבער ער האָט גאָרנישט געזען. ער האָט געזוכט דעם קראַנקן און אים געפונען ליגן אין בעט. תיכּף ומיד איז ער צוגעגאַנגען צו אים, זיך צוגעזעצט צו אים אויפן בעטל און דערשפּירט די משקה און דעם ביליקן פּאַפּיראָסן־רויך, וואָס האָט אָנגעפּולט די קאַבינע. ער איז דאָ באַלד געוואָרן באַלעבאָס, מיט תקיפות זיך גענומען בייזערן און שרייען אויף די מענטשן, גענומען צו זיי מאַכן פאַרשידענע העוויות מיט די הענט ווי צו טויבע, הלמאי זיי טוען נישט אַכטונג אויף דעם קראַנקן, האַלטן אים אין אַזאַ שטיקנדיקער לופט, ווו מען קאָן פּשוט דעם אָטעם נישט כאַפּן. שפּעטער האָט ער אַ גלעט געטון דעם קראַנקן, זיך גענומען צו דער אַרבעט. אָבער ווי נאָר ער האָט צוגעלייגט דאָס טרייבל צום חולה, האָט זיך יענער פּלוצים אַ שטעל־אויף געטון פון בעט, זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג און אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער גלייך דעם דאָקטאָר אין פּנים אַריין. ביים דאָקטאָר האָט זיך דאָס פּנים מיטאַמאָל זייער פאַרענדערט, פון גרויס שרעק און חידוש זיך אויסגעקרומט אויף אַ זייט, ווי פון אַ פּלוצימדיקן פּאַראַליזש. ערשט איצט האָבן זיך אַלע מאַטראָזן, וואָס זענען די גאַנצע צייט געזעסן מיט ערנסטע, אָנגעשטרענגטע פּנימער, צעלאַכט, זיך געבויגן אין דרייען פון געלעכטער, געשריגן און געמאַכט קולות, וואָס האָבן שווער און טויב אָפּגעהילכט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן פליען דעם דאָקטאָר גלייך אין קאָפּ אַריין פאַרשידענע חפצים און קישעלעך.

דער דאָקטאָר האָט געמאַכט אַ שווייג, קיינעם וועגן דעם קיין וואָרט נישט דערציילט, זיך נישט פאַרטרויט פאַר קיינעם, אַלץ אָראָפּגעשלונגען, באַגראָבן טיף אין זיך, ווי אַ גרויסן סוד... געוויער געוואָרן וועגן דעם זענען ערשט די יידן טאַסעס פון די מאַטראָזן אַליין, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין באַרימען, ווי זיי האָבן דאָס דעם באַרימטן דאָקטאָר אויסגעפּרייערט, אָנגעריבן אַ מאָרדע... די עוולה האָט יעדן איינציקן געבריט, געהויבן פון אָרט. כאָטש נישט איינמאָל האָט מען אַליין אָפּגע-

לאכט פון דעם אלטן, האלב־עובר־בטלדיקן דאָקטאָר, געמאַכט הלצהלעך אויף זיין חשבון, אָבער אזא זאַך האָט קיינער נישט געקענט פאַרטראָגן, ס'האָט אַלעמען גלייך געטראָפן. יעדערער האָט געפילט די באַליידיקונג אויף זיך אַליין. דערצו זענען אַלע איצט אַרומגעגאַנגען אין איין עגמת־נפש צוליב דעם, וואָס מ'האָט פּאַביאַשעס ייִנגעלע צוגענומען אין שפּיטאָל און צוליב דעם, וואָס די קרענק האָט אויך נישט געשאַנעוועט פּאַביאַשעס שכן, דעם געזונטן, הויכן, קרעפּטיקן בחור — אַ יונג ווי אַ ליכט, נאָר אַ ברכה צו מאַכן איבער אים — און דעם. גריכס ווייב, די יפי־פיה. די גאַנצע שיף האָט זיך געשפּירט מיט קאַרבאַל. וועגן דעם גורל פון די קראַנקע האָט קיינער נישט געוווּסט. די פרוי פּאַביאַש איז אַפילו אַ פּאָר מאָל אין טאָג געלאָפן אין שפּיטאָל אריין אויף אירע קראַנקע פּיס, אָבער מען האָט זי דאָרט נישט אריינגעלאָזט. פרוי פּאַביאַש האָט אינגאַנצן נישט געקוקט, אַז זי טאָר זיך נישט צופיל באַוועגן, אַז די געשוווּלעכצן אויף אירע הענט און פיס ווערן גרעסער. זי איז כסדר געהאַנגען אויף דער שפּיטאָל-טיר, זיך שוין נישט איינמאָל שיער נישט אריינגעריסן אינעווייניק, אָבער מען האָט זי אַלעמאָל אָפּגעשטופּט פון דאָרט און אַרויס־געוואָרפן.

ר' לייזער דער שפּייז־קרעמער איז דווקא געווען רויִק, זיך אַרומגעדרייט ווי קיינמאָל גאָרנישט, אַז ס'האָט אַזש פּאַביאַשן אונטערגעהויבן און ער האָט געברומט צו זיך אַליין:

— ס'איז נישט קיין טאַטע און ס'איז נישט קיין מאַן!... —
האָט ער נישט פאַרשטאַנען ר' לייזערס פירן זיך, געווען אינגאַנצן אוים מענטש, הלמאי יענעם אַרט גאָרנישט — ער האָט אַן אויס־געבריט האַרץ, ווי אַ באַנדיט!... וואָס טויג מיר זיין פרומקייט, וואָס?... וואָס טויג מיר זיין דאַווענען גאַנצע טעג!...

די יידן האָבן די מעשה מיטן דאָקטאָר און די זלזולים פון די מאַטראָזן בשעתן צונעמען פּאַביאַשעס טעכטערל אין שפּיטאָל אריין, באין־אופן נישט געוואָלט פאַרשווייגן, אָפּגעמאַכט צו גיין צום קאַפּיטאַן און זיך פאַר אים פאַרקלאָגן. מ'טרעט נישט אַזוי קיין מענטשן מיט די פיס. די וועלט איז פונדעסטוועגן נאָך

נישט אינגאנצן הפקר! אז מ'וועט זיך אזוי לאָזן, וועט יעדעס מאָל ווערן ערגער! מ'דאַרף באצייטנס עפּעס טון דערצו!...

מען איז זיך צוזאַמענגעקומען צו ראָכמאַנען אין דער קאַבינע אריין. דער ראש־המדברים איז געווען טאַקע ער אליין, ר' זיינוול ראָכמאַן, וואָס האָט נאָך אַלץ געבלאָזן פון זיך און וואָס האָט פון גאָרנישט לעצטנס אַזוי שטאַרק געליטן, קיין שום זאַך האָט אים נישט אזוי דערקוטשעט — נישט דער הונגער, נישט דער דורשט — נאָר דאָס פעלן פון אַ פּאַפּיראָס. ער איז געווען אַ שטאַרקער רייכערער, די הענט און דאָס קליינע לאָפּעקטע־בערדעלע זיינס, וואָס ער האָט אַ טבע געהאַט כסדר צו פּוצן, זענען נאָך אפילו איצט פאַרגעלט געווען פון טיטון. ער וואָלט מוחל געווען דאָס עסן און דאָס טרינקען ווען ער האָט נאָר אַ פּאַפּיראָס, וואָס וואָלט אים זיינע נערוון באַרואיקט. פון געוווינשאַפט האָט ראָכמאַן אַרויסגענומען אַלעמאָל די זילבערנע פּאַפּיראָסן־פּושקע — אַ זכר פון זיין אַמאָליקער באַלעבאַטישקייט, פון די דריי מלכותדיק־אויסמעבלירטע שטובן מיט אַ קיך, — אָבער ער האָט דאָרט גאָרנישט געפונען. ער האָט מיט די אויגן געזוכט אויף דער ערד, שוין נישט איינמאָל געוואָלט אויפהייבן די שטיקלעך, וואָס די מאַטראָזן האָבן אַוועקגעוואָרפן, אָבער ער האָט זיך אַלץ איינגעהאַלטן. קויפן ביי די מאַטראָזן האָט ער קיין געלט נישט געהאַט. און אַוועקגעבן די פּאַפּיראָסן־פּושקע, דאָס לעצטע וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט, אַן איינציקער אָנדענק, וואָס ער האָט צו די תנאים באַקומען פון זיין יונג־פאַרשניטן ווייב עליה־השלום, האָט ער אַלץ קיין האַרץ נישט געהאַט. וואָס פאַראַ אָנזען וואָלט ער שוין אומשטיינסגעזאָגט געהאַט ביי זיין טאָכטער, אַ מיידל אין די יאָרן? אויך בעטן איז אים נישט אָנגעשטאַנען. ר' זיינוול ראָכמאַן שטרעקט נישט אויס קיין האַנט, ער איז פון שטענדיק־אָן צוגעוווינט אליין צו געבן. ר' זיינוול ראָכמאַן, וואָס האָט אַלעמאָל געטיילט פּאַפּיראָסן אויף רעכטס און אויף לינקס, וועט נישט גיין בעטן קיין פּאַפּיראָס, נאָך דערצו ווען ער האָט מורא, אז מ'וועט אים אָפּזאָגן.

אין דער קאַבינע ביי ראָכמאַנען האָבן זיך די יידן פאַר־

זאמלט און באַשלאָסן צו גיין צום קאַפּיטאַן און פאָדערן אַביסל יושר. פאָדערן מ׳זאָל זיי אויסזאָגן, וואָס מיט די קראַנקע איז געוואָרן, צי זיי באַקומען עפּעס אַ באַהאַנדלונג, צי מ׳לאָזט זיי דאָרט ליגן אַליין אין שפּיטאָל, ווי די הינט. מ׳טאָר דאָס מער נישט לאָזן אין דער לאַנגער באַנק אריין. מ׳טאָר מער נישט וואַרטן. וואָס אַ טאָג ווערט ערגער! מ׳טאָר נישט שווייגן!

עס איז אָבער נישט געווען ווער עס זאָל גיין, ווער עס זאָל זיך קענען אויסשמועסן. ווער וועט דען קענען אַלץ געבן צו פאַרשטיין, ווי ס׳דאַרף צו זיין, אַ הויך וואָרט רעדן, ווען מ׳וועט דאַרפן? מען דאַרף אויסקלייבן עפּעס אַ פּאַסיקן מענטשן און אפשר טאָקע צוויי, וואָס וועלן קענען דאָס מויל עפענען און זיך אָננעמען די עוולה פון די יידן!

אָבער באַלד האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז מ׳דאַרף זיך נישט צוליב דעם ברעכן דעם קאָפּ, ווייל נאָטאַן און נח האָבן זיך אַליין געריסן צו גיין. נאָטאַן האָט געזאָגט, אַז ער קען שוין אַביסל דאָס פרעמדע לשון און ער וועט קענען אַ וואָרט רעדן, זיך אויסשמועסן.

און זיי זענען אוועק. דער קאַפּיטאַן האָט זיי באַלד נישט אויפגענומען, צוגעזאָגט, אַז ער וועט האָבן צייט ערשט אין אַ פּאָר שעה ארום. די גאַנצע צייט האָבן זיי מיט אַ סך אומגעדולד געוואַרט הינטער דער טיר און ווען זיי זענען סוף־כל־סוף צום קאַפּיטאַן אָנגעקומען, האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז ער איז דווקא נישט קיין אַזאַ שלעכטער מענטש, ווי מ׳האָט געמיינט. אמת איז, אַז ער איז געווען זייער אַ נערוועזער, אַ קרענקלעכער, אַ גרויסער שווייגער. ער האָט זיך געדרייט כסדר אויפן בענקל, אויף צען ווערטער געענטפערט איינס, געקוקט אויפן האַנט־זייגערל, נאָכאַנאַנד מיט דער האַנט געבערשטלט דאָס קאַפּיטאַנישע היטל, וואָס איז לעבן אים געלעגן. אַלע פּאָר מינוט האָט ער זיך אויפגע־שטעלט און מיט די גרויסע שטייענדיקע ברעמען, ווי צעפּלאָ־שעטע נעסטן, זיך ארומגעקוקט איבער דער קאַבינע, וואָס איז געווען זייער אָרעם אויסמעבלירט. מער ווי אַ קליין טישל פון פּראָסטן האָלץ, ווו עס זענען אין גרויס אומאָרדנונג געווען אָנ־

געשטעלט א פּאָר שרייב-מכשירים און א פאָטאָגראַפיע פון עפּעס א פרוי, א קליינע אָפּגעקראַכענע שאפע, א פּאָר בענקלעך און אַן אַלטע מאַפּע. וואָס האָט פאַרנומען כמעט די גאַנצע וואַנט, איז דאָ גאָרנישט געווען.

דער קאַפּיטאַן האָט קוים פאַרשטאַנען, וואָס נאַטאַן רעדט צו אים, אַלעמאָל געמאַכט אַזאַ באַוועגונג מיטן דאַרן לענגלעכן פּנים, ווי ער וואָלט וועלן סוף־כל־סוף אַרויסקוועטשן פון אים די ווערטער, וואָס האָבן זיך אים אַזוי שווער געלייגט אויף דער צונג. לסוף האָט דער קאַפּיטאַן פאַרשטאַנען, וואָס נאַטאַן וויל. ער איז אַביסל בלאַס געוואָרן, א בעם האָט זיך אים באַוועגט אין די עקשנותדיק־דינע ליפּן, אין די שפּיציק־געשניטענע באַקן־בערד. באַלד האָט ער זיך אָבער באַהערשט, א העפלעכן שמייכל געטאָן און צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ, וואָס אין זיינע כוחות, אַז די פּאַסאַזשירן זאָלן זיך נישט האָבן מער אויף וואָס צו באַקלאָגן.

אָבער ס'איז אַרויסגעוואָרפן געווען די אַרבעט. וואָרים באַלד א פּאָר שעה נאָכדעם, ווי נאַטאַן און נח האָבן געבּרענגט פון קאַפּיטאַן די שיינע הבטחות, איז א מאַטראָז איבערגעפאַלן בראַניע פעלדבוים און זי דווקא געשלעפּט מיט זיך אין א ווינקל אַריין, דאָרט וווּ קיין מענטשלעך אויג קען זיי נישט באַמערקן. דער מאַטראָז איז געווען זייער א קליינער, ברייטער ווי לענגער, א האַמעטנער, מיט א פּאָר נישט־געוויינטלעך לאַנגע צעבויגענע הענט, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון זיין ברודיק־ווייס לייבל, ווי צעקרומטע וואָרצלען. די הענט זענען געווען ביי אים אַזוי לאַנג, אַז זיי האָבן שיער נישט דערגרייכט צו דער ערד און פּונקט ווי זיי זענען לאַנג געווען אַזוי זענען זיי געווען שטאַרק. אָט מיט די הענט האָט דער פאַרשוין אָנגעכאַפּט בראָניען, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען און בשעת־מעשה אָנגעוויזן מיט א סודותדיקן בליק אויף זיינע פול־אָנגעשטאָפּטע הויזן־קעשענעס. ער האָט געוואָרפן פון זיך צעפּאַרעט־הייסע רייד, די ליפּן זענען געווען ביי אים אײנגעגלוצן נאַס, אויפגעפּוישט, ווי גרויסע, דיקע ווערים:

— אָט דאָ האָב'ך א שאַכטל מיט פישלעך... אַראַפּימו... —

האָט ער געשעפּטשעט תאוותדיק-שטיל און זיינע קליינע אייגעלעך

זענען געווען אָפּגעמעקט, ווי אויסגעריבן־אָפּבלאַקירטע פּאַטשער־קעס — אַ גאַנץ שאַבטל!... מ׳וויל מיר דערפאַר געבן אַן אוצר, נאָר כ׳וויל נישט נעמען... בעסער עס איבערגעלאָזט פאַר מיין שיינקייט... פאַר מיין זיס טייבעלע, ס׳זאָל זיך אַביסל צוזען... און דאָ האָב׳ך נאָך עפּעס... קום מיט מיר, וועל איך דיר ווייזן... קום!... אָט דאָרטן וועט אונז קיינער נישט זען...

דער פּאַרשוין האָט נאָך עפּעס צו בראָניען גערעדט, אויס־געמשלט געניי מיט די הענט, זי זאָל אים פאַרשטיין, כסדר צו־זאָגנדיק-פּריילעך און סודותדיק געווונקען אויף זיינע אָנגעשטאָפּ־טע קעשענעס, ווי אויף אַ גרויסן אוצר און געשיט מיט נבול־פּה, געמישט מיט צערטלעכקייטן און פּ׳עשטשערייען, וואָס מ׳רעדט צו אַ פרוי, ווען מ׳וויל זי מיט געוואַלט בייקומען. ער האָט אָנ־געוויזן מיט גרויס שטאָלץ אויף זיך, געזאָגט, אַז ער איז אַן אמתער מאַנספּערשוין און זאָל זי, זיין אויסדערוויילטע, נישט קוקן אויף דעם, וואָס ער איז אַזוי מיאוס. פּלוצים האָט ער מיט גרויס האַסטיקייט איבערגעדרייט זיינע קעשענעס, אַרויסגע־וואָרפן צו אירע פיס אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט און זיך געבעטן, געמאָלן שנעל אויף זיין פרעמדן לשון, נישט געקוקט מער אויף דעם, וואָס זי פאַרשטייט נישט קיין איין וואָרט:

— נאַ דיר אַלץ, וואָס כ׳האָב... — האָט ער זי מיט זיין שווערן גוף צוגעדריקט, ווי מיט אַ וואַנט — כ׳קען נישט שלאָפן ביינאַכט צוליב דיר!... דעם שלאָף האָסטו מיר אָוועקגערויבט, דו זיסע, דו!... אַראָפּימו...

בראָניע האָט זיך זייער געשעמט, זיך געמיאוסט פון דעם פּאַרשוין, געציטערט מענטשן זאָלן נישט דערהערן. זי האָט געקענט דעם מאַטראָז. ער איז געווען שטענדיק אַן אַרבעטזאַמער, געאַרבעט פאַר אַנדערע און די מאַטראָזן האָבן נישט איינמאָל מיט אים לצנות געטריבן, אויסגעשטעלט אים פאַר אַ נאַר. בראָניע האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן ביי אים, גע־פּרווט מיט גוטן און מיט בייזן, זיך געראַנגלט אַ מידע, אַן אויסגעשעפּטע. מיטאַמאָל האָט זי באַקומען אין זיך אַזעלכע כוחות, אַז זי האָט אים מיט איין שטופּ אָפּגעשטויסן פון זיך. ער

האָט זיך אַזש אַ וואָקל געטון אויף די פּיס, זיך שיער נישט אויסגעגליטשט.

ביים מאַטראַז האָבן זיך די אייגעלעך צעפינקלט מיט אַ קלוגעטשקע פייערל, וואָס האָט איר געגעבן אָנצוגעהערן, אַז ער ווייסט אַלץ וועגן איר. אַז זי זאָל זיך נישט מאַכן פאַר אים פאַר קיין אומשולדיק מיידעלע. אַלץ-ווייסעריש און לאָבוזערסקע האָבן די אייגעלעך געגלאַנצט, אונטערגעוואונקען, אַז ער איז נישט פון די נאַראָנים, וואָס לאָזן זיך אַזוי שנעל אָנפּרייערן און אָפּפּטרן מיט גאָרנישט:

— כ'וויל אויך הנאה האָבן!... פּאָליאָרעיאַ... — האָט ער דריבנע געלאַכט — וואָסי, איך טאָר נישט הנאה האָבן?!... וואָס איז דער קעלנער, וואָס דו שלעפּסט דיך אַרום מיט אים איבער גאַנצע נעכט, בעסער פון מיר?... בכן ער איז אַ שיינער!... ער האָט אַ ליאַלקע־פּנימל! מ'פּילנעוועט אים שוין איצט געגוג, האָב נישט קיין מורא... ער וועט שוין מער נישט לקחנען די גוטע זאַכן פאַר דיינעטוועגן!... מ'האָט אים שוין אויפן אויג. דעם גנב! איצט וועסטו אויסגיין פון הונגער!... ווער וועט איצט דיר געבן די גוטע זאַכן דאָס שיינע לייב צו קעכלען?...

דער פאַרשוין האָט געוואָרט, זיך געשאַרט צו איר, געזוכט אַ גינסטיקע געלעגנהייט, כדי זיך נאָכאַמאָל אויף איר צו וואַרפן, אָבער זי האָט געהיטן זיין יעדן קער, יעדן ווענד פון זיין געזונטן קערפּער, זיך גערוקט הינטערוויילעכץ. מיטאַמאָל האָט זי זיך אויסגעדרייט פון אים און אָנגעהויבן צו לויפן. זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, געלאָפן, ווי פון אַ שרפה, הויך געסאַפּעט, זיך געדרייט איבער פאַרשידענע זייטיקע ווענעלעך, קיינער זאָל זי נישט זען, געוועזן איבערצייגט, אַז ער יאָגט זי נאָך. מיט די לעצ־טע כוחות איז זי אַריינגעלאָפן צום מאַן אין דער קאַבינע אַריין, זיך געוואָרפן אים אויפן האַלז, זיך אַזוי שטאַרק פאַרוויקלט אַרום זיין גרויסן גוף, ווי זי וואָלט מורא געהאַט ס'זאָל זי ווער נישט אָפּרייסן. זי האָט זיך געטוליעט צום מאַן, צוגעהאַלטן אים מיט די הענט, ווי זי וואָלט וועלן זיך פאַרשטעלן מיט אים פאַר דעם אומגליק, וואָס האָט זי געטראָפן...

מארקוס האָט נישט געוווּסט, וואָס מיטן ווייב איז געשען, געפּרוּווט זי באַרואיקן. זי איז אַלץ נעהאָנגען אויף זיין האַלז אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. דערנאָך האָט זי זיך צעוויינט, געהאַט טענות צו אים:

— פאַרוואָס לאָזטו מעך שטענדיק איינע אַליין?... — האָט זי געהאַט טענות צו אים, געגלעט און געצערטלט אים מיט די הענט — פאַרוואָס מוז איך זיין שטענדיק אַזוי איינזאַם!... עך האָב דאָך אַ מאַן... פאַרוואָס ביזטו נישט, ווי אַנדערע מענער, וואָס היטן אָפּ זייערע ווייבער... וועסט שוין זיין גוט צו מיר?... וועסט מעך נישט לאָזן מער אַליין?... זאָג...

דער מאַן האָט זי אויסגעפרעגט, געוואָלט וויסן וואָס איז געשען, אָבער זי האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט. זי איז אַביסל צו זיך געקומען. ערשט שפּעטער, ווען זי איז זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן, האָט זי נישט אויסגעהאַלטן און זיך געמוזט פאַר וועמען אָפּרעדן פון האַרץ. זי האָט געפּאַקט אידען, זיך צעוויינט פאַר איר, געזאָגט אויף איר, אַז זי איז אַן אינטעליגענטער מענטש און נאָר זי וועט זי פאַרשטיין... זי, בראָניע, ווייסט, אַז אידע האָט גימנאַזיע. זי אַליין האָט אויך אַ פּאָר קלאַסן גימנאַזיע געענדיקט...

בראָניע האָט אידען אַלץ דערציילט, זיך אויפגעהערט צו שעמען פאַר מענטשן, נישט געקוקט מער אויף דעם, וואָס זי וועקט יעדן אין דער קאַבינע אויף פון שלאָף. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, וואָס אידע האָט זי באַרואיקט, זי געגלעט איבער די געריכטע האָר, וואָס זענען זינט דער דעזינפעקציע געווען קורץ אָפּגעהאַקט, איבער די נאָך אַלץ פרישע, זאַפטיקע באַקן און געשעפּטשעט איר אויפן אויער, זי זאָל רעדן שטילער, געוואָרנט, אַז אַלע זענען שוין אויף און הערן זיך צו איר צו. בראָניע האָט זיך מער צו אידען נישט צוגעהערט.

— פאַרוואָס קומט מיר דאָס?... — האָט זי געפרעגט, געקלאָגט און געיאָמערט — פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ באַליידיקונג?... מיט וואָס האָב עך מעך אַזוינס פאַרזינדיקט?... ברר...

ס'עקלט מער!... נאָך איצט עקלט מער!... אָך, וואָס פאַרא העס-לעכקייט!... זאָ וואָס האָב'ך נאָך נישט געזען!...

די איבעריקע ווייבער האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, זיך איינגעהערט אינם געוויין, דערקענט בראָניעס קול און אויפגעשפּיצט די אויערן. פּלוצים האָבן אין דער פינסטערניש אָנגעהויבן פאַלן שטימען. קיין פּנימער האָט מען נישט געזען, אַלץ האָט די פינסטערניש איינגעהילט, ווי מיט אַ שוואַרץ טוך, בלויז שטימען זענען פון אַלע זייטן געפאַלן אויף בראָניען, געשמיסן זי אָן רחמנות:

— וואָס וויינט זי אַזוי?... וואָס איז דאָס קלאָגעניש!... אַז זי זעט אַ פּאָר הויזן גייט זי אויס!... וואָס שפּילט זי אינמיטן דערינטשקע די ראָלע פון אַ ניעווינגע פאַננע?...

— פאַרוואָס טשעפּעט מען מיך נישט, נאָר פּונקט זי?... — האָט געפּרעגט עפּעס אַ הייזעריקלעך־דין, אַלט קולעכל, וואָס האָט זיך זייער געבייזערט, זיך פאַרגאַנגען אַזש פון כעס אין אַ קריי — יעך גיב מיך נישט אָפּ מיט קיינעם! יעך שלאַנדרע מיך נישט אַרום גאַנצע נעכט, האָט מען צו מיר נישט קיין חוצפּה! אַ שיינע ריינע כפּרה אויף איר... ווער הייסט איר קריכן דאָרט ווו מען דאַרף נישט!... אַ גאַליציאַנער עך-מעך זאָל זיין אַזאַ בהמה!...

— אוי ווי איז מיר נישט געשען!... מ'האָט איר געריסן די קרוין פון קאָפּ, דער צדקתטע!... זי האָט נאָך קיינמאָל אַ מאַנס-פּערשוין פאַר די אויגן נישט געזען!... — האָט פול מיט נערעכ-טיקייט אַלעמען איבערגעשריגן אַ קול פון אַ ווייטן ווינקל אַרויס — פאַרוואָס פאַרקויפן מיר זיך נישט?... ס'וואָלט געפּאַסט מיר האָבן מער צו עסן פון איר!...

אויף אַזאַ קבלת־פּנים האָט זיך בראָניע לחלוטין נישט גע-ריכט, ווייל זי האָט גאָרנישט געענטפערט. זי איז שטיל געוואָרן, מיט אַלע כוחות געפּרוווט איינהאַלטן די טרערן, מיט די פויסטן זיך אַליין פאַרשטופּט דאָס מויל ביז דערוואָרגן צו ווערן, כדי קיין העשען אפילו נישט מער אַרויסצוברענגען פון זיך — אָבער ס'איז נישט געגאַנגען. די אַלע רייד, וואָס זי האָט געהערט, האָבן זיך אַזוי ווייטיקדיק-טיף איינגעשניטן אין איר, זי אַזוי צענו-

מען, אז זי האָט געפילט, זי וועט עס מער נישט אויסהאַלטן. אונטערן גריבל האָט איר זייער פאַרקלעמט. זי האָט שטיל געוויינט, געלעגן אין אידעס אָרעמס און די טרערן זענען אָן אַן אָפּשטעל געפלאָסן איבער אירע באַקן. קיינעם האָט זי נישט קיין וואָרט געענטפערט, זיך געלאָזט שטראָמען, געפילט, ווי די שטראָף־רייד מאַכן איר גרינגער, נעמען פון איר אַראָפּ אַ שווערע משא. זי האָט געוואָלט די רייד זאָלן גאָרנישט אויפהערן, זאָלן וואָס מער אויף איר פאַלן. זי איז שולדיק און קומט אָפּ...

און די רייד האָבן טאַקע נישט אויפגעהערט, זיך פאַרשטאַרקט. די בעטלעך האָבן רציחהדיק געקרעכצט און די ווייבער האָבן נקמה גענומען אין בראָניען פאַר דער גאַנצער צייט. קיינעמען האָט מען אין דער פינסטערניש נישט געקענט זען, נישט געקענט באַמערקן. און יעדערער האָט געזאָגט, וואָס ער האָט געוואָלט, געלאָזט פריי די צונג.

VII

אויף צומאָרגנס האָבן די ווייבער געהאַט וואָס צו דערציילן די מענער. און אויך אידע האָט זיך נישט געקענט בשום־אופן איינהאַלטן און אַלץ דערציילט נאַטאַנען. זי האָט געזאָגט אויף זיך, אַז זי איז נישט בעסער פון אַלע אַנדערע ווייבער, אַז זי האָט ליב פּלאַטקעלעך פּונקט ווי זיי, זי איז מער נישט ווי אַ יידענע מיט אַ לאַנגער צונג. זי האָט זיך אפילו צוליב דעם אליין געמוסרט און געשטראָפט, זיך אליין אָנגערופן „ניין מאָס רייד" און אַלעמאָל מיט אַ סך קינדערישן חן זיך אַ פּעטשל געטון איבערן פּנים. פונדעסטוועגן האָט זי אַלץ געגנוי, מיט אַלע פּיטש־עווקעס נאַטאַנען דערציילט. זי האָט אפילו הנאה געהאַט פון דער פּיקאַנטער מעשה, גיך געפּלאַפּלט מיטן גרעבלעבן מענער־קול אירן.

נאַטאַן האָט דאָס אָבער נישט אויפגענומען אַזוי לייכט, ווי אידע. ס'האָט אים געקאָסט אַ שטיק געזונט, וואָס זיין גאַנץ לויפן צום קאַפּיטאַן האָט געהאָלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס און מ'האָט בראָניען אַזוי מביש געווען. ער האָט זיך געפילט שטאַרק געטראָפן, געזען אין דעם אַ גרויסע באַליידיקונג, אַ גרינגשעצונג צו אַלע יידן אויף דער שיף. ער האָט דאָס אידען געזאָגט, אָבער זי איז דווקא געווען גוט אויפגעלייגט און זיך נישט געוואָלט צוהערן צו זיינע רייד, מיט חוזק אים אָנגערופן „מוסרניק" און „קעמפער".

— דער ים איז איצט אַזוי שיין... — האָט זי מיט קינדערישן חן געקורטשעט דאָס לאַכנדיק־בריטלעכע נעזל, געקנייטשט די בורשטינענע אויגן און אַרויסגערוקט די שיטער־צעשטעלטע ווייסע ציין אירע — און קוק נאָר אָן דיין בייז פּנים... אַ גאַנצער

קעמפער ביזטו מיר געוואָרן לעצטנס!... דו זעסט מיך אינגאַנצן נישט מער... זע נאָר ווי שיין עס איז...

ס'איז טאַקע געווען אַ זוניק־שיינער פרימאָרגן, כאָטש ס'איז געווען זייער הייס. דער ים איז געלעגן שטיל, פרידלעך־אויסגעלייטערט, געווען אַזוי דורכזיכטיק און קרישטאַל־ריין, אַז מ'האָט זיך געקענט שפּיגלען אין אים, אַראָפּקוקן טיף אין זיינע אָפּגרונטן. די זון איז ערשט נישט לאַנג אויפגעשטאַנען, אָן אויסגעבאָדענע אין די ריינע בלויע וואַסערן, געהאַט נאָך אין זיך די פרישקייט פון ניי־געבוירן ווערן, גאָלדיק געפאַרבט דעם הימל אַרום. אַ וואַרעם ווינטל האָט קוים אַרומשפּאַצירט איבער דער אויבערפלאַך פון די כוואַליעס, זיי לייכט געגרונצלט און געקניטשט, זיי קוים באַרירט מיט די שפּיצן־פינגער, כדי נישט צו שטערן די גרויסע רו, וואָס איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף גאָטס וועלט.

אידע און נאַטאַן האָבן אַרומשפּאַצירט איבער דער דעק. זי האָט אים אָנגענומען אונטערן אָרעם און ער האָט בשום־אופן נישט געקענט פאַרגעסן אין די רייד, וואָס זי האָט ערשט געזאָגט, אַז ער זעט זי אינגאַנצן נישט מער. פון אידען האָט געשפּראָצט מיט ענערגיע און אויפטוערישקייט, פונקט ווי אַמאָל און ער האָט זיך דערפילט אַזוי זיכער לעבן איר, ווי אַ קינד לעבן דער מאַמען. פילנדיק איר האַנט אין זיין אָרעם זענען אין אים צוריק אויפגעגאַנגען זיינע פּלענער, וואָס ער האָט געהאַט אַזויפיל און, וואָס האָבן זיך געביטן ביי אים פון טאָג צו טאָג, נישט געהאַט קיין ממשות. די פּלענער, אין וועלכע ער האָט זיך שטענדיק אָנגעכאַפּט בלויז אויף אַ טאָג, האָבן איצט מיטאַמאָל באַקומען ממשות, געשטאַנען אַזוי לעבעדיק פאַר אים, אויסגעזען אַזוי לייכט צו דערגרייכן און אדורכצופירן. ער האָט געשפּרייזט לעבן איר און פאַר איר מיט אַ סך פייער געפּלאַנעוועט, אויסגעמשלט פאַר איר מיט אַלע פּיטשעווקעס, וואָס ער וועט אַלץ אין דעם נייעם לאַנד, ווו זיי פאָרן איצט, אויפטון. ער וועט צוריק אָנהייבן שטודירן, ענדיקן אינזשינעריע. דאָס איז אַ פאַך, וואָס מען דאַרף אומעטום. אין יעדן לאַנד קען מען מיט דעם פאַך זיך אויסשלאָגן דאָס

שטיקל ברויט, פילן די ערד אונטער די פיס! ער וועט זיך שוין מער נישט נעמען צום מסחר. ער טויג נישט דערצו. נאָך יעדע פּאָר ווערטער האָט ער אידען געפּרעגט, צי זי פאַרשטייט אים און צי זי איז מיט אים מסכים. פאַר אים איז געבליבן בלויז איין זאַך — זיך ווייטער צו לערנען. נישט אומזיסט האָט אין שטעטל דער אַלטער פאָטער זיינער, וואָס האָט אַליין אַ טבע געהאַט זיך צו שאַרן שטענדיק פון הינטן, אַזויפיל אויף אים געשטעלט, געוועזן זיכער, אַז ער וועט אויסוואַקסן עפּעס רעכטס. בעת ער איז אַלס סטודענט אַראָפּגעקומען אין שטעטל, האָט דער פאָטער אים שבת געשלעפּט אין בית־המדרש אריין, זיך באַרימט פאַר די שיינע באַלעבאַטים מיט זיין געראָטענעם זון. דאָס האַרץ איז ביי אים, דעם אָרעמען בעל־מלאכה, געוואַקסן, ווען די שיינע יידן פון דער מזרח־וואַנט האָבן אים אָנגעטון דעם כבוד און געשטעקט דעם זון די ווייכע שפּיצן־פינגער און אויסגעפרעגט אים אויף וואַרשע, זיך גוט־ברודעריש געחכמעט, צי וואַרשע שטייט נאָך אויף דעם זעלבן פּלאַץ...

און שפּעטער ביים עסן האָט די מיר נישט גערוט, עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן צו זיי אין שטוב אריין די טעמ׳עדיקע טאָרטן און קוגלען, וואָס די קליינשטעטלדיקע שעמעוודיקע מיידלעך האָבן געברענגט. די מיידלעך האָבן נישט געקוקט אינגאַנצן אין זיין, נאַטאַנס, זייט אריין, פאַרשעמט אַ מורמל געטון גיך אונטער דער נאָז צו זיין טאַטע־מאַמע:

— ליב אייך אייער גאַסט...

מ׳האָט אים גערעדט אין שטעטל רייכע שידוכים, אָבער ער איז ווייט געווען פון דעם אַלעמען, אויסגענוצט די פרייע צייט, געלייענט אַ סך ביכער, געשלונגען אַלץ, וואָס איז אים נאָר אונטער דער האַנט געקומען. דעם טאַטן האָט דאָס ווי געטון, גע־וואָלט דווקא ער זאָל צו אַ מענטש אַ וואָרט אויסרעדן. אָבער ער האָט דעם אָרעמען טאַטן נישט אָנגעטון דעם נחת־רוח, נישט געקאָנט פאַרטראָגן זיין נעבעכדיקייט, זיין געפּאַלנקייט, זיין ציטערן איבער אים, דעם געראָטענעם זון זיינעם. ער האָט דעם פאָטער צוליב דעם געהאַסט, געזען אַ שטיק פון אים אין זיך,

קיינמאָל זיך לאַנג אין שטעטל נישט אויפגעהאַלטן, באַלד אַנטלאָפן.

אָבער צו וואָס האָט דאָס אַלץ דערפירט. סיי־ווי האָט ער זיך צו גאָרנישט דערשלאָגן, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין מיטלען און מען האָט אים אין אוניווערזיטעט צו גאָרנישט צוגעלאָזט. ער האָט אויך נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד, כאָטש ער האָט כסדר געחלומט צו פאָרן. אַז זיין לעבן איז אים קיינמאָל גלייך נישט אַוועק. ער האָט אַ סך געאַרבעט, איבער די כוחות געאַרבעט, געגעבן לעקציעס, אויף געווען ביז אין דער האַלבער נאַכט אריין ביי אַ פאַרקאָפּטשעטע נאַפט־לעמפּל אויף די אָרעמע „סטאַנציעס", ווי זיין טבע ביים לערנען זיך געביסן די נעגל ביז ווייטיק, איינגעקשנט געגאַנגען אויף דעם וועג, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן, קיין צייט נישט געהאַט צו גאָרנישט. און כאָטש ער האָט פיינט געהאַט זיין טאַטן צוליב דעם, וואָס ער האָט אים דווקא געוואָלט מאַכן פאַרן שיינדל פון זיין אָרעם לעבן, אָפּגעשפּאָרט זיך דעם לעצטן ביסן פון מויל און געלייגט אויף אים, איז ער אַ סך פון דעם טאַטן נישט אַוועק. כאָטש ער האָט דעם פאָטער געטון אויף צו־להכעיס, זיך איביק אַרומגעריסן מיט אים, האָט ער שטילערהייט אַליין אפילו געוואָלט פאַרווירקלעכן זיינע חלומות — אָבער ס'איז נישט געגאַנגען.

נאַטאַן און אידע זענען געשטאַנען ביי דער אייזערנער פאָרענטשע און געשמועסט צווישן זיך, אינגאַנצן נישט באַמערקט, אַז ר' זיינוול ראַכמאַן און נח דער „רויטער" שטייען הינטער זיי. ר' זיינוול ראַכמאַן האָט באַלד אינדערפרי, ווי מיט ליכט, געזוכט עפּעס אַ קרבן, כדי ער זאָל קענען אין אים אריינהאַקן זיינע מעשיות, ווי זיין טבע איז פּאַוואָליע און מיט אַ סך חשיבות אין קול. אַ סך האָט זיך אין אים אָנגעקליבן איבער דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז אויף דער שיף געפאָרן! און ער איז ממש אויסגעגאַנגען זיך פאַר ווערמען אָפּצורעדן פונם האַרץ. ער האָט געלעכצט נאָך אַ שטיקל שמועס, פונקט ווי ער האָט געלעכצט נאָך אַ פּאַפּיראָסל. אינדערהיים האָט ער שטענדיק ליב געהאַט

צו פירן טיש, ליב געהאט צו זיין דער אויבן-אָן. און אויף דער שיף האָט ער פאַרלוירן דעם גאַנצן גלאַנץ, זיך אַרומגעטראָגן ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענה, קיינער האָט אים נישט געזען, קיינער האָט זיך צו אים נישט צוגעהערט. אפילו דער ווייסער גומי־קראַגן זיינער איז נישט געווען מער ריין, ווי אַמאָל און דאָס געפּוצטע לאַפּעטקע־בערדעלע זיינס איז געווען אַלט און צע־קנייטשט, ווי ביי אַ יורד. ער שפּילט דאָ נישט די ראָלע, ווי ער וואָלט געדאַרפט שפּילן ביי אַזאַ עדה יידן. כאָטש ער האָט פּאַביאַשן פיינט געהאַט, ווייל ער האָט שטענדיק געוווּסט אַלץ בעסער פון יעדן און ער האָט זיך נישט געוואָלט צוהערן צו זיינע געציילטע חשובע ווערטער, וואָס ער האָט אליין הנאה געהאַט כסדר אויסצוציען, געבן אָנצוגעהערן, אַז זיי קומען אַרויס פון זיין, ר׳ זיינוול ראָכמאַנס מויל, האָט ער דווקא ליב געהאַט מיט אים צו שמועסן. ער האָט זיך דווקא ליב געהאַט מיט אים צו שפּאַרן און אים אויפצווייזן, אַז ער איז, לאָ־עלינו אַ גראָ־בער יונג און ווייסט גאָרנישט. אָבער זינט פּאַביאַש האָט זיך אַרומגעטראָגן, ווי חסר־דעה, ס׳איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן, האָט ער נישט געהאַט מיט וועמען אַ שמועס צו כאַפּן און זיך אָפּט אַרומגעפירט מיטן יונגוואַרג. ער איז נישט קיין אָפּגעשטאַנענער, קיין פאַרקנייטשטער, קוקט אַריין! אין אַ בלאַט־ציייטונג, אין אַ ביכל, ווייסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. ער האָט גערעדט צום יונגוואַרג מיט ספּעציעל־אויסגעזוכטע ווערטער, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט פונם בלאַט-ציייטונג און פון זיינע צוויי זין. די ווערטער האָבן זיך אפילו נישט אַזוי שטאַרק געקלעפּט צו אים...

כאָטש ר׳ זיינוול ראָכמאַן האָט כסדר ליב געהאַט אליין צו רעדן, האָט ער פונדעסטוועגן פון איידלקייט וועגן געמוזט אויך יענעם אויסהערן. אָבער דאָס, וואָס דער אַנדערער זאָגט איז אים ווייניק אָנגעגאַנגען, אין איין אויער אַריין און פון אַנדערן אַרויס. פונדעסטוועגן האָט ער געלאָזט יענעם ענדיקן, בשעת־מעשה גע־קלערט פון דעם, וואָס ער גייט זאָגן, געשמייכלט אפילו צו זיך אליין פון דעם גוטן איינפאַל זיינעם, פון די טייערע ווערטער,

וואָס ליגן אים שוין אויף דער שפּיץ צונג. ער האָט זיך טאַקע איצט צוגעהערט מכלומרשט מיט אַ כּך געדולד צו דעם, ווי נח באַקלאָגט זיך פאַר אים, אַז צוליב דעם שוואָגער, מאַרקוס פעלדבוים, געפינט ער זיך דאָ אויף דער שיף. נח האָט געריסן פון זיך די הויט, הלמאַי דער שוואָגער־יאַר האָט אים פאַרשלעפּט אַהער. ער האָט דאָך איצט געקענט זיין אין רוסלאַנד. און וואָס עפּעס אין רוסלאַנד, טאַקע אין זיין לעמבערג, ווו ס׳איז שוין דאָ די ראַטן־מאַכט און ווו ס׳פלאַטערט איצט פריי אויף דער „געמיינדע״ די רויטע פאָן. זיינע אַלע יאָרן האָט ער דאָך אין לעמבערג געקעמפט, זיך געוואַלגערט אין די קרימינאַלן, געוואָלט באַפרייען דעם „אַרבייטער״ און ווען ס׳איז צו דעם געקומען ליגט ער ערגעץ אין דער ערד און קען דאָס אַלץ מיט זיינע אייגענע אויגן נישט זען.

— איר ווייסט דען וואָס פאַראַ פרייד דאָס איז!... — האָט זיך נח געווענדט מער צו נאַטאַנען און אידען, ווי צו ראָכמאַנען — אין מיין לעמבערג אויף דער געמיינדע פראַנק־און־פריי אַ האַמער און אַ סערפּ!... לעמבערג איז שטענדיק געווען אַ שטאָט פון קאַמף... אַרויסגעגעבן פון זיך באַטווינען!... אַן אייגענער... אַ נאַש־בראַט.. אַ העלד!... זיין נאָמען איז שוין לאַנג פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון אַרבייטער־קלאַס!..

ביי נחן האָבן די אויגן געגלאַנצט, די שוואַרצע געקרויזלטע האָר האָבן זיך אים צעשויבערט און ער האָט גערעדט, ווי צו זיך אַליין:

— ס׳קלינגען איצט פריי די רעוואָלוציאָנערע לידער אין די אַרבעטער־קלובן און פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין לעמבערג, און עך בין דאָ... און אַלץ צוליב מיין שוואָגער, וואָס איז שטענדיק אַן אייגענער געווען, אַ נאַש־בראַט, כאָטש אַ רייכער... ער האָט גוט באַהאַנדלט די פּויערים, גלייך מיט זיי געאַרבעט... אָבער אַ גרויסער אָקס, איר זאָלט מיר ענטשולדיקן, איז ער אַלעמאָל געווען... דער בעסטער באַווייז איז, ער האָט זיך שטענדיק געלאָזט פירן פון מיין שוועסטערל!

און נח האָט דערציילט ווי דער שוואָגער זיינער האָט זיך אייביק ארומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע און זיך באַזעצן דאָרט אויף ערד. אָבער ער, נח, האָט אים צוגע־רעדט צו פאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן. דער סוף איז געווען, ער איז אינערגעץ נישט געפאָרן, ווייל דאָס ווייב זיינס, די פּאַריזער דאַמע, האָט נישט געלאָזט. בעת די מלחמה איז אויסגעבראָכן און דער דייטש האָט פאַרכאַפּט כמעט גאַנץ פּוילן, האָט דער שוואָגער איינגעשפּאַנט אַ פּויערישן וואָגן, מיטגענומען אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזט און געזאָגט, אַז איצט פאָרט ער שוין אויף זיכער קיין ארץ־ישראל. דערווייל איז ער אַוועק קיין רומעניע. אים, נחן, האָט ער מיטגענומען מיט זיך. אָבער קיין פּאַלעסטינע איז ער נישט געפאָרן, ווייל מ׳האָט אים נישט אריינגעלאָזט. ער איז אַזוי געפאָרן קיין פּאַלעסטינע, ווי ער, נח, איז געפאָרן צוריק קיין לעמבערג, כאָטש ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געריסן, געהערט. אַז די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען די שטאָט. די פּליטים אין די אַלע לענדער, וווּ ער האָט זיך געוואַלגערט, האָבן אים אַלץ געשטופּט פאָרויס, נישט געלאָזט אים פאָרן צוריק. די מענטשן האָבן אים אַזוי פאַרשריגן, אַזוי צעחושט און צעטומלט, גע־טענהט, אַז קיין רוסלאַנד לאָזט מען פון אויסלאַנד נישט אריין מער צוריק, אַז ער האָט נישט געוווסט אויף וועלכער וועלט ער איז...

ראָכמאַן האָט זיך צוגעהערט צו נחן, זיך קוים איינגעהאַלטן אים נישט איבערצושלאָגן די רייד. עס איז אים געלעגן עפּעס אויף דער שפּיץ־צונג, עפּעס אַזעלעכס, וואָס מיט דעם וועט ער שוין סוף־כל־סוף ווייזן דעם יונגוואַרג, אַז ער איז נישט קיין צוריקגעשטאַנענער, קיין בטלן, אַז אדרבא, ער ווייסט וואָס עס טוט זיך ארום אים, ער האָט אָפענע אויגן. ער האָט געוואָלט, אַז אַלע זאָלן זיך צו אים מיט קאָפּ צוהערן און ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ הוסט געטון, כדי צוצוגעבן מער געוויכט זיינע רייד. מיט אַ סך חשיבות האָט ער גענומען דערציילן וועגן זיינע צוויי זין, וואָס האָבן זיך שטענדיק ארומגעריסן צווישן זיך און ער, דער טאַטע, האָט זיי ביידן געוואָלט שיקן אין שאול תחתיה אריין.

ער האט שטענדיק געפרעגט דעם יינגערן זון, פארוואס ער מישט זיך צו מלכות, פארוואס ער מוז דווקא אידבערדרייען פוילן מיטן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף און דעם בכור האט ער געפרעגט, פארוואס ער מוז עפעס פארן קיין ארץ־ישראל. וואס, פוילן טויג אים נישט?...

אבער ווייזט אויס די „באוווסטזיניקע" זין זיינע — געלערנטע יונגעלייט, טייערע פראפעסארישע קעפ — זענען נישט געווען משוגע, זיי האבן געוווסט, וואס זיי רעדן. ער האט זיך אין דעם „פשעקאנירט", ווען מ'האט אים אנגעהויבן צו דושען מיט די פאראטקעס, געוואלט אים דווקא לאזן שטיין אדם־נאקעט. ער האט זיך נישט געפוילט, אליין ארויפגעגאנגען אין „אוזשאנד" אריין, זיך געגאנגען אויסשמועסן מיט די אוזשענדניקעס, רעדן זיי צום שכל־הישר.

— כ'בין אוועק אין אוזשאנד אריין — האט ר' זיינוול פאוואליע געציילט די ווערטער, זיך א פוץ געטון דאס בערדל, ווי זיין טבע — אנגעטון דווקא אין דעם שענסטן מלבוש, וואס כ'האב פארמאגט, זיך נישט געמאכט פאר קיין בעטלער, ווי א סך פון אונזערע אחינו בני ישראל... און געגאנגען בין'ך גלייך צום קאפ!... כ'האב שטענדיק ליב צו גיין גלייך צום קאפ, נישט צום ווידל, כ'בעט איבער אייער כבוד... און כ'האב אים געפרעגט, דעם קאפ, היתכן, וואס ווילסטו עפעס דווקא אויסשטעלן פאר אן ארעמאן?!... אנו, טרעפטע, וואס דער ערל, דער גארנישט שבגארנישט האט מיר געענטפערט... כ'זאל מיך אפטראגן פון פוילן... אויב עס געפעלט מיר נישט, זאל'ך גיין!... ס'איז שוין די העכסטע צייט די יידן זאלן ארויס פון פוילן!...

ר' זיינוול האט אפגעהוסט, זיך ארומגעקוקט, געוואלט זען, ווי זיינע רייד ווירקן אויף די צוהערער. ער אליין האט זיך זייער איבערגענומען פון דעם אלעמען, ווי ער וואלט עס איצט נאכאמאל איבערגעלעבט. ער האט ווייטער מוסיף געווען:

— וואס כ'האב דעמאלט איבערגעלעבט, ווינטש'ך עס בלויז היטלערן, ימח שמו וזכרו! ס'האט מיך אנגעהויבן עפעס צו ווערגן אין האלז, אז כ'האב געמיינט, כ'וועל עס נישט איבער־

טראָגן!... אַז מ׳וואַרפט זיך מיט מיר, ווי מיט עפּעס אַ פּילקע, איז עס דאָך נישט קיין קלייניקייט... אַז מ׳טליקעט מין׳ אַזוי פּראָסטאָ זמאָסטו אַרויס הינטער דער טיר, איז דאָך שוין עק וועלט!... און זינט דעמאָלט טאַקע האָב׳ך מיט אַנדערע אויגן אָנגעהויבן צו קוקן אויף מיינע תכשיטים... אַז דער עלטערער זון מיינער איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָב׳ך אים אַליין קיין וואַרשע באַגלייט... יידן מוזן האָבן וווּ דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן... זיי מוזן האָבן עפּעס אַן אייגן ווינקל אויף דער ערד!... ס׳האַרץ איז אין מיר פאַר פרייד געוואַקסן, ווען כ׳האָב געזען ווי דאָס יונגוואַרג טאַנצט, נו, ווי הייסט עס דאָרט, „הורא״... און אַז עפּעס אַ שנצל, אַ וואָרעם, אַ שטשעניאַק, וואָס איז נאָך רעכט פון דער ערד נישט אויסגעוואַקסן און בילט עס שוין ווי עפּעס רעכטס, האָט גענומען באַוואַרפן די חברה מיט שטיינער, האָב׳ך אים שיער נישט די ריפּן אונטערגעהאַקט... אַ חוצפה און אַ העזה... ווער ס׳הייבט אַלץ אויף אַ האַנט!...

ר׳ זיינוול האָט נאָך לאַנג גערעדט, געזען, אַז מ׳הערט זיך צו אים צו, איז ער גאָרנישט מיד געוואָרן רעדנדיק. אַ סך האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט די גאַנצע צייט און ער האָט איצט געהאַט אַ טייערע געלעגנהייט אַלץ אויסצולאָדענען פון זיך.

— יאָ, זינט דער מעשה מיט די שטייערן — האָט ער צוגעגעבן — האָב׳ך דערפילט, אַז מיר, דאָס ביסל יידן, זענען אינגאַנצן הפקר!... מיר זענען אייביק אויפן וואַסער און מיר דאַרפן האָבן אַ באָדן אונטער די פיס!... אַן אָנשפּאַר!... אַן אידעאַל!...

— האָבן ביי אים געגלאַנצט די אויגן פון צופרידנקייט צוליב די אַלע שיינע ווערטער, וואָס ער האָט אויפאיינמאָל געפּאַקט — אָט אַ שטייגער דער שפּייז־קרעמער, דער חסיד־צלאָפּ, האָט אַן אָנשפּאַר!... אַמאָל האָב׳ך אויף אַזעלכע יידן געקוקט מיט ביטול, געהאַלטן, אַז זיי מאַכן זיך און יענעם משוגע!... אָבער איצטער זע׳ך, אַז כ׳האָב געהאַט אַ טעות... ווער קען זיך דען צו ר׳ לייזערן גלייכן... ווען איז נאָך אַזוי גוט און וווּיל, ווי אים!... מ׳דאַרף וויסן וווּ מען איז אין דער וועלט.. מ׳דאַרף זיין אָדער צו גאָט אָדער צו לייט!...

צווישן הימל און וואַסער

ראַבמאַן האָט זיך ערשט אויף אַ רעכטן אמת צערעדט — און ער וואָלט נאָך גערעדט און גערעדט, ווען נישט אידע, וואָס האָט אַ צי געטון נאַטאַנען, ער זאָל גיין. ס׳איז היינט זייער אַ שיינער טאָג, האָט זי געזאָגט, און דער קאָפּ איז שוין פול מיט די אַלע צרות. זי איז היינט גוט אויפגעלייגט און זי וויל זיך אַביסל איבערגיין.

VIII

זינט מ'האָט פּאַביאַשעס ביידע קינדער צוגענומען אין שפּיטאָל אַריין, האָט זיך די פרוי האָדעס געפילט אין עפּעס שולדיק. זי האָט נישט געקענט קוקן דער פרוי פּאַביאַש גלייך אין פּנים אַריין און זי האָט געזוכט אַ געלעגנהייט זיך מיט איר איבערצובעטן. דאָס געוויסן האָט זי געפּייניקט, זי נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין רגע און ס'האָט זיך איר נאָר געדאַכט, אַז זי האָט שטעקן אַ האַנט אין דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די פּאַביאַשאָווע, זי איז נישט אינגאַנצן ריין. דערצו האָט זי שטאַרק געציטערט איבער אירע קינדער, מורא געהאַט זיי זאָלן חלילה נישט קראַנק ווערן. אַז די מגפה האָט נאָך נישט אויפגעהערט, ס'איז נישט אַריבער קיין טאָג, ס'זאָל נישט זיין קיין פרישער פּאָרפּאַל. די מענטשן האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט פאַרזיכטיקע טריט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט די פּאָדלאָגע צו באַטרעטן, כסדר מיט פאַרדאַכט זיך איינגעהערט אין זיך אַליין, אין די אייגענע לייבער, צי עס דאָלעגט זיי נישט עפּעס, צי עס טוט זיי נישט עפּעס וויי, געשראָקן זיך צו עפּעס צוצורירן. און די פרוי האָדעס האָט געהיטן די קינדער, נישט געלאָזט זיי מער זיך שפּילן מיט דער ליאַלקע אויפן דעק, געהאַלטן זיי פאַרמאַכט אין דער קאַבינע. זי האָט מער די טעכטער נישט אָפּגעלאָזט פון אויג, אומעטום מיט זיי מיטגעגאַנגען. אָבער אַלעמאָל, בעת זי איז מיט די קינדער פאַרבייגעגאַנגען פאַר דער פרוי פּאַביאַש האָט איר דאָס האַרץ אַ ציפּ געטון און זי האָט זיך געפילט זייער שולדיק קעגן איר. זי האָט זיך געפילט שולדיק, וואָס אירע קינדער זענען געזונט און פריש און יענעדס ליגן אין שפּיטאָל שווער קראַנק... זי האָט די קינדער פאַרשטעלט, געוואָלט זיי זאָלן נישט

אויסזען אזוי געזונט, געוואָלט זיי מיט די אייגענע הענט קלענער מאַכן, איינשטרומפּן. זיי זאָלן זיך נישט וואַרפן אזוי שטאַרק אין די אויגן אריין, נישט אוסשטעכן די אויגן דער פרוי פּאַביאַש, נישט אָנטון איר קיין עגמת־נפש...

אָבער זי האָט געהאַט אַ טעות, די פרוי פּאַביאַש האָט גאָר־נישט געקוקט מיט קיין שנאה אויף אירע טעכטער און זי האָט נישט אינזינען געהאַט קיין שום בייז. פאַרקערט, ס'האָט זי גאָר געפרייט, וואָס אירע קינדער זענען קיין־עין־הרע געזונט און פילן זיך גוט. ווייל איינמאָל, בשעת די פרוי האָדעס האָט זיך מיט זייטיקע, שולדיק־גיכע טריט פאַרביי דער פּאַביאַש דורכגעטראָגן, נישט געקוקט אין איר זייט אריין, האָט זי יענע מיר־נישט, דיר־נישט אָפּגעשטעלט און זיך צו איר אָנגערופן:

— וואָס מאַכן עפּעס די טעכטער אייערע?... — האָט זי רואיק געפרעגט, ווי ס'וואָלט גאָרנישט צווישן זיי פאָרגעקומען — ווי פילן זיי זיך?...

די האָדעס האָט אַ צאַפּל געטון, ווי מ'וואָלט זי געפּאַקט ביי אַ גנבה. זי האָט זיך זייער פאַרשעמט פאַר זיך אליין — אי צוליב דעם, וואָס זי גייט אַרום מיט אַזעלכע מיאוסע געדאַנקען, ווען יענע ווייסט נישט פון קיין פּותר־חלום, אי צוליב יענערס געטריישאַפט און גוטסקייט. אַלץ איז געשען אזוי פּלוצים, אזוי אומגעריכט, אַז זי האָט זיך פאַרלוירן, נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן און שולדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זי האָט גע־שטאַמלט, פון דער העלער הויט דרך־ארצדיק געווענדעט זיך צו איר בלשון „זי":

— יאָך ווייס... — האָט זי געשטאַמלט, נישט געוווסט, וואָס זי האָט צו זאָגן, אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן — ווייס יאָך... און וואָס מאַכן זי?... ווי פילן זי זיך אין געזונט?...

זי האָט די פּאַביאַש געפרעגט בלויז אויף איר אייגענעם געזונט, מורא געהאַט זי צו דערמאָנען וועגן די קינדער. די פרוי פּאַביאַש האָט דאָס באַמערקט. זי האָט געזען איר פאַרלוירנקייט, איר דרייען מיט דער צונג און זי האָט צו איר געזאָגט:

— כ'זע דאך, אז זי פילן זיך נישט גוט... — האט זי זיך אויך געווענדעט צו איר אויף „זי", כדי ס'זאל קלינגען מער יום־טובדיק — אז זי באהאלטן פאר מיר אוים די קינדער... זי מיינען, אז כ'זע נישט... אבער הערן זי, וואס כ'זאג איהן... ס'זאל נאר דאס געשען מיינע שוואלבן, וואס יעך ווינטש איהנס קינדער, טאטע זיסער אין הימל!... אדרבה, זאלן זיי כאטש געזונט זיין!... וואס זענען זיי שולדיק, אז מיך האט געטראפן אזא אומגליק... יעך בין נישט פון די מאמעס, וואס ווילן דערלעבן אין יענעמען א נקמה... גייען זי שוין, גייען זי...

דער פרוי פאביאש זענען געקומען טרערן אין די אויגן אריין, זי האט זיי אפגעווישט מיט אן ארבל, א גלעט געטון דער פרוי האדעסעס טעכטערלעך איבער די קעפלעך און א מורמל געטון:

— נו, גייען זי געזונטערהייט.. שטערן זי זיך נישט... גייען זי זיך איבער אביסל מיט די קינדער אויף דער פרישער לופט...

אבער די פרוי האדעס איז נישט אוועק, ווי זי וואלט צוגעטשוועקט צום ארט געווען. די פאביאש איז די ערשטע אוועקגעגאנגען, שווער אוועקגעטשאפעט אויף אירע קראנקע פיס, באדעקט מיט די כלערליי געשווירן און ווינטער ביילן. כאטש זי איז נאך געווען א יונגע, איז זי זייער קראנק געווען. זי האט שוין מער נישט געטראגן קיין טיכל אויף דעם קאפ, וואס מען האט ביי איר קורץ אפגעשוירן, ווי ביי א יינגל, בעת דער דעזינפעקציע, זיך מער נישט געשעמט פאר קיינעם. צו איר געשוואלענער, צעגאסענער פיגור האט זיך דער יונגער קינדערישער קאפ זייער ווייניק געפאסט, געזעסן פרעמד אויף די אלטע אקסלען, אויסגעזען, ווי צוגעשטיקעוועט. מען האט געזען, אז דאס גיין קומט איר שווער אן, אז ס'קאסט זי שטיקער געזונט. די פרוי האדעס האט איר לאנג נאכגעקוקט, זיך אויסגעדרייט מיט דער פלייצע צו די קינדער. זיי זאלן נישט זען, ווי די טרערן רינען איר פון די אויגן.

פאוואליע איז די פרוי האדעס אוועק איר וועגס. די קינדער האבן זי נישט געלאזט לאנג טראכטן, נישט געלאזט זי לאנג.

שטיין אויף איין אָרט. עס האָט זיי געצויגן צו די איבעריקע קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויפן דעק און די מאַמע האָט זיי נישט געלאָזט גיין צו זיי, מורא געהאַט זיי זאָלן זיך נישט אָנשטעקן. די פרוי האָדעס איז באַדיי אליין מיט די קינדער שפּאַצירן געגאַנגען, אַבי זיי זאָלן נישט אליין לויפן. אָבער די מיידלעך האָט עס דווקא געצויגן צו די קינדער אויפן דעק, זיי האָבן געוואָלט כאָטש פון דערווייטנס זיך צוקוקן ווי זיי שפּילן זיך. און די פרוי האָדעס האָט געמוזט בלית־ברירה זיי נאָכגעבן, זיך אוועקשטעלן פון דערווייטנס, כדי זיי זאָלן זיך קענען צוקוקן ווי די קינדער שפּילן זיך.

די פרוי האָדעס איז געשטאַנען אין אירע געהאַקטע ווונדן און זיך צוגעקוקט, ווי די קינדער לויפן ארום, שרייען און ליאַרמען, זענען אַזוי פאַרקאָכט, אז זיי באַמערקן גאָרנישט, וואָס ארום זיי טוט זיך, געדענקען נישט, אז זיי האָבן נאָך פון אינדערפרי אָן גאָרנישט אין מויל געהאַט. עס באַוועגן זיך גיך־גיך נאַקעט־ברודיקע פיסלעך און הענטלעך, וואָס זענען אַזוי אויסגעמאָגערט און דין, ווי שטעקעלעך, בלויז הויט און ביין, אז אָט־אָט ברעכן זיי זיך איבער. עס איז אַ גרויסער חידוש פון וואַנען עס נעמט זיך צו אָט די מזיקים, צו אָט די אויסגעדאַרטע זאַפּעלקע־הענטלעך און פיסלעך אַזויפיל כוח, אז זיי קענען נאָך אַזויפיל ארומיאָגן און צוזאַמענאַרבעטן... די האָדעס האָט זיך צוגעקוקט צו די קינדער און דערווייל אין זינען געהאַט אירס, דער קאָפּ איז איר געווען ערגעץ אַנדערש. נאָך דער באַגעגעניש מיט דער פּאַביאַש האָט זי זיך געפילט נישט גוט, זיך געפילט נאָך פיל ערגער ווי פריער. זי האָט אויסגעזעצן ביי זיך אליין אין די אויגן ווי אָפּגעשמיסן. אָנשטאָט זי האָט געזאָלט די פּאַביאַש איבערבעטן, האָט עס גאָר יענע געטון און איר אינגאַנצן פאַרפאַטשט דאָס פּנים. יענע האָט זיך געשטעלט אַזוי שיין, אַזוי איידל און זי, די פרוי האָדעס, צו־נישט געמאַכט, געוויזן איר די גרויסע נאַרישקייט אירע. זי, די פרוי האָדעס, איז אַרויסגעקומען מער נישט ווי אַ פּוסטער בעל־גאווה...

פרוי האָדעס האָט געהאַט טענות צו זיך אליין, זיך אליין

געהאַלטן אין איין יאָדען און עסן. און די טענות צו זיך האָבן זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, בעת זי האָט זיך צוגעקוקט צו די ווייסע־חברהניקעס, וואָס האָבן איבערגעדרייט אַ וועלט. זי האָט באַמערקט ווי אַ קליין מיידעלע, אַ פּיצל קינד נאָך, דערנענטערט זיך צום קרענצל קינדער. אין דער האַנט האָט דאָס קינד געהאַלטן אַ ווייס שטיקל זעמל, וואָס עס האָט זיכער באַקומען פון עפּעס אַ מאַטראָז, וועלכער האָט זיך דערויף מרחם געווען. פאַר דער חברה קינדער, וואָס האָבן שוין וואָכן־לאַנג קיין זעמל פאַר די אויגן נישט געזען, האָט דאָס שטיקל געבעקס, וואָס האָט אַזוי ווייס געבלאַנקט, אויסגעזען ווי פון אַ כישוף־מעשה אַרויס און אַלע אויפאיינמאָל צוגעצויגן צו זיך. די קינדער האָבן זיך מיטאַמאָל אויפגעהערט צו שפּילן און זיך אָנגעהויבן צו דרייען אַרום דעם מיידעלע מיט דער זעמל אין דער האַנט, ווי די פליגעלעך אַרום אַ לאָמפּ ביינאַכט. פּונקט ווי די חיהלעך האָבן זיי זיך אַלעמאָל נענטער געשאַרט צום קינד, אויסגעשטעלט די הענטעלעך און געבעטן אַ שטיקל. דאָס מיידעלע האָט מיט אַ קאַרג הענטל געטיילט, קוים אָפּגעבראָכן אַ קרישקע, פּונקט ווי פאַר אַ פייגעלע און דערלאַנגט אַלעמאָל אַן אַנדער אויסגעשטרעקט הענטל. ביים מיידעלע האָבן זיך די אייגעלעך פון הנאה צעגלאַנצט, זי איז מיטאַמאָל געוואָרן זייער השוב ביי זיך. זי האָט זיך איבערגענומען מיט דער ראָלע פון אַ געבערין, אַלעמאָל מיט צוויי פינגערלעך אויסגעקניפּט אַ קליין שטיקל און געטיילט. אָבער די קינדער האָבן געוואָלט נאָך און נאָך. פּלוצים האָט דאָס קינד באַמערקט, אַז עס האָט שוין מער כמעט גאָרנישט אין הענטל, נישט געוואָלט מער קיינעם גאָרנישט געבן, פון גרויס היפּלאָזיקייט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און מיט ביידע הענטעלעך צוגעפּרעסט צו זיך מיטן גאַנצן כוח דאָס איבערגעבליבענע שטיקל זעמל. דעמאָלט זענען די קינדער אַרויפגעפאַלן אויפן מיידעלע, אַרויסגעריסן ביי איר דאָס שטיקל זעמל און גיך געמאַכט ויברח...

די פרוי האָדעס האָט זיך צוגעקוקט צו דעם און אירע טענות צו זיך זענען נאָך גרעסער געוואָרן. פאַרוואָס האָט זי אַזוי באַ־

צווישן הימל און וואַסער

פֿאַלן פּאַביאַשן? וואָס האָט עס איר געטויגט? קנאַפּ צרות האָט ער, פּאַביאַש? אָט דעם פּריטיק, פּונקט צו מיטאָג צו, ווען די זון איז, אַ צייטיקע און אַן אָנגעקוואַלענע, ווי אַ גרויסע גאָלדענע באַרנע, שווער געהאָנגען אינמיטן הימל, האָט דער קאַפּיטאַן גערופֿן צו זיך נאַטאַנען און אים איבערגעגעבן, אַז פּאַביאַשעס מיידעלע און ר׳ לייזער דעם שפּייז־קרעמערס ווייב זענען געשטאָרבן און ס׳וועט באַלד פֿאָרקומען די לוויה. צו די מתים וועט מען קיינעם נישט צולאָזן. בלויז פֿונדערווייטנס וועט מען זיך מעגן צוקוקן, ווי מען וועט זיי אַראָפּלאָזן אין וואַסער אַריין, און זיי ברענגען צו דער אייביקער רו.

נאַטאַן האָט מורא געהאַט די שלעכטע בשורה איבערצוגעבן, געוווסט, ווי דאָס וועט אַלעמען טרעפֿן, געשטאַנען, אַ בלאַסער, אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. אָבער מען האָט געלייענט פֿון זיין פּנים, אַז קיין גוטס האָט ער נישט געבראַכט. און איידער ער האָט נאָך באַוויזן דאָס מויל צו עפֿענען, האָבן שוין אַלע געוווסט, וואָס עס איז געשען. דער טויט האָט פּלוצים אַ שוועב געטון אין דעם גאָלדיקן חלל, פֿינסטער אַ פּאַטש געטון איבער אַלעמענס קעפּ, זיך אַריינגעקריגן מיט געוואַלט צוגלייך מיטן הייסן ווינט, וואָס האָט זיך פֿון ערגעץ אָפּגעריסן און שווער געקייקלט די פּאַליעס, זיי געטריבן אַלע אין איין קופּע, ווי די שעפּסן פֿאַר אַ געוויטער. כאָטש איעדער האָט געוווסט, אַז די טעג פֿון די קראַנקע זענען געציילטע, אַז יעדע מינוט קען וועראַנדערש די נשמה אויסהויכן, האָט אָבער קיינער נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק צו זיך און געגלייבט, אַז אַלץ וועט נאָך גוט זיין, די קראַנקע וועלן מיטן איבערשטנס הילף קומען צוריק צום געזונט. און אַז די שלעכטע בשורה, אויף וועלכער מען האָט כסדר מיט האַרץ־קלאַפּעניש געוואַרט, איז אויף אַן אמת געקומען, זיך געשטעלט פּנים־אל־פּנים, האָט זיך יעדער איינער דערשראָקן, ווי ס׳וואָלט געקומען אַן אומגעריכטע זאַך. יעדער האָט געפֿילט, אַז דער טויט האָט אים נאָענט אָנגערירט, געפֿילט דעם טויט ווי אין דער אייגענער משפּחה. ווער ווייסט ווי לאַנג מען טראָגט שוין די קרענק אין זיך און מען גייט אַרום מיט איר? ווער ווייסט

װעמענס רײ ס׳איז איצט? װעמען ס׳איז איצט אָנגעצײכנט?...

צו דער לװיה זענען געקומען אַלע, געשטאַנען ענג־צוזאַמענגעפּרעסט אין אײן װינקל, גלײך יעדער אײנער װאָלט װעלן פילן נאָענט פון זיך דעם לעבעדיקן שכן זײנעם — פילן זײן לעבעדיקן אָטעם און ריח. דער װאַרשעװער דאָקטאָר איז געקומען צוזאַמען מיטן קלײנעם און דאַרן װײבל זײנעם, װאָס האָט זיך געטוליעט צו אים, געהאַלטן אים פעסט אונטערן אָרעם. צוגעװױנט פון דער הײם נאָכצוגײן אין בלױזן קאָפּ נאָך די רײַכע פּאַרגױאישטע לװיות פון זײנע נאָענטע, האָט ער אױך דאָ מיט גרױס יראת־הכבוד אַראָפּגענומען דעם שװאַרצן ברײט־ראַנדיקן הוט און דער װינט האָט אים צעבלאָזן די ברודיק־פאַרלאָזטע פּאָלקע זײנע, װאָס האָט געהאַט דעם קאָליר פון אַלט שװאַרץ־פאַרטונקלט זילבער. זינט די מאַטראָזן האָבן אים אַזױ ביטער אָפּגענאַרט, געמאַכט אים צו שאַנד און צו שפּאָט, האָט ער װײניק גערעדט, געהאַלטן די באַלײדיקונג טיף־פאַרגראָבן אין זיך, געװען זיכער, אַז קײנער װײסט נישט פון גאָרנישט. אױך דער גריך, װאָס האָט געהאַט דאָס װײב, די יפי־פיה, אין שפּיטאָל, איז געשטאַנען אין בלױזן קאָפּ. נח האָט זיך געװאַקלט, געשטאַנען אַ צעטומלטער, נישט געװוסט װאָס צו טון, געהאַלטן דאָס אַלטע פאַרשמאָלצעװעט־צעקנײטשטע היטל אין דער האַנט, נאָר צום סוף האָט ער עס אָנגעטון. ער איז איביק געגאַנגען אין בלױזן קאָפּ, כמעט אַ שטיק אין װינטער אַרײן געטראָגן אַן איבערגעלײגטן סלאָװאַצקע־קאָלנער, האָט טאַקע דאָס היטל אױסגעזען פרעמד אױף אים, געזעסן אױפן שפּיץ־קאָפּ, װי נישט־זײנס.

די האָדעס און בראָניע האָבן אונטערגעהאַלטן די פרױ פּאַביאַש, װאָס האָט קױם זיך געקענט האַלטן אױף אירע קראַנקע אָנגעדראָלענע פיס. זי איז געװען זײער לױז און צעגאָסן, זיך קױם נאָכגעשלעפּט נאָך זײ. דער קאָפּ האָט זיך בײ איר געװאַקלט, זיך נישט געקענט האַלטן אױף די אַקסלען און דער אױפגעבלאָזענער גוף אין דעם צעפליקטן קלײד, בלױז לעבער, האָט נישט געהאַט מער קײן שום כוח אין זיך, װי ס׳װאָלט מער קײן בלוט אין אים נישט גערינען. זי האָט נישט געװײנט, די

טרערן זענען ביי איר שוין אויסגעטריקנט געווען. דערפאר האט שוין בראניע פאר אירעטוועגן געוויינט, אלעמאל אזוי הויך ארויסגעשלוכצט, אז עס איז אויסגעקומען ווי נישט די פאביאש וואלט געווען דער אבל, נאר זי. ווי בראניע האט זיך נישט געוואלט באהערשן, געוואלט איינהאלטן די טרערן, האט זי נישט געקענט. סוף־כל־סוף האט אידע זי געהייסן אפלאזן די פרוי פאביאש און זי אליין אונטערן ארעם אנגענומען. נאטאן האט איינגענומען בראניען, אבער ס'איז נישט געגאנגען. כאטש זי איז געקומען צו גיין אויסגעסטראיעט, ווי געוויינטלעך, אין אירע שמאטקעס, ארויפגעכאפט אפילו א באנד אויפן קאפ, די האר זאלן זיך איר האלטן, אנגעטון א שווארץ קליידל, ווי ס'פאסט צו א לוויה, האט זי זיך אבער באלד צוזאמענגעבראכן. פון דעם גאנצן אויסגעסטראיעכץ איז באלד נישט געבליבן קיין סימן. די טרערן האבן ביי איר אראפגעשווענקט דאס ריסעכץ פון די אויגן, דעם פודער פון די באקן, גערינען אין קלעפיקע שווארצע ריטשקעלעך, איינגעריסט איר דאס גאנצע פנים, ווי ביי א קליין וויינענדיק קינד. אויפן נאך אלץ יונגן פנים אירן זענען פלוצים ארויסגעקומען אלע קנייטשן, וואס זי האט שטענדיק אזוי קונציק פארשטעלט און ס'איז נישט געבליבן מער קיין זכר פון איר שיינקייט און פון איר גאנצער אויסגעסטראצלטקייט.

ווען די מאטראזן זענען אויף דעם אנדערן עק שיף ארויסגעקומען, טראגנדיק פארזיכטיק אויף די הענט די צוויי מתים, ארייגעלייגט צוליב דער מגפה אין אויף דער גיך צוזאמענגעקלאפטע קאסטנס — איין קאסטן גרעסער און דער צווייטער קאסטן קלענער — האט די פרוי פאביאש אזא הויכן קוויטש געטון, אז אלע זענען געבליבן דערציטערט. זי האט בלויז איין הויכן קוויטש געטון און דערנאך איז זי צוריק געבליבן שטיל. די שיף האט זיך אפגעשטעלט. די מאטראזן האבן איילים געטראגן די צוויי בר־מיננס, דער קאפיטאן האט סאלוטירט, געשטאנען גלייך־אויסגעצויגן ווי א ווירע. ס'איז געווען אזוי שטיל, אז מען האט דייטלעך געהערט, ווי די מאטראזן טרעטן שווער אויף די ברעטער און ווי דער ווינט פארגייט זיך אלעמאל שטארקער.

ס'האבן זיך דערהערט צוויי שטילע פליוסק אין וואסער. דאס וואסער האט שנעל פארשלונגען די צוויי קערפערס, זיך פלוצים א ריס־אויף געטון אין דער הויך, זיך אויסגעגלייכט מיט דער שיף, ווי ס'וואלט פארלאנגט נאך — און דערנאך זיך גיך אוועקגעקוילערט, זיך צעשיט אויף קליינע שערבלעך, ווי זילבערנע שופן. עס האט זיך דערהערט ר' לייזער דעם שפייז־קרעמערס קול:

— ה' נתן, ה' לקח... ברוך דין אמת...

דער ווינט האט זיך אריינגעכאפט צווישן דעם בינטל יידן אויף דער שיף, זיך דווקא אנגעזעצט אויפן דאקטארס פאלקע, זי געריסן פון אלע זייטן. די זון, א גרויסע און א קיילעכדיקע, איז געווען איינגעפאסט אין הימל, ווי אן אנגעגליטע גאלדענע שויב, זיך געשפיגלט אין ר' לייזער דעם שפייז־קרעמערס כאלאט, וואס האט געהאט א גרינלעך־רויטן קאליר פון פארזשאווערט־אלט אייזן, אין דעם פרישן קרומען שניט פון קריעה־רייסן פון סאמע פראנט אויף דער קליאפע. ר' לייזער איז שטיל געשטאנען און מיט פארמאכטע אויגן געזאגט קדיש. הויך און דייטלעך האט ער אפגעטיילט איין ווארט פון אנדערן:

— יתגדל ויתקדש . . .

ראכמאן האט געמינטערט פאביאשן, געוווּנקען צו אים מיט דעם בלאסן, חשוב־איידעלן פנים:

— זאגט קדיש, פאביאש... — האט ער אים געמינטערט — זאגט פאביאש...

פאביאש האט אים געהארכט, שנעל געמורמלט עפעס מיטן מויל, ווי ער וואלט גערעדט צו זיך אליין. ער האט גיך אפגעכאפט דעם קדיש און אז ער איז שוין לאנג פארטיק געווען, האט מען נאך אלץ געהערט, ווי ר' לייזער ציילט פאוואליע און מיט א ניגון די ווערטער:

— יהא שלמא רבא מן שמיא...

— אוועק מיטן וואסער... — האט ווער א זאג־געטון — אז די ערד נעמט צו, קען מען כאטש נאך אמאל קומען צוגיין צום קבר...

אַלע זענען זיך צעגאַנגען, אָבער די פּאַביאַש האָט מען נישט געקענט רירן פון אָרט. זי האָט נישט געוואָלט גיין, געזאָגט, אַז זי האָט נאָך גענוג צייט. וואָס איז דאָס יאָגעניש? וואָס האָט זי קיין צייט נישט נאָך אַביסל צו וואַרטן?... מען האָט גערופן פּאַביאַשן, ער זאָל זי איינגעמען. ער האָט אַ מורמל געטון צו איר אַ פּאָר ווערטער, ווי אויף יוצא צו זיין און זיך באַלד אַליין אָפּגעטראָגן. מיטאַמאָל האָט זיך די פּאַביאַש אַרויסגעגליטשט פון דער פרוי האָדעס און אידעס הענט און דער אויפגעלאָפּענער גוף אירער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, ווי אַ געפּלאַצטער זאַק. מען האָט זי אויפגעהויבן, זי צוריק געוואָלט שטעלן אויף די פיס, אָבער די פיס האָבן איר נישט געדינט מער.

ר׳ לייזער האָט זיך געזעצט שבעה אויף אַ נידעריק איבערגעדרייט קעסטל, אויסגעטון די שיך. זיין פּנים איז געווען פאַרצערט, ער האָט כסדר געזען פאַר זיך דאָס ווייב, עליה־השלום, וואָס האָט פון תמיד־אָן געטראָגן מיט אים צוזאַמען דעם עול־פּרנסה, געווען אַ גרויסע בריה, אַ ווירטאַנעס. אַלץ האָט געברענט אונטער אירע הענט, אָבער קיינמאָל האָט מען דאָס נישט אָנגעזען. זי האָט גיך־גיך אָבער שטיל מיט די הענט געאַרבעט. אַז קיינער האָט גאָרנישט באַמערקט און ערשט ווען ס׳איז אַלץ פאַרטיק געווען, האָט מען זיך געחידושט ווי געשיקט זי האָט דאָס אַלץ געמאַכט. און פונקט אַזוי שטיל און מיטן קוק, ווי זי האָט אַלץ געמאַכט, אַזוי שטיל און מיטן קוק האָט זי אַריינגעבראַכט דעם שבת אין שטוב אַריין. דערנאָך איז זי, אַז אָפּגעוואַשענע שוין לכבוד שבת, אַראָפּגעקומען אין געוועלבל אַריין און אים, לייזערן, געשיקט ער זאָל גיין עפּעס איבערכאַפּן. ער האָט נאָך פון אינדערפרי גאָרנישט אין מויל געהאַט, כדי ער זאָל וואָס מער הנאה האָבן פון דער שבתדיקער סעודה.

— גיי, גיי, לייזער... — האָט זי אים געמינטערט — גיי אַרויף אין שטוב אַריין... אויפן טיש שטייט אַן אָנגעצוקערט גלעזל טיי פאַר דיינעטוועגן.. יעכל שוין דאָ בלייבן... גיי, לייזער...

אַז ער איז אַרויפגעקומען אין שטוב אַריין, האָט עס שוין פאַריסן פון יעדן ווינקעלע אַרום מיט די גוטע שבתדיקע

מאכלים. די פיש האָבן זיך געקילט אין אַ פּולמיסעק אויפן פענסטער, די גרויסע ברוין־אויסגעבאַקענע קוילעטשן זענען געלעגן אויפן טיש און די יויך מיט די פעטע גאָלדענע אויגן האָט אַרויסגעשמעקט פון טעפּל אַרויס. נישט צום פאַרזינדיקן, נישט ערגער, געלויבט השם יתברך, ווי אין גרעסטן גבירישן הויז, ווו עס גייען אַרום אַ סך דינסטן...

און שפּעטער, ווען ער איז פון דאַווענען געקומען און מיטגעבראַכט מיט זיך אַן אורח, האָט דאָס ווייב נישט געוווּסט ווו אים אוועקצוזעצן, וואָס אים צו דערלאַנגען, געמיינט אַלץ, אַז זי איז נאָך נישט יוצא...

און איינמאָל, בשעת אַן אורח, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, איז געזעסן ביים שבתדיקן טיש און די קינדער האָבן נישט אַראָפּגעלאָזט אַן אויג פון זיינע לאַכעס און דער עיקר פון זיינע פינגער פון די פיס, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון די שיך, האָט עס דעם ווייב געקאָסט שטיקער געזונט. עס איז פאָרגעקומען אַ שטילע פאַרבאַהאַלטענע מלחמה צווישן דעם אורח און ז״עם קליינוואַרג. דער אורח האָט זיך געשעמט, פאַרשטעלט די שיך, געררוקט זיי וואָס טיפער אונטערן טיש אַרונטער און די קינדער האָבן דווקא געזוכט די שיך, נאָכגעגאַנגען זיי מיטן בליק. זיי האָבן נישט אוועקגענומען די אויגן פון די נאַסע בלאָטיקע פלעקן, וואָס די שיך האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזט, ביז זיי האָבן זיך נישט געקאָנט מער איינהאַלטן און אַרויס מיט לשון:

— די מאַמעשי קוקן... — האָבן זיי פאַרמסרט דעם אָרעמאַן פאַר דער מאַמען — אָ־דאָ, מאַמעשי...

דאָס ווייב האָט זיך לכתחילה געמאַכט, אַז זי זעט נישט, אַז זי הערט נישט, צום סוף אָנגעשריגן מיט אַ סך כעס אויפן קליינוואַרג, געהאַט טענות צו אים, צו לייזערן, געוווּנקען צו אים מיט די אויגן, פאַרוואָס ער זאָגט גאָרנישט.

— ניטע!... וויאַזוי ז׳צט עטץ ביים טיש!... — האָט זי זיך שטאַרק געבייזערט אויף די קינדער — עטץ זענט נישט אַליין!... ווו איז דער דרך־ארץ, ווו!...

זי האָט אַריינגערופן די קינדער אין קיך אַריין, לאַנג אויף

זיי עפּעס געשריגן. און אַז די קינדער האָבן זיך אומגעקערט צוריק צום טיש, האָבן זיי שוין נישט געקוקט מער אין דער זייט אריין, ווו דער אָרעמאַן איז געזעסן. כאָטש עס האָט זיי דווקא געצויגן צו קוקן אויף אים און דער עיקר אויף זיינע אָפּגעריסענע שיך, האָבן זיי זיך איינגעהאַלטן און בלויז טיילמאָל מיט מורא אַ בלאַנדזשע געטון אויף אים מיט די אויגן.

נאָך דער סעודה, אַז דער אורח האָט זיך געקליבן צו גיין, האָט דאָס ווייב אים אָפּגעשטעלט ביי דער טיר, איינגערוימט אים עפּעס, קיינער זאָל נישט הערן און אים אָנגעזאָגט:

— באַלד, בלי נדר, שפּייסצונאַכטס מערטשעשעם... פאַר־געסטיז נישט...

און טאָקע באַלד שבת־צו־נאַכטס, ווען ר׳ לייזער האָט זיך געקליבן אין „שטיבל" אריין צו מלווה־מלכה, האָט ער באַמערקט, ווי דאָס ווייב פּאָרעט זיך צווישן זיינע זאַכן בשתיקה פאַר אים. י׳ האָט אויסגעקליבן אַ פּאָר הויזן, אַ פּאָר שיך, אַן אַלט כאַלאַטל און געמאַכט דערפון אַ פּעקל. ר׳ לייזער האָט פאַרשטאַנען פאַר וועמען דאָס פּעקל גייט.

אויף ר׳ לייזערס פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ צער, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין די צוויי טיפע קאַרבן איבער דער דינער און גלייכער נאָז זיינער. אין דעם געדיכטן קנייטשן־געווועב אַרום די אָפענע ביר־קאָלירענע אויגן. ער איז געזעסן אויפן אי־בערגעדרייטן קעסטל, געוואָלט אויסרעכענען די מעלות פון זיין ווייב, עליה השלום, נאָכזאָגן נאָך איר שבחים, אָבער ער האָט נישט געהאַט פאַר וועמען. מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפ־געשטעלט, אַוועקגערוקט דאָס קעסטל פון זיך און פון זיין פּנים איז ביסלעכווייז דער טרויער פאַרשוווּנדן, ווארום עס איז אָנגע־קומען דער שבת.

ר׳ לייזער האָט אַרויפגעצויגן צוריק די שיך. ער האָט אויס־געטון דעם וואָכעדיקן כאַלאַט מיטן קריעה־ריס, אָנגעטון, לכבוד שבת, דאָס שענסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אַן אַנדערן אַלטן כאַלאַט, וואָס האָט געהאַט דעם זעלבן גרינלעך־רויטן קאָליר פון פאַרזשאַווערטן אייזן, ווי דער וואָכעדיקער, און ער האָט זיך

גענגרייט מקבל שבת צו זיין. פון צוזאמענרופן איצט א מנין איז געווען אפגערעדט. ער האט ארויסגעקוקט צום הימל. ס'איז געווען שקיעת־החמה. די זון, א בלוטיק־רויטע, האט זיך געזעצט, ווי א געפלאצט געשוויר פארגאסן א גרויס שטיק הימל. ווי אן איבער־גייענדיקער טייך האט זיך די אונטערגייענדיקע זון געגאסן אין ים אריין, זיך אויסגעמישט מיט אים, געווארן איינס. ר' לייזער האט אויפגענומען דעם שבת ווי אלע וואך, פונקט ווי ער וואלט זיך נישט אומגעקערט ערשט פון זיין ווייבס לוויה. ער האט פאר־געסן מיטאמאל פון אלע צרות, זיך אויסגעטון פון אלע וואכע־דיקע זארג. ער האט שטיל געזאגט „לכה דודי." ביי „בואי בשלום" האט ער זיך אויסגעדרייט צו דער מערב־זייט, זיך דריי מאל א בוק געטון פארויס, פארבעטן דעם שבת, וואס איז גע־גליכן צו א כלה. דערנאך האט ער זיך גענגרייט צו דער סעודה, צו אביסל הארטע פאסנע גרויפן און א קאלט ביסל איבערגע־שטאנענע זופ, וואס ער האט זיך אליין צוגעגרייט און זיך איבערגעלאזט פון אינדערפרי פאר דעם פרייטיקצונאכטסדיקן מאלצייט. ער האט הויך און מיט א ניגון געזאגט „שלום עליכם", און אויפגעלייגטער אויפגענומען די מלאכים, זיין שטים האט צומאל נישט קיין ציטער געגעבן. נאר ווען עס איז געקומען צו „אשת חיל", האט זיך זיין קול א וואקל געטון און ער האט זיך פארלוירן. אין דער בארד האבן זיך ביי אים א זילבער געטון טרערן, זיך גיך א קייקל געטון. באלד האט ער זיך אבער צוריק געשטארקט, געקומען צו זיך. בעתן עסן האט ער הויך געזונגען זמירות, צוגעפאטשט מיטביידע הענט...

IX

דער ים, אַן אָנגעהיצטער, אַ קאָכעדיקער, האָט זיך געהויבן, געשוואָלן געוואָרן, אויפגעיוירן, אויסגעזען ווי אַ גרויסער מעוברתער בויך, געפּאַטשט מיט די כוואַליעס אין דער שיף, זיך אויסגעגליכט מיט איר, זיך געשטעלט אין דער קרום, ווי אַ מעכטיקע וואַנט און געפאָדערט אַלעמאָל נייע קרבנות.

און דער ים האָט די קרבנות באַקומען, זיי גיך פאַרשלונגען, צוגעדעקט מיט די שוימיקע, קאָכעדיקע וואַסערן און באַלד געפאָדערט נאָך, געשריגן פון די טיפענישן, ווי פון אַנדערע פרעמדע אונטערוואַסערדיקע וועלטן אַרוים. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער גרויסער ים האָט זיך פאַרנומען אויף דער שיף, וואָס האָט זיך אַזוי נעבעכדיק צו זיין שוים געטוליעט און ער וויל זי דווקא אַריינציען אין זיינע טיפע תהומען.

נאָך פאַביאַשעס מיידעלע איז באַלד דאָס יינגל אַוועק פון דער וועלט. דער הויכער און קרעפטיק־געזונטער בחור, פאַביאַשעס שכן, האָט אויך נישט געקענט בייקומען די קרענק, איז אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכט און דער גריך האָט פאַרלוירן דאָס ווייב, די יפי־פיה, וואָס ער האָט געפירט מיט זיך אהיים און ער איז צוריק געבליבן אינגאַנצן אליין. ער איז געפאָרן ברענגען אַ ווייב פאַר זיך פון זיין געבורט־שטעטל, אָבער ער איז איצט צוריקגעפאָרן ווידער אליין וואַשן דאָס געשיר אין זיין קליינער רעסטאָראַציע. ער האָט זיך נאָך אַלץ צוגעהערט צום ראַדיאָקעסטל, וואָס האָט געברענגט ידיעות פון זיין באַפאַלן לאַנד און זיינע קנאָכיקע פויסטן האָבן זיך נאָך מער געביילט, ווי פריער.

מען איז ביסלעכוויז צוגעוווינט געוואָרן צו די ידיעות וועגן די טויטע, שוין מער נישט געגאַנגען זען, ווי מען לאָזט זיי

אַראָפּ אין וואַסער אַריין אין בלויזע זעק מיט שטיינער, מורא געהאַט זיך צוצוקוקן צו דעם, אויסגעמיטן דאָס ווי ווייט מען האָט געקענט. שטיל האָט מען די טויטע געוואָרפן אין ים אַריין. צומיינסטנס האָט מען עס געטון ביינאַכט, קיינער זאָל נישט זען, עס זאָל זיין שאַ־שטיל.

וויפיל אַלע זענען זיך שוין נישט נמאס און מיאוס געווען, נישט געקענט מער קוקן אויף זיך, נישט געקענט מער זען די זעלבע תנועות, הערן צום וויפלסטן מאָל די זעלבע רייד, וואָס מען האָט שוין געקענט פון אויסנווייניק, האָט מען פונדעסטוועגן אַלע אינדערפרי מיט גרויס מורא זיך פאַרזיכטיק און בגנבה אומגעקוקט, צי אַלע זענען דאָ, צי די מגפה האָט ווידער נישט געפּאַקט ווען ביינאַכט. מיט יעדן באַקאַנטן האָט מען זיך אַלע אינדערפרי אין דער שטיל דערפרייט, אָנגעקוקט אים מיט אַ גלאַנציק פּייערל אין די אויגן, וואָס מען האָט נישט געקענט פאַרבאָרגן. יעדער איינער האָט זייער מורא געהאַט פאַר זיך. אַ ליאַדע קלייניקייט — אַ ליאַדע מיש אין קאָפּ, אַ ליאַדע פלעק אויפן לייב, אַ מידקייט אין די פיס — איז באַלד געוואָרן אין די אייגענע אויגן פאַרדעכטיק, אויסגעוואַקסן גרויס און מען איז געווען זיכער, אַז מען איז שוין פאַרלוירן, אַט־אָט פאַלט מען אַוועק. מען האָט זיך באַלד אָפּגעטיילט פון אַלע, כדי נישט צו ציען קיין שום חשד אויף זיך, כדי קיינער זאָל גאָרנישט באַמערקן און געוואַרט אַזוי לאַנג ביז ס'איז צוריק געוואָרן גוט. און אַז עס זענען אַ פּאָר טעג פאַרביי און קיינער האָט אויף דער שיף מער נישט געפעלט, האָט מען שטילערהייט געגלייבט, אַז אַלץ איז שוין מיט גאָטס הילף אַריבער, אָבער צו רעדן וועגן דעם אָפן האָט קיינער נישט געוואַגט, מורא געהאַט צו געבן אַן עין־הרע.

דערווייל זענען אָנגעקומען גרויסע היצן — אָנגעקומען בגנבה־שטיל און פּלוצים, ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל. די היצן האָבן זיך פאַרזיכטיק אַריינגעשאַרט, ווי אַן אָנשיקעניש און מען האָט זיך פאַר זיי זייער געשראָקן...

— נאַ דיר ווייטער אַזאַ צרה! טאָמער איז ווייניק געווען!...

צווישן הימל און וואסער

— האָבן די יידן געקרעכצט — אַזאַ חמימה!... פייער פאַלט דאָך פון הימל!... אַזוי הייס איז נאָך נישט געווען!...

אין די קאַבינעס איז נישט געווען מער מעגלעך צו זיין, נישט געווען מעגלעך צו כאַפּן דעם אָטעם. פון שלאָפן איז שוין אָפּגערעדט. די עלטערע מענטשן, וואָס האָבן דווקא געוואָלט בלייבן שלאָפן אין די קאַבינעס, זענען אינמיטן דער נאַכט גע־קומען צוקריכן אויפן דעק און אין דער פינסטער געבלאָנדזשעט מיט די קישעלעך אין דער האַנט צווישן די פיל אַלטע פּעסער און קאַסטנס, געזוכט אַן אָרט ווו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ.

די חמימה האָט זיך געהאַלטן אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד און עס איז געווען שווער צו דערקענען ווען עס איז טאָג און ווען עס איז נאַכט. ס'איז כסדר געשטאַנען אַ בין־השמשות, וואָס האָט אַלע סמנים פאַרווישט, איינגעהילט אַלץ אין אַ ווייס-גרויען נעפּל, אין שווערע, נידעריקע וואָלקנס, ווי אין אַ הייסער, זידיקער פּאַרע. הימל מיט ים האָט זיך אויסגעמישט אין איין שטיק מוטנער, אָן־קאָליריקער וואַטע. קיין זון האָט מען נישט געזען. טיילמאָל בלויז האָט זיך דורך דער געדיכטער וואַטע אַדורכגע־ריסן אַ שטיק צעברענט, צעפלאַקערט פייער — אַ סימן פון דער זון. די גאַנצע וועלט איז געלעגן אין גרויסער שרפהדיקער היץ, געלעגן אויסגעשעפּט און אָן כוחות און געלעכצט נאָך אַ קילן טרונק צו דערפרישן דעם גומען. די וועלט האָט אויסגעזען ווי אַן אָנגעבלאָזענער פּענכער, וואָס פּלאַצט איעדע רגע אויף. כאָטש אַלע האָבן געמיינט, אַז אָט־אָט וועט פאַלן אַ רעגן און מען וועט זיך קענען דערכאַפּן מיט אַ פרישן טרונק, אונטער־שטעלן דאָס מויל און פאַרשידענע כלים אונטער דעם מחיהדיקן וואַסער, וואָס וועט זיך אַ לאָז טון פון הימל — איז אָבער קיין רעגן נישט געקומען. די לופט איז ווייטער געבליבן אָנגעגליט און רויט. שטיקער פייער האָבן זיך געטראָגן אינם בין-השמשות־דיקן חלל און דער גאַנצער אָרום האָט אויסגעזען ווי איין גרויסער אויסגעהייצטער אויוון, וואָס שפּרייט אַ שטילע און שרפהדיקע היץ...

קיין רעגן איז נישט געקומען און די פּאַרציעס וואַסער, וואָס

מען האט אויסגעטיילט אַלע טאָג, האָבן קוים געסטאַרטשעט די צעשרפהטע ליפּן צו באַנעצן.

צומיינסטנס פון אַלע האָבן געליטן פון דורשט מאַרקוס פעלדבוים דער „אָקס" און די פרוי פּאַביאַש. זיי זענען צוזאַמען אויפן דעק געזעסן, דער גורל האָט זיי ביידן פאַרבונדן. באַלד ווי די היצן האָבן זיך געשטעלט, האָט מען פון דער קאַבינע גע־ברענגט די פרוי פּאַביאַש און זי איז געזעסן, ווי אַ פּלאַץ, אויפן דעק, זיך נישט גערירט פון אָרט און איז ווי צעגאַנגען פון דער היץ, זיך צעגאָסן נאָך מער אין דער ברייט. פּונקט ווי פעלדבוים האָט געליטן פריער פון הונגער, געפילט ווי דער ליידיקער מאָגן קורטשעט זיך אים איין, ווערט קלענער און קלענער און עס ווערט אים כסדר איבלדיק און הויל אונטערן גריבל ביים האַרץ, כאָטש ער ליידט שוין לאַנג נישט פון דער ים־קרענק, אַזוי האָט אים איצט דער דורשט געפּייניקט. ער האָט פון הונגער פאַרגעסן, געזוכט כסדר עפּעס אַרום זיך מיט זיינע גרויסע, מוטנע אויגן, וואָס האָבן געהאַט דעם זעלבן קאָליר, פּונקט ווי דער ים אַרום. ער האָט געפּרווט אפילו טרינקען דאָס געזאַלצענע ים־וואַסער פון קראַן, כדי צו לעשן די שרפה אין זיך, זיך געוואָרפן דערויף מיט גרויס אייפער און מען האָט אים קוים אָפּגעהאַלטן, קוים אָפּגעשטופּט. מיט אַלע כוחות פון זיין גרויס־צעוואַקסענעם גוף האָט ער זיך דווקא געריסן צום וואַסער, הויך געשריגן, זיך גע־בייזערט און עס האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט באַנומען, וואָס מען רעדט צו אים.

אַלע זענען אַרומגעגאַנגען האַלב־נאַקעט, אַראָפּגעוואָרפן אַלץ פון זיך. די ווייבער האָבן מיטאַמאָל פאַרלוירן די בושה, פראַנק־און־פריי, ווי אין דעם וואָלט נישט געלעגן קיין שום שלעכטס. אַרומגעטשאַפּעט אָן כוח אין די בלויזע צעריסענע האַלקעס, פון וועלכע עס האָט חוצפּהדיק־אָפן אַרויסגעקוקט דאָס נאַקעטע לייב. פון די צעבראַסטעט-אויפגעשפּיליעטע העמדער האָבן זיך געזען די מאָגערע ברוסטן, וואָס זענען געהאָנגען מיד, ווי ליידיקע פענכערס, פון וועלכע מען האָט אַרויסגעלאָזט די לופט. די מענער האָבן אפילו נישט געטראָגן קיין העמדער, בלויז אַרויפגעכאַפּט

אויף זיך די הויזן. טייל זענען ארומגעגאנגען אין די גאטקעס, מער געלעגן אויף איין אָרט, ווי ארומגעגאנגען, נישט געהאט קיין כוח זיך צו רירן. מען איז שוין מיד געווען צו זוכן אַן אָרט, וווּ זיך צו באהאלטן פון דער חמימה. אומעטום איז געווען גלייך היים, אַלץ האָט געברענט פון היץ: די אַלטע קאסטנס און פעסער, וואָס זענען זיך צעפּאַלן, ארום פון די רייפן, די פּאָדלאָגע, די שטריק, די צעריסענע פּלאַנדעקע. צו די אייזערנע פּאַרענטשעס און זיילן האָט מען זיך נישט געקענט צורירן, ווייל זיי האָבן געגליט און גרויסע אייל־טראָפּנס האָבן זיך, ווי שווייס, געשטעלט אויף זייער אייזערן לייב.

כאָטש די דעק איז געווען גרויס און יעדער האָט ביינאכט געקענט געפינען גענוג אָרט, ווו אויסצוציען די צעבראָכענע אברים, האָבן זיך אַלע געשטופּט אין איין קופּע און זיך געקריגט איבער אַ בעסערן פּלאַץ צו שלאָפן. אַלע זענען געווען בייז, אָנגעצויגן, אָט־אָט אויסצופּלאַצן. כאָטש מען האָט זיך געטוליעט צו זיך, האָט מען פונדעסטוועגן נישט געקענט פאַרטראָגן איינער דעם אַנדערן און ביי אַ ליאַדע קלייניקייט איז אויסגעבראָכן אַ געקריג און מען האָט זיך אריינגעזאָגט אין טאַטנס טאַטן אריין. מען האָט פּשוט, ווי מיט ליכט, געזוכט זיך צו קריגן. פון די קופּקעס האַלב־נאַקעטע גופים איז אויפגעגאַנגען אַ שוויים און עס האָט זיך געהערט אַזאַ מיד שנאָרכן, ווי עס וואָלט זיך ווער געוואָרגן.

אַ סך האָבן נישט געקענט שלאָפן, ארומגעוואַנדערט פון איין אָרט אויפן אַנדערן. זיי האָבן כסדר געביטן דאָס אָרט, גע־מיינט אַלץ, אַז ערגעץ אַנדערש וועט זיין בעסער און דער שלאָף וועט צו זיי קומען.

אויך נאַטאַן און אידע האָבן נישט געקענט צוטון קיין אויג, געזוכט אַן אָרט, געקראָכן צווישן די שלאָפנדיקע מענטשן. פּלו־צים האָט נאַטאַן אָנגעטרעטן אויף וועמען און עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ בייז פאַרשלאָפן וואָרטשען:

— וווּ קריכסטו! זעסט נישט ווו דו גייסט! האָסט דיך נאָך אַלץ נישט צוגעוווינט צו דער פינסטערניש?... נעם די אויגן אין

דער האַנט אַריין, אַז דו זעסט נישט!... טרעט נישט איבער קיין מענטשן!...

נאַטאַן האָט זיך צוריקגעצויגן, מיטגעשלעפּט אידען מיט זיך, געוואָלט וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען. דאָס פאַרשלאָפענע קול האָט אים אַלץ נאָכגעשריגן, זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַרואיקן. נאַטאַן איז אַוועק וואָס ווייטער פון דעם קול, געקראָכן צווישן די רעטונגס־שיפלעך, וואָס האָבן געגלאָצט מיט די אָפענע פינסטערע מיילער צום הימל. פון דעם ים איז אויפגעגאַנגען אַ פּאַרע, ווי פון אַ קאָכעדיקן קעסל, פאַרשטעלט אַלץ, ווי מיט אַ שלייער.

בשעת נאַטאַן און אידע זענען אַרומגעקראָכן אויפן דעק, האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף נאָך פיל מענטשן, וואָס האָבן נישט געקענט שלאָפן. ראַכמאַן האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַן אויפגעשפּיליעט העמד, אויסגעפרעגט נאַטאַנען געניו, וווּ זיי געפינען זיך איצט. זיי מוזן איצט זיין נאָענט פון גרויסע מדבריות, ווייל פון וואַנען האָבן זיך פלוצים גענומען אַזעלכע היצן? ער, נאַטאַן, איז דאָך אַן אינטעליגענטנער יונגערמאַן, איז ער מחויב צו ווייסן. ער אַליין איז דאָך אויך נישט פון די פאַרגרעבטע און נאָך זיין שכל נאָך דאַרפן זיי זיין אויפן רויטן ים... ווען נאַטאַן האָט אים געזאָגט, אַז מן־הסתם זענען זיי איצט אויפן אינדישן אָקעאַן, נאָענט פונם עקוואַטאָר, האָט ער אים געניו געמוזט אויסמשלן, וווּ דאָס איז ערגעץ. און וויפיל מאָל נאַטאַן האָט אים נישט אויסגעמשלט, האָט ער אַלץ „דאַקלאַדנע” נישט געוווסט, געהאַלטן זיך אין איין איבערפרעגן, וווּ דאָס שטעקט...

ראַכמאַן איז אין די הייסע נעכט געווען זייער נידערגעשלאָגן. זיין גאַנצע חשיבות האָט זיך מיטאַמאָל פון אים אָפּגעטון. ער האָט זיך פלוצים איינגעשטעלט פאַרן קאַפּיטאַן, געזאָגט, אַז מען קען צו אים קיין טענה נישט האָבן. די וואַסערן זענען נישט זיכער, דער דייטש האָט אומעטום שטעקן אַ האָגט, פאַרלייגט זיינע נעצן אויף אַלע ימען, אויף אַלע פּאָרטן. וואָס־זשע קען דער ערל אויפטון? ער איז נעבעך אַליין אין פּעקל, האָט מורא צוצופאָרן צו אַ פּאָרט, וווּ ס'איז אַ גרויסע סכנה, באַהאַלט זיך

כסדר אויס אויפן ים. אז ער האָט זיך שוין אפילו אָפּגעשטעלט ערגעץ האָט מען אים באַלד מישלח געווען פון דאָרטן, ווען מען איז געוויער געוואָרן וועמען ער פירט. איצט וויל ער שוין גאָר־נישט מער פרוון. אַז אָך און וויי איז צו זיין קאָפּ! אַז די שיף איז אינגאַנצן הפקר. מיט וואָס האָט זי זיך אומשטיינסגעזאָגט צו ווערן קענן אַזאַ דייטש? און אפשר וואָלט טאַקע אַ שכל געווען צו שיקן צום קאַפּיטאַן, נו, ווי הייסט זי דאָרטן דאָס ווייבל, די בראָניען?... אפשר וואָלט מען דאָך געקענט פון אים אַרויס־קריגן, וו מען האַלט ערגעץ אין דער וועלט. ווער קען דען דערגיין זיינע כוונות, זיינע גענג. אַז מען האַלט זיך אין איין דרייען אויף איין אָרט, ווי, להבדיל, ביי הקפות און מען האַלט אַלץ פון פאָרנט. ס'איז אַ מעשה אָן אַ סוף! און אַז מען וועט שוין מיטן אייבערשטנס הילף אָנקומען קיין אויסטראַליע, איז ווער ווייסט, צי מען וועט דאָרט אַריינלאָזן? אפשר טויגן נישט די פּאַפּירן? אַז מען וויל אינערגעץ נישט זען דאָס ביסל יידן! אינגאַנצן פונם וועג רעדט ער נישט פּאַביאַש! מען האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן! וואָס איז נעבעך פון דעם יונגענמאַן גע־וואָרן? ער איז דאָך מער נישט דערזעלבער מענטש. און ער איז דווקא אַן אינטעליגענטנער יונגערמאַן, זיך געוווסט אָנצורופן אַ וואָרט, אַרויסגעברענגט אַמאָל אַ טייערן איינפאַל, אַ גוטן גע-דאַנק. איי, ער איז אַ פלוט, ער האָט זיך איינגערעדט אַביסל צופיל, איז ווידער די אייגענע מעשה, ווער רעדט זיך דאָס נישט איין? אַ מענטש שטאַרקט זיך און שטאַרקט זיך, אָבער קיינער איז נישט פון אייזן. ווי לאַנג איז דער שיעור דאָס אַלץ איבער־צוטראָגן? מען איז אינגאַנצן הפקר!...

ראָכמאַן האָט גערעדט א־צט פונקט דיזעלבע רייד, וואָס פּאַביאַש האָט אַמאָל גערעדט, צוגעהאַלטן נאַטאַנען מיט דער האַנט און אים נישט אָפּגעלאָזט. נאַטאַן איז געווען מיד, נישט געהאַט וואָס ראָכמאַנען צו ענטפערן. עס האָט זיך אים נישט געגלוסט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איבערצוחזרן די זעלבע רייד, צו טאָפּטשען אין דער זעלבער בלאָטע. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קול, וואָס האָט שטיל און פאַרבענקט געזונגען עפּעס

א פוילישׂ ליד. דאָס קול האָט מיטאמאָל אויפגעהערט צו זינגען און אָנגעהויבן מיט א סך התפעלות צו דעקלאמירן א ליד פון א פוילישן קלאסיקער, ווו דער דיכטער גיסט אויס זיין בענקשאפט נאָך דעם פאָטערלאנד... נאטאן האָט דערקענט דאָס ליד. ער האָט אויך דערקענט בראָניעס קול, וואָס האָט דאָס ליד דעקלאַ־מירט. די פוילישע שפּראַך, וואָס מען האָט וויניק אויף דער שיף געהערט, און די באַקאַנטע ווערטער פון דעם פוילישן דיכ־טער אינמיטן דער הייסער נאַכט אויפן ים, האָבן געקלונגען פרעמד און אין דער זעלבער צייט אַזוי נאָענט און אייגן. מען האָט אָבער נישט געלאָזט בראָניען ענדיקן דאָס ליד, עס האָט איר באַלד ווער איבערגעשלאָגן:

— שוין אויס פוילן!... — מעגסט שוין פארגעסן דיין פּאַ פּאַלאַשו!... — האָט איר ווער איבערגעשלאָגן אין סאַמע מיטן — זע נאָר, ווי זי האָט זיך דאָס צעזונגען אינמיטן דער נאַכט! וויניק האָט דיר דער פּאָליאַק אָנגעטון געברוינטע צרות, וואָס דו בענקסט אַזוי נאָך אים?... מעגסט שוין זאָגן קדיש נאָך פוילן!...

בראָניע איז שטיל געבליבן, נישט געוווסט, ווער עס האָט איר דאָס אַזוי אריינגעזאָגט. נח איז איר צו הילף געקומען. אָט דער נח, וואָס האָט קיינמאָל פון דער שוועסטער נישט געהאַלטן, אויסגערעדט אויף איר וואָס נאָר אין דער קאָרט, שטענדיק איר צוגעוואָרפן שטעך־ווערטלעך, האָט זיך פּלוצים אָנגענומען פאַר איר:

— וואָס מאַכט איר עפּעס אליין דעם חשבון?... וואָס זאָגט איר עפּעס שוין קדיש נאָך פוילן?... — האָט ער זיך אָנגענומען פאַר דער שוועסטער.

— זע נאָר, ווער עס שטעלט זיך איין פאַר פוילן?... קוקטע נאָר אָן פוילנס נייעם פּשיאַטשעל!... ביזט דאָך אין פוילן געזעסן אין די תפיסות, זאָגסטו?... וויניק האָט מען דעם ייד דאָרט דעם טויט געמאַכט?... וויניק האָט מען אים געפּייניקט?..

— דאָס איז עפּעס אַנדערש... שולדיק אין דעם איז דער פאַשיזם... דער פוילישער פּויער, די פּוילישע אָרימקייט האָבן

נישט געוואָלט קיין פּאָגראָמען!... זיי האָבן דעם ייד נישט גע־דודפט...

— אַז דו רעדסט שוין יאָ אַזוי שיין, זאָג־זשע מיר, כ'בעט דיך, וואָס האָבן דיינע פּשיאַטשעלעס אריינגעהאַקט דעם פּאָליאַק אַ מעסער אין דער פּלייצע?... באַפאַלן דעם אָרעמען ארבעטער און פויער פון הינטן?

— נישט אריינגעהאַקט דעם פּאָליאַק אַ מעסער אין דער פּלייצע, זאָג עך אייך... נאָר דאָס רוטענישע און דאָס וויים־רוסישע פּאָלק האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך! און די יידן, וואָס זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון דייטשע הענט גייען אייך שוין גאָרנישט אָן?!... זיי האָט איר געלאָזט שוין אינגאַנצן אויף הפקר?...

— זע נאָר, ווי ער דרשנט דאָס, ווי פון אַ סידור אַרויס, דער גאַליציאַנער!... ווי כ'זע, קענסטו די תורה פון אויסנווייניק!... וואָס־זשע האָסטו אליין געמאַכט פּליטה און איבערגעלאָזט אַנ־דערע זאָלן טאַפּן אין דיין רוסישן גן-עדן אַ וואַנט?... אַ גאַליציאַ־נער האָט דעם אמתן שכל! אַ גאַליציאַנער דאָקטאָר האָט שטענ־דיק דעם קאָפּ אויפן קאַרק!... דער חשבון איז צדק!... האָסט ליב די כלה פונדערווייטנס...

אַלץ האָט מען נחן געקענט אריינזאָגן, אָבער נישט אַזאַ ליגנט, אַז ער איז אַנטלאָפן פון דער היים, בשעת די רויטע אַרמיי איז דאָרט אריין. דאָס איז געווען דאָס ערגסטע, וואָס מען האָט אים געקענט זאָגן, זיין שוואַכע זייט געווען, דאָס סאַמע אָנגעווייטיקסטע אָרט. ער איז זייער בייז געוואָרן. שטענדיק אַ היציקער, וואָס טוט אַלץ אויף דער הייסער מינוט, נישט באַ־רעכנטערהייט, פאַרשווייגט קיינמאָל נישט קיין עוולה, בלייבט נישט שולדיק קיינעם קיין ענטפער, האָט אין אים איצט אַלץ געקאָכט און ער האָט זיך אינגאַנצן געוואָרפן. אין דער היים, אין לעמבערג, איז אים נישט איינמאָל זיך אויסגעקומען אַרומ־צורייסן מיט די שכנים, וואָס זענען צו זיינע עלטערן אין שטוב אריינגעקומען און נישט געוואָלט מסכים זיין צו זיינע רייד. כאָטש די שכנים זענען אָרעם געווען, נישט פאַרמאָגט קיין

שטיקל ברויט אין שטוב, האָבן זיי זיך פיל מאָל נישט געוואָלט צוהערן צו דעם אמת, וואָס ער האָט אַזוי קלאָר געזען, אָנגע־טאַפּט אים מיט די הענט. דאָס איז אים זייער פרעמד געווען, אינגאַנצן נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין און ער איז אַזוי אויפ־געבראַכט געוואָרן, אַז ער האָט די שכנים באַליידיקט, זיך אַרומ־געריסן מיט זיי. אויך איצט האָט ער זיך געגרייט אָפּצושייגעצן יענעם, וואָס האָט אים אַזוי טיף אַריינגעזאָגט. אָבער מיטאַמאָל האָבן זיך פון אַלע זייטן דערהערט שטימען:

— לאָזט׳ס שלאָפן!... — האָבן זיך דערהערט בייזע און פארשלאָפענע שטימען — לאָזט׳ס צוטון אַן אויג! געפינען אַן אָרט ווו זיך אַרומצוריימען!... טראָגט׳ס ענק אָפּ פון דאַנען!...

דערהערט די קולות, וואָס זענען געוואָרן אַלעמאָל בייזער און אָנגעצונדענער, זענען נחן די רייד שטעקן געבליבן אין האַלז און ער האָט בלויז פון צווישן די ציין אַרויסגעפּרעסט די עטלעכע ווערטער:

— פון רוסלאַנד בין׳ך נישט אַנטלאָפן! עך בין אַוועק פון לעמבערג, איידער די רויטע אַרמיי איז נאָך דאָרט אַריין! און פּוילן וועט נאָך תחית־המתים אויפשטיין... אָבער שוין אַן אַנדער פּוילן!...

נאַטאַן האָט זיך צוגעהערט צו די רייד. דאָס קול, וואָס האָט נחן אַזוי אַריינגעזאָגט, איז אים געווען באַקאַנט. ער האָט גע־וואָלט דערגיין ווער דאָס איז, אָבער אויף צולהכעיס האָט ער זיך איצט בשום־אופן נישט געקענט דערמאָנען. נאַטאַן האָט גע־קלערט פון פּוילן, וואָס מען האָט ערשט אַזוי צערעכט געמאַכט, אָפּגעווישט; געקלערט פון די אַלע „סטאַנציעס" אין וואַרשע, ווו ער האָט זיך אַלץ אַרומגעוואַלגערט און זיך כסדר געמוזט צוהערן צו די אויסגעצויגענע געשרייען פון די אַלטוואַרג-הענדלער און בעלי־מלאכות, וואָס האָבן דעם הויף פאַרהילכט און אים גע־לע־בערט די אויערן. די באַלעבאָסטעס פון די סטאַציעס זענען אים דערגאַנגען די יאָרן, דעם טויט געמאַכט, נאָכגעיאָגט אים נאָכן דירה־געלט און ער האָט זיך געמוזט פאַר זיי אויסבאַהאַלטן,

כסדר אָנפּאַרן, אַז דאָס לעבן איז אים נישט איינגעגאַנגען. ער האָט געחלומט פון אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד, זיך געלערנט, מיט עקשנות זיך געלערנט, געוואָלט צו עפּעס צוקומען, כדי אַרויס־צוקריכן פון דער בלאָטע, וואָס איז אים שוין געגאַנגען ביז איבערן האַלז. ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין איז ער אויף געווען, מיט בענקשאַפט געקוקט אויפן פּאַרלאַטעטן, פאַרזשאַ־ווערטן פעלד־בעטל, אויפן ברודיק־צעשיטן בעטגעוואַנט. וואָס די מאַמע האָט פאַר זיין אַוועקפאָרן פון דער היים אויסגעוואַשן, פאַרצערעוועט און מיט אירע ערלעכע, געטריייע, מאַנסבילישע־גרויסע הענט איינגעפּאַקט אין אַ זאַק צוזאַמען מיט אַן אָפּגעצי־טערט סלאָיקל איינגעמאַכטס. ער איז געזעסן ביי די פאַרקאָפּ־טשעטע נאַפט־לעמפּלעך, מורא געהאַט פאַר די באַלעבאָסטעס און פאַר די פרעמדע בחורים, וואָס זענען מיט אים אין איין שטוב געשלאָפן, צו ברענען דעם גאַז ביז אַזוי שפּעט אין דער נאַכט אַריין, זיך אַרויסגענומען די אויגן, זיך אָפּגעפרישט אַלע־מאָל דעם צעהיצטן, מידן קאָפּ מיט קאַלט וואַסער און די איינ־געהויקערטע פּלייצע נישט אויפגעהויבן פון די ביכלעך. כאָטש ער האָט דעם אָרעמען, ציטערדיקן טאַטן זיינעם, וואָס האָט אים דווקא געוואָלט פאַר אַ לייט מאַכן, פיינט געהאַט בתכלית השנאה, נישט פאַרטראָגן זיינע נעבעכדיקע, געפאַלענע העוויות, זיין הכנעהדיק פּירעכץ, איז ער אַ סך פון אים נישט אַוועק. ער האָט זיך ווי זיין טבע בעתן לערנען מיט עקשנות געביסן די נעגל, זיך געלערנט — אַזוי פליסיק זיך געלערנט — אַז ער האָט גאָרנישט מער פאַר די אויגן געזען און די יאָרן זענען אים גיך און מיט גאָרנישט אַוועק.

אַ סך שטערונגען האָט ער געהאַט אויף זיין שווערן וועג. דאָס, וואָס ער האָט זיך געוואָלט לערנען, האָט ער נישט געקאָנט, מען האָט אים נישט צוגעלאָזט דערצו. ער האָט זיך געמוזט וואַרפן פון איין זאַך אויף דער אַנדערער, אַלעמאָל געהאַט אַ פולן קאָפּ מיט פּלענער, וואָס זענען אים באַלד צערונען. ער האָט געמוזט זיך צוקוקן, ווי די פוילישע חברים ווערן צוגעלאָזט צו אַלץ, צו וואָס זייער האַרץ גלוסט און ער ווערט פון אַלץ אַרויסגע־

שטויסן... ער האָט זיך געמוזט צוקוקן צו דעם און שטיקן אין זיך . . .

און כאָטש נאַטאַנען איז דאָס אַלץ אַזוי נמאס און מיאוס געווען, שוין געקראָכן פון האַלז אַרויס, האָט ער צו דעם אַלעם פונדעסטוועגן איצט קיין שום שנאה נישט געפילט. פאַרקערט, אַ גרויסע בענקשאַפט האָט ער איצט דערפילט צו די אַלע סטאַנציעס מיט די שלעכטע באַלעבאָסטעס, צו די ברודיק־אָפגעשיילטע הייזער אויף דער מילע, וווּ ער האָט געוווינט, צו די אויסגעצויגענע געשרייען פון די אַלטוואַרג־הענדלער און אפילו צו די לערערס, וואָס האָבן אים געבערענט דעם טריט. עס האָט זיך אים דערמאָנט דער אָרעמער טאַטע זיינער, זיין איינגעקורטשעט בערדל מיט די אויסגעטרוקנטע ליפּן, די אייביק־צעפליקטע מאַרינאַרקע זיינע, וווּ ס'האָבן פון אונטער דער קלאַפּע שטענדיק אַרויסגעשטעקט אַ פּאָר נאָדלען, זיין בעל־מלאכיש קאַשקעטל, וואָס ער האָט אַ טבע געהאַט פון צעטראָגנקייט צו פאַרשאַרצן אַביסל איבערן שטערן. ער פילט אויף זיך דעם טאַטנס ציטערדיקע, איינגעקורטשעטע באָרד און די אויסגעטרוקנטע ליפּן און ס'שטייט אים פאַר די אויגן דאָס שטעטל מיט די באַלעבאַטים, וואָס האָבן אים געטון די טובה און גאַווהדיק געשטעקט אים די וויכע שפּיצן־פינגער, די מיידלעך, וואָס האָבן שפּאַצירט אויף און אָפּ אין מאַרק, די יידן מיט די טליתים אויף די אַקסלען, בשעת זיי זענען שבת פון דאַווענען געגאַנגען מיט גלאַסן־פּאַוואָליע, בנעימותדיק־רואיקע טריט.

ער האָט זיך דערמאָנט אַ חופה אינם שטעטל ביינאַכט, וואָס מען האָט געשטעלט לעבן בית־המדרש אינמיטן מאַרק. ער האָט געזען די באָבעשי מיט דער קופּקע אויפן קאָפּ און מיטן קוילעטש אין דער האַנט אַקעגנטאַנצן חתן־כלה, געזען די פייער־ווערק, וואָס האָבן זיך גרין צעשפּריצט, ווי שטערן, אין דער נאַכט, געזען דאָס טריפנדיקע חלב פון היים־צעשמאָלצענע ליכט אין קינדערישע אויסגעשטרעקטע הענטלעך. ער האָט געהערט די קלעזמאָרים, וואָס זענען זיך דאָ פאַרגאַנגען אין אַ געוויין, דאָ אויפגעשפּילט אַ „פריילעכס”. די פּוילישע

„גאָספּאָדאָזשעס״ זענען געשטאַנען אַרום צוגלייך מיטן גאַנצן שטעטל יידן און זיך צו דעם אַלעם צוגעקוקט, געפּאַטשט די מחותנים אין דער האַנט אַריין און געווונטשן אויף יידיש „מזל־טוב״...

נאַטאַן האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, ווי ער איז קליי־נערהייט געווען ביי זיין אַלטן זיידן אויפן דאָרף. ער איז שוין דעמאָלט געגאַנגען אין גימנאַזיע און איבער די וואַקאַציעס געווען ביים זיידן, ווו ס׳איז געווען ברויט צו דער זעט. ער האָט געזאָלט אין דאָרף אַרויפנעמען אַביסל פלייש אויף זיינע דאַרע ביינער. אין דאָרף איז געווען אַ בית־המדרש מיט מעשענע הענגל־לייכטער און מיט אַ קליינעם, שטילן ארון־קודש און דער זיידע האָט אים אַלע שבת מיטגענומען צום דאַווענען. ער האָט אַריינגעקוקט מיטן זיידן אין זיין גרויסן לעדערנעם און מיט גאָלד געליישטן סידור, וואָס איז געווען איינער אין דער געגנט און וואָס איז אים אַזוי געפאַלן, אַז צוליב אים האָט ער נישט פאַרפעלט קיין איין וואָרט פון דאַווענען. דער זיידע האָט אים שטענדיק צוגעזאָגט איבערצולאָזן דעם סידור אַ ירושה. און ווען דער זיידע איז פלוצים געשטאָרבן, האָט ער טאַקע צוגענומען דעם סידור פאַר זיך. נאָך דער לוויה, בעת דאָס נידעריקע ווייס־געקאַלכטע שטיבל איז פול געווען מיט דאָרפס־יידן און מיט פויערים, וואָס וואָלטן פאַר זיין זיידן דאָס לעבן אַוועקגעגעבן, גערופן אים שטענדיק מיט גרויס ליב־שאַפט „בערעק״, האָט ער שטילערהייט צוגעשטעלט די באַנק צו דער שאַפע, ווו דער סידור איז געלעגן, בגנבה באַהאַלטן אים אונטער דער מאַרינאַרקע און זיך געלאָזט גיין צופוס אַהיים מיט דער ירושה...

דער דאָרפישער וועג האָט געשמעקט מיט קאָניטשינע און היי. די זון איז געלעגן אויף די שפּעדיק־פולע בלעטער פון די ביימער, זיך געוויקלט אַרום די צווייגן און געציטערט אין די אָנגעגליטע גאָלדענע זיילן שטויב, וואָס האָבן זיך אויפגע־הויבן נאָך יעדן אַדורכפאָרנדיקן וואָגן. אַן איינציקע זשאַבע

האט זיך פלוצים אויפגעוועקט אינם סטאוו, שלעפריקלעך גע־קוואקעט, זיך קוים געקענט דערוואַרטן אויפן פאַרנאַכט. א בור־שעל האט זיך מיט גלאָסענע טריט ארומשפּאַצירט איבער די מנוחהדיקע פעלדער, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, מעשה באַלעבאָס. אין דער קאַפּליצע, ווו ס׳האָבן אייביק געברענט ליכט, האָבן קליינע שיקסלעך מיט פלאַקסענע האָר, באַצירט דער „מאַטקע־באָסקעס״ קאָפּ מיט קרענץ בלומען, וואָס זיי האָבן אָפּגעריסן אויף דער לאָנקע. דאָרפס־יידן, פאַרשוויצטע און פאַרשטויבטע, זענען געגאַנגען אהיים נאָכן מאַרק־טאָג. דאָרפישע שקצים אין גראָבע לייַנענע העמדער און שיקסעס אין רויט־געקעסטלטע ברייטע ספּודניצעס האָבן געאַרבעט אין פעלד. בעת ער, נאַטאַן, איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר זיי, האָט ער אויף דער גיך אָפּדעקלאַמירט דעם שפּרוך, וואָס דער זיידע האָט אים אויסגעלערנט צו זאָגן שטענדיק, ווען ער טרעפט א פויער אַרבעטן אין פעלד:

— דאַי פּאַניע באָזשע...

עס איז געוואָרן פינסטערלעך, דאָס פעלד האָט זיך צע־רעדט מיט אָן א שיעור פאַרבאָרגענע קולות, און נאַטאַן האָט נאָך געהאַט א וועיטן וועג פאַר זיך. דאָס האַרץ האָט אים אָנ־געהויבן זייער צו קלאַפּן, ער האָט זיך דערמאָנט אינם טויטן זיידן און ער האָט געשטעלט אַלעמאָל גרעסערע שפּרייזן. דער סידור האָט אים איצט געבריט אין די הענט, געוואָרן אָן אָפּ־קומעניש. מיטאַמאָל האָט אים א פויער פון זיידנס דאָרף אָפּ־געשטעלט, מיט דרך־ארץ א קוק געטון אויף זיין גימנאַזיסטיש היטל, געפרעגט אים, צי ער איז בערעקס אָן איניקל און א זון פון דעם היטלמאַכער פאַן רייף פון שטעטל, אויפגענומען אים אויפן דראַבניאַסטן וואָגן און אים אָפּגעפירט אהיים.

די רעשט וואַקאַציעס האָט ער שוין פאַרברענגט אינם שטעטל צוזאַמען מיט די יידישע און גויאישע חברים, וואָס זענען אויך אויף וואַקאַציעס אַראָפּגעקומען, אַרומפּאַראַדירט אין דעם גימנאַזיסטישן היטל.

צווישן הימל און וואַסער

דערנאָך איז ער נאָך פיל מאָל אויף די פעריען אראָפּגעקומען אהיים, אָבער אַלעמאָל איז דאָ טרויעריקער און אומעטיקער געוואָרן. און אַז ער איז אַרויס פון גימנאַזיע און נישט געקאָנט צו גאָרנישט צוקומען, האָבן די גויאישע חברים געענדיקט דאָס שטודירן, פאַרנומען שטעלעס און מיט אים קיין מגע ומשא נישט געוואָלט האָבן. אין שטעטל האָט מען געשלאָגן יידן. מ׳האָט איינמאָל אַזוי צעהרגעט זישע סימעקיילעס, אַ ייד, אַ חלוש, אַז ער איז געווען פאַרביי. די גויאישע חברים האָבן זיך פון אָנהויב געפילט שולדיק קעגן אים, נאַטאַנען, נישט געקוקט אין זיין זייט אַריין, דערנאָך האָבן זיי זיך געמאַכט אים נישט דערקענען און אָנגעהויבן אפילו אָנצופירן מיט די רציחות אויף יידן...

נאַטאַן האָט זיך אומגעקוקט, מיטאַמאָל באַמערקט, אַז אידע איז לעבן אים מער נישטאָ. די היץ איז נישט קלענער געוואָרן. עס איז געווען דומפיק און פאַרנע, ווי פריער. דער הימל איז געלעגן נידעריק, שווער געהויערט מיט די גרויסע בערדיקע וואָלקנס איבערן ים, טיילמאָל דורכגעלאָזט די לבנה, וואָס האָט אַ בלאַנק געטון, ווי אַ שפּיז, און זיך באַלד צוריק באַהאַלטן. דער ים האָט זיך לייכט געוויגט, קוים באַוועגט די פאַרשלאָפענע, אויפגעפּוישטע וואַסערן און עס האָט זיך געדאכט, אַז די שיף פאָרט נישט, נאָר שטייט אויף איין אָרט. נאַטאַן האָט געזוכט אידען און ער האָט זי געטראָפן שטיין איינע אַליין ווייט אָפּגערוקט פון אַלע. זי האָט צו אים געהאַט גרויסע טענות, פאַרוואָס ער האָט זי געלאָזט אַוועקגיין. זי מוז אים שוין זיין גוט צוגעגעסן, אַז ער באַמערקט גאָרנישט, צי זי איז לעבן אים דאָ, צי נישט.

אידע איז געווען שטאַרק אויפגערעגט, זיך געפילט הילפלאָז און פאַרלוירן. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן נאַטאַנס פאַרענטפערן זיך. זי האָט געהאַט צו אים טענות, וואָס ער זעט זי נישט, לאָזט זי בסדר אַליין, קוקט זיך מער אויף איר נישט אום. ער האָט זי שוין אפנים געננוג. זי האָט קיינעם נישט און

איז זייער פאַרלאָזן. וועמען האָט זי דען, חוץ אים, נאַטאַנען, און אַז ער קוקט זיך שוין אויך אויף איר נישט אום, איז דאָך איר שוין זייער ביטער און שלעכט...

באַלד ווי זי האָט אַרויסגעזאָגט די פּאָר ווערטער, האָט איר באַנג געטון, געוואָלט זיי צוריקכאַפּן. זי האָט דאָס נישט געטאָרט זאָגן, נישט געטאָרט אַזוי אָפן אַרויסווייזן נאַטאַנען, וואָס עס טוט זיך אַלץ אָפּ אין איר. אָבער עס איז שוין געווען פאַרפאַלן. עס איז איר געווען איצט אַזוי ביטער, אַזוי שלעכט אויפן האַרצן. זי האָט זיך קיינמאָל נישט אַרויסגערעדט פאַר נאַטאַנען, זיך געהיטן נישט אַרויסצוכאַפּן מיט אַ וואָרט, געבן עפּעס אַן אָנצוהערעניש. ווי זי האָט זיך נישט געוואָלט אָפּ־רעדן פאַר אים דאָס האַרץ, דערציילן אים אַלץ, וואָס דריקט זי, צוטוליען דעם קאָפּ צו אים, אָננעמען זיינע הענט און גלעטן מיט זיי דאָס אייגענע צעהיצטע פּנים, דאָס לייב, האָט זי אָבער דאָ בשום־אופן נישט געקענט פּועלן ביי זיך. דער מאַן אירער הערשל, וואָס איז איבערגעבליבן דאָרט ערגעץ אין דער היים און וואָס זי האָט פיינט געהאַט פון טיפן האַרץ, ווייל ער האָט זיך געשטעלט צווישן איר און נאַטאַנען, האָט איר דאָס נישט געלאָזט טון, געפּענטעט אירע הענט. זי איז זיכער געווען, אַז איצט, ווען זי טאָר אוודאי נישט באַוועלן הערשלען, וועט זי דערמיט באַגיין אַ שטאַרקן אומרעכט קעגן אים און דער עיקר וועט זי באַגיין אַן אומרעכט קעגן איר קינד, איר שרהלען, וואָס זי האָט געהאַט מיט אים. חוץ דעם האָט זי נאַטאַנען נישט געוואָלט אַרויסווייזן איר שוואַכקייט. כאָטש זי איז זיכער געווען, אַז עס איז נישט אַזוי, האָט זיך איר כסדר אויסגעוויזן, אַז נאַטאַן, וואָס האָט זיך מן־הסתם שטענדיק געהאַלטן העכער פון הערשלען, געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ, וואָרט נאָר אויף דעם, אַז זי זאָל זיך פאַרגעסן. און זי האָט אים צוליב דעם קיין גוט וואָרט נישט געשענקט, געטריבן אים פון זיך, כאָטש זי האָט געפילט, אַז זי טוט אים וויי. דער טיף־פאַר־באָרגענער זינדיקער געדאַנק, אַז זיי ביידע, זי און נאַטאַן, האָבן

צווישן הימל און וואסער

אויסגענוצט דאָס אומגליק, וואָס האָט זיך געטראָפֿן מיט זייערע נאָענטע, האָט זי נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין איין רגע, כסדר געגעבערט און געפּייניקט. איצט האָבן זיי שוין אויפֿגעבונדענע הענט, קענען זיין צוזאַמען... ס׳האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן נאָר געוואַרט אויף דעם...

ס׳איז געווען איבער אירע כוחות. זי האָט זיך מיט נאַטאַנען נישט געוואָלט מער טרעפֿן, נישט געוואָלט זיך צופֿיל וואַרפֿן אין די אויגן, ווייל מענטשן האָבן שוין גענוג גערעדט, כסדר זיי אויפֿן אויג געהאַלטן, אָבער ווי נאָר נאַטאַן איז אַוועק פֿון איר און זי האָט אים אַ צייט נישט באַגעגנט, האָט זי נאָך אים געבענקט. זי האָט געבענקט נאָך אים, כאָטש זי האָט געוווסט, אַז ער איז דאָ מיט איר צוזאַמען, אַז ער פֿאָרט מיט איר אויף איין שיף. און זי האָט זיך אַלעמאָל אויפֿסנייַ דערפֿרייט, ווען זי האָט אים דערזען, זאָל זיין כאָטש פֿונדערווייטנס. זי האָט זיך דערפֿרייט מיט דעם באַקאַנטן, נאָענטן פּנים, וואָס זי האָט אַזוי גוט געקענט און וואָס איז פּלוצים אָפּגעווישט און פֿאַרמעקט געוואָרן, ווען זי האָט עס נישט געזען. אַלעמאָל, ווען נאַטאַן איז נישט געווען מיט איר, האָט זי זיך זייער דערשראָקן, ווייל זי האָט פּלוצים נישט געדענקט ווי ער זעט אויס. זי האָט זיך געמוזט דערמאָנען און אַרויסרופֿן אין זכרון זיינע ווייכע גרויע אויגן, די נישט־געגאָלטע איינגעפֿאַלענע באַקן, די לענגלעכע נאָז, די אַביסל איינגעבויגענע פּלייצע, די אויסגעדאַרט־שמאָלע און הויכע געשטאַלט. זי איז אים באַלד געגאַנגען זוכן, מכלומרשט גאָרנישט אויסן־זייענדיק אַריינגעבליקט אין אַלע ווינקעלעך, מורא געהאַט, צי עס איז עפּעס מיט אים נישט געשען. און דערנאָך, אַז זי האָט אים שוין צוריק געהאַט לעבן זיך, האָט זי נישט געוווסט, וואָס זי האָט אַזוי געברענט, געפּלאָנטערט. דאָס פּנים, נאָך וועלכן זי האָט אַזוי געבענקט און וואָס זי האָט זיך פּלוצים נישט געקענט דערמאָנען, האָט אין אירע אויגן מיטאַמאָל אויסגעזען אַזוי וואָכעדיק — אַ פּנים, ווי ביי אַלע אַנדערע יונגעלייט.

און וואס האט זי אזוי געצײַטערט, געארבעט מעשים? בשעת נאטאנען איז אויפגעפאלן איר האלטן זיך און ער האט זי געפרעגט, פארוואס זי איז אזוי אומרואיק, האט זי אויסגעזוכט פארשידענע תירוצים פון אונטער דער ערד, אבי גארנישט געבן צו דערקענען אין זיך.

אבער איצט האט זי זיך ארויסגערעדט פאר אים און נאטאן האט גוט געדענקט די ווערטער, וואס זי האט אים געזאגט. אזעלכע רייד האט ער פון איר נאך קיינמאל נישט געהערט, חוץ איינמאל די פאר ווערטער, וואס זי האט זיך ארויסגעכאפט, בעת זיי זענען אין דעם שיינעם, רואיקן פרימארגן ביי דעם אייזערנעם אנלען געשטאנען און ער האט פאר איר ארויסגעלייגט זיינע פלענער. ס'האט אים ארומגענומען איצט א פרייד, וואס זי האט זיך פארלוירן, זיך ארויסגערעדט פאר אים. ער האט זיך געפילט חשוב, אויסגעוואקסן ביי זיך אליין אין די אויגן. דער מאנספערשוין אין אים, וואס איז כסדר געווארן געטרעטן, האט זיך מיטאמאל געפילט געהויבן. ערשט היינט אין דער פרי האט אידע נישט געוואלט צו אים רעדן, אויסגעדרייט פון אים דעם קאפ. זי איז געווען מיד און אויסגעשעפט פון דער היץ, באטש זי האט זיך נישט געוואלט אין דעם מודה זיין. ער האט פונדערווייטנס באמערקט, ווי זי גייט ארום אן בושה, פונקט ווי אלע אנדערע ווייבער, מיט א צעשפײַלעטער בלוזקע, מיט א לויז־ארומגענומען קליידל, וואס האט זיך קוים אויף איר געהאלטן, אז אט־אט פאלט עס אראפ. דאס קליידל האט זי פארשארצט ווייט איבער אירע פארברוינטע קני, וואס האבן געהאט א גאלדיקן קאליר פון האניק און נאטאן האט פלוצים באמערקט איר לייב, וואס איז להיפוך צו אירע קני, געווען בלאנקנדיק־ווייס. דאס ערשטע מאל האט נאטאן געזען ביי איר דאס לייב אזוי אפן. ער האט זיך נישט גערירט, אז זי איז אזוי דורכזיכטיק־ווייס אויפן קערפער און אט די ווייסקייט האט אים אזוי צעטומלט, אז ער האט אוועקגעכאפט פון איר דעם קאפ, נישט געקוקט אין איר זייט אריין.

באַלד האָט ער אָבער צוריק אויסגעדרייט דעם קאָפּ, דערזען אירע ברוינע קאַשטאַן־האָר, וואָס מען האָט איר בעת דער דעזינפעקציע אַזוי מיאוס פאַרהאַקט, געמאַכט זי ענלעך צו אַ שעלכט ייִנגל, אַן עקשן. נאַטאַן האָט פּלוצים אויסגעפונען, אַז נאָכדעם, ווי מען האָט ביי איר אָפּגעהאַקט די האָר און זיי זענען איר אַביסל צוגעוואַקסן, האָט זי זיי אַליין צוגעשוירן, צוגעגלייכט, אָפּגעלייגט אַליין קליינע לאָקן, וואָס האָבן זיך לייכט געפּאַליעט אויף איר דינעם, מיידלעריש־יונגען קאַרק, אויפן שטערן. די מיאוס אָפּגעשווירענע האָר האָבן איר צוגעגעבן אפילו אַ חן און נאַטאַן האָט אויף איר גרויס רחמנות באַקומען.

נאַטאַן האָט זי צום וויפילסטן מאָל געניי באַטראַכט, ווי ער וואָלט וועלן דערגיין, מיט וואָס איז זי אַנדערש פון אַלע אַנדערע ווייבער און וואָס ער האָט אין איר אַזוינס דערזען. זי איז געווען האַלב־אויסגעטון און ער האָט געניי געזען אירע אַקסלען, אירע אָרעמס, וואָס האָבן זיך מיט שטרענגלעך־האַר־טע, גלייכע, ווי אָפּגעהאַקטע באַוועגונגען און גלייכצייטיק מיט אַזאַ נאָכגיביק־מיידלערישער ווייכקייט געפּאָרעט ביי די האָר. זי האָט אַריינגעשטעקט די פינגער אין די קורצע האָר, זיי אָוועקגענומען פונם שטערן, פונם האַלז, זיי אויפגעהויבן אין דער הויך, ס'זאָל איר ווערן אַביסל קילער, אַזוי, אַז איר דינער, שמאָלער, מיידליש־יונגער קאַרק האָט זיך אינגאַנצן אַנט־בלויזט, זיך געריסן אין דער הויך שלאַנק און שטאָלץ־גלייך, ווי אַ ווייס טורעמל.

אידע האָט געליטן פון דער היץ און נאַטאַן האָט איר גע־וואָלט אַביסל לייכטער מאַכן, ברענגען אַביסל טרייסט. אָבער בעת ער האָט זיך צו איר דערנענטערט, האָט זי אוועקגעדרייט פון אים דעם קאָפּ. זי האָט באַלד אַראָפּגעשאַרצט דאָס קליידל, שנעל־שנעל, מיט ווייבערישער געניטקייט און פּלינקייט אין די פינגער צוגעשפּיליעט די בלוזקע — צוגעשפּיליעט זי מיט אַ סך צולהכעיסדיקייט ווייט ביז אַרויף, כמעט ביז צו דער גאָמבע, כאָטש עס איז געווען אַזוי הייס, אַז מען האָט אַזש נישט גע־קענט כאַפּן דעם אָטעם.

נאַטאַן האָט איצט אידען אַרומגענומען, זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר איר. אָבער זי האָט אים נישט געלאָזט זיך פֿאַרענטפֿערן. יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט צו איר געזאָגט, איז געווען אַרויסגעוואָרפן און זי האָט זיך אפילו נישט רעכט צוגעהערט צו אים. זיינע רייד זענען איר איבעריק געווען און האָבן זי אויפגערעגט. וואָס מער ער האָט איר אַרויסגעוויזן צערטלעכקייט, געווען גוט צו איר, אַלץ קעלטער איז זי צו אים געוואָרן, עס זענען איר איבעריק געווען זיינע צערטלעכקייטן און זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען געווען, מיט וואָס ער איז איר אַזוי נאָענט און פֿאַרוואָס זי האָט ערשט מיט אַ פּאָר מינוט צוריק אַזוי געברענט, אַזוי געבענקט נאָך זיינס אַ גוט וואָרט. ס'איז איר אויפֿן זכרון געקומען דאָס קינד, דער מאַן, זי האָט אַרויסגערעדט הויך זייערע נעמען און זי האָט שטיל געוויינט. נאַטאַנס האַנט, וואָס האָט זי געהאַלטן אַזוי פעסט אַרומגענומען און זי אַזוי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך, האָט זי איצט באַליידיקט...

אָבער נאַטאַן האָט זי מער נישט אָפּגעלאָזט, געגלעט זי איבער די אָפּגעהאַקטע האָר, איבערן מיידלעריש־דינעם יונגן נאַקן. ווו עס האָבן זיך געפּאַליעט די לייכטע לאָקן אירע. אירע הייסע טרערן זענען אים איבער די פינגער גערונען. און פּונקט ווי דעמאָלט אין דער היים, בעת דער טאַטע האָט זי געשלאָגן און ער האָט זיך איינגעשטעלט פֿאַר איר, אַרויסגעריסן זי פון זיינע הענט און זי איינגענומען, אַזוי האָבן אויך איצט אירע טרערן געבריט אים אין די פינגער, אָנגעצונדן אים. ער האָט געפירט מיט דער האַנט איבער אירע מיידלעריש־בויגיקע, ציטערדיק־וויינענדיקע אַקסלען, זי איינגענומען, געלאָזט רינען איבער זיינע פינגער אירע טרערן, וואָס האָבן אים אָנגעפּולט מיט תענוג, אַז ער האָט געהאַט גרויס חשק צודריקן זי צו זיך מיט אַזאַ גוח, אַז זי זאָל אַזש אויפשרייען פון ווייטיק.

זי האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך, אָבער ער האָט זי מיט כוח געהאַלטן, זי נישט אַרויסגעלאָזט מער פון זיינע הענט און מיטאַמאָל אַזאַ הויכן געשריי געטון אויף איר, אַז זי האָט זיך

פאר אים דערשראקן. אין דער פינסטערניש האט ער דערפילט אירע פולע ליפן, וואס זענען שטענדיק געווען אביסעלע צע־שפאלטן און צעראצט און ער האט פון שטענדיק אן געהאט א גרוים באגער זיך איינצובייסן דווקא אין דעם ראַץ, אין דעם טרוקענעם שפאלט אויף אירע ליפן. ער האט איצט דעם ראַץ געזוכט און זיך איינגעזויגן אין אים, אז אירע שיטער־צעשטעל־טע פארפל־ביין האבן זיך אנגעקלאפט אין זיינע.

— פארוואס ביזטו אזוי שלעכט?... פארוואס ביזטו אזוי ביטער?... — האט ער געמורמלט גלייך אריין אין דעם היים־פארטרוקנטן מויל אירן.

זי האט אים גארנישט געענטפערט, געשוויגן. ס'האט זי שוין מער נישט באליידיקט נאטאנס האנט, וואס האט זיך הפקרדיק און מיט העזה געגליטשט איבער איר לויז־ארומגענו־מען קליידל, איבער יעדן בויג פון איר קערפער, וואס האט וויים און בלייך געשיינט אין דער פינסטערניש. זייערע הייסע אטעמס האבן זיך אויסגעמישט און אירע ליפן, צעשפאלטן פון דער היץ און פון ווינט, האבן זיך ווייטיקדיק און מיט תענוג געקורטשעט, געבויגן, אויפגעלייזט געווארן. זי האט בלויז איינ־מאל נאך ניכטער און מיט ווארנונג א געשריי ארוים געטון:

— נאטאן!...

און דערנאך איז שוין מער קיין ווארנונג אין איר קול נישט געווען. זי האט בלויז כסדר איבערגעחזרט דאס איינציקע ווארט „נאטאן”. אבער זי האט עס איצט ארויסגעזאגט מיט התפעלות, אריינגעלייגט די גאנצע בענקשאפט, וואס זי האט געטראגן צו דעם ווארט שוין פון יארן לאנג.

דערנאך האט זי מער גארנישט געזאגט, אין גארנישט מער געדענקט. קיינער איז מער אויף דער וועלט נישטא, חוץ זי און נאטאן. שפעטער האט זי שוין אפילו דאס אויך פארגעסן...

X

זינט דער הייסער נאַכט האָבן זיך נאַטאַן און אידע מער נישט באַגעגנט און זיי האָבן זיך אויסגעמיטן. אידע האָט נאַטאַנען נישט געקענט קוקן גלייך אין פּנים אַריין און זי האָט אויף אים אַ גרויסן כעס געטראָגן. זי האָט זיך געפילט זייער שולדיק און דער עיקר שולד האָט זי אַרויפגעלייגט אויף נאַטאַנען. ער האָט זיך נישט געטאָרט אַזוי באַגיין מיט איר, זיך נישט געטאָרט פאַרגעסן. זי איז ווייניק אַרויס פון דער קאַבינע און געקומען אין עס־צימער איז זי שטענדיק אַביסעלע שפּעטער, ווען נאַטאַן איז שוין דאָרט מער נישט געווען. כאָטש שוין נישט איינמאָל האָט זי געוואָלט קומען צו דער צייט אין עס־צימער, כדי זיך צופעליק מיט אים צו טרעפן, אַרויס פון דער קאַבינע פּינקטלעך און מיט אַנטשלאָסנקייט, אָבער באַלד אויפן וועג האָבן זיך אירע טריט אָנגעהויבן צו פּלאָנטערן, זי איז נעגאַנגען מיט פאַרשידענע זייטיקע אומוועגן און דער סוף איז געווען, אַז זי האָט זיך פאַרשפּעטיקט. בשעת זי איז אַריין אין זאַל און נישט געטראָפן דאָרט מער נאַטאַנען, האָט איר עפּעס אַ זעץ געטון אין האַרצן און זי האָט דערפילט אַ גרויסע בענקשאַפט, געהאַט טענות צו זיך אַליין, הלמאי זי איז נישט געקומען צו דער צייט...

אויך נאַטאַן האָט זיך געפילט שולדיק און אויסגעמיטן אידען. ער האָט כסדר געשפּירט אין דער האַנט זיינער די וואַרעמקייט פון זיין קינדס דאַר הענטל, וואָס האָט אים דעמאָלט אין דער היים נאָך געפירט צו דער מאַמען, נישט געלאָזט אים קוקן אויף דער מומע אידע און ער האָט זייער גע־

ליטן, דאָס האַרץ האָט אים געקלעמט. נאַטאַן האָט געפילט, אַז אידע וויל זיך נישט מיט אים באַגעגענען און ער איז אַוועק שטענדיק פריער, אָדער געקומען שפּעטער אויף די אַלע ערטער, וווּ ער האָט געוווּסט, אַז ער קען זי טרעפן. אויך ער האָט שוין נישט איינמאָל זי געוואָלט זען. ער האָט כּלומרשט גאַרנישט אויסן־זייענדיק געוואַרט אויף איר, כּדי זיך צופעליק מיט איר צו באַגעגענען, אָבער אין דער לעצטער רגע האָט ער חרטה באַקומען און אַוועק אַליין, אַן אויסגעליידיקטער, מיט אַ הויל־קייט אין האַרצן. כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז אידע איז אַזוי נאָענט פון אים, ער זעט זי אין דעם אייזערנעם אַנלען, אין די געדרייטע שטיגעלעך, וואָס פירן אין די קאַבינעס אַריין, אַלע ווינקעלעך, וווּ ער האָט זיך מיט איר געטראָפן, זענען פול מיט איר, — דאָך האָט אים נישט אָפּגעלאָזט אַ געפיל, אַז ער האָט פאַרלוירן עפּעס טייערעס און איינגעבאַקן־נאָענטעס, וואָס וועט זיך שוין צו אים מער קיינמאָל נישט אומקערן.

די היצן האָבן אָפּגעלאָזט, נישט געברענט מער מיט אַזאַ פייער, ווי פריער. די טעג האָבן זיך געצויגן לאַנג, כאָטש די נעכט זענען צוגעפאַלן שנעל און מיטאַמאָל. מען האָט נישט גע־האַט וואָס צו טון. בראָניע פעלדבוים האָט נישט געהאַט ווו זיך אהינצוטון בייטאָג, זיך קוים געקענט דערוואַרטן אויף דער נאַכט, ווען זי האָט זיך נאָך אַלץ געטראָפן מיטן אויסגעפּראַנ־טעוועטן קעלנער. אויפצומאָרגנס נאָך דער נאַכט, בעת די וויי־בער האָבן זי אַזוי שטאַרק מבייש געווען, האָט זי זיך אַרומגע־דרייט אַ פאַרלוירענע און מען האָט געמיינט, אַז אין איר איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. אָבער באַלד נאָכמיטאָג האָט זי אין אַלץ פאַרגעסן. ס׳איז געווען צוריק די זעלבע בראָניע, וואָס אַמאָל, זאָל דאָס פעלן אַ האָר. זי האָט זיך צוריק אויס־געסטראַיעט אין אירע שמאַטקעס, וואָס זי האָט ערגעץ אויס־געקראַצט, אויסקאָמבינירט און צוזאַמענגעשטיקעוועט פון אַל־טע זאַכן און אפילו פון מאַנס מלבושים מיט דער פלינקייט און מסוגלדיקייט, וואָס נאָר ווייבער פאַרמאָגן. די קורץ־אָפּגע־

שווירענע האָר האָט זי פֿאַרבונדן מיט אַ סך שטיקלעך פּאַפּיר, ס׳זאָלן זיך איר מאַכן קרייזעלעך און לאָקן, וואָס האָבן זי ענ־לעך געמאַכט צו אַ שעפּס.

בראָניע האָט נישט געהאַט ווו אַהינצוטון דעם טאָג און זי האָט געצוווּנגען דעם באַרימטן וואַרשעווער דאָקטאָרס קליין ווייבל, זי זאָל שפּילן מיט איר אין קאָרטן. מיט דעם דאָקטאָרס ווייבל האָט זי זיך שוין פֿון לאַנג געוואָלט חברן, ס׳איז איר אָנגעשטאַנען דער יחוס און זי האָט זיך זייער געפֿרייט. ווען זי האָט אויסגעפֿירט אירס און יענע איז מסכים געווען צו מאַכן מיט איר אַ קערטל.

דעם דאָקטאָרס ווייבל איז אַ בריה געווען אין קאָרטן. אַ טאָכטער פֿון שטיין־רייכע עלטערן, פֿון האַלב־געשמדטע וואַר־שעווער גבירים, האָט זי נישט איינמאָל נאָך דער חתונה, בשעת זי האָט נישט געהאַט וואָס צו טון, פֿאַרבעטן צו זיך רייכע ווייבלעך, אַזוי ווי זי און זיי האָבן זיך געלאָזט ווילגיין ביי די קאָרטן. זי האָט נישט געהאַט מער וואָס צו טון אין די פֿיל גרויסע און גרוימע חדרים אירע, חוץ שפּילן אין די נאָכמיטאָגס אין קאָרטן און אָפּהיטן דעם בן־יחיד און דער עיקר דעם מאַן, וואָס איז פֿיל ערגער ווי דער בן־יחיד געווען. ער האָט זיך נישט אָפּגעהיטן, אַרומגעגאַנגען אָפּגעלאָזן און ווען זי דערמאָנט אים נישט, וואָלט ער גאַנצע טעג נישט גענומען נאַרנישט אין מויל אַריין. שוין נישט איינמאָל איז ער ווינטער אין די גרעסטע פֿרעסט, אַרויס אין גאַס אַריין אָן אַ מאַנטל און זומער אַרויס־געשלעפּט אויף זיך אַ פֿוטער. איז טאַקע איר אַרבעט געווען אים נאָכצוגיין נאָך יעדן טריט, אָפּצופּוצן אויף אים די מלבו־שים און נאָכצוטראָגן אים עפּעס צו עסן, אָפּצושיילן פֿאַר זיינעטוועגן אַ פּאָמעראַנץ און צו שטופּן אים מיט געוואַלט איינ־ציקע ציינדלעך גליין אין מויל אַריין. בשעת די דייטשן זענען אַריין קיין וואַרשע, האָט זיך דער מאַן שוין גאַרנישט קיין אָרט געקענט געפֿונען, און דאָס אומגליק מיט איר זון האָט זיך געטראָפֿן דעמאָלט, בעת עטלעכע דייטשן זענען אַריין צו

זיי אין שטוב, זיך צעליִיגט דאָרט, אָנגעמאַכט אַ חורבן און באַליידיקט דעם מאַן, געמאַכט פון אים חוזק. דעם זון האָט דאָס אַזוי אויפגעקאָכט, אַז ער האָט די דייטשן געוואָלט אַרויס־וואַרפן פון שטוב. און דעמאָלט טאַקע האָט דאָס אומגליק מיטן זון פּאַסירט. שטענדיק האָט זי געהאַט פּונם מאַן אין דער היים פּונקט די זעלבע צרות אויסצושטיין, ווי דאָ אויף דער שיף, וווּ זי איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַ טעפּל און געשטופּט אים אין מויל אַריין מיט אַ לעפל יעדן ביסן. און פּונקט ווי אין דער היים, וווּ דער מאַן איז אייביק געווען פאַרטון ביי זיך אין קאַבינעט און קיינמאָל צו איר קיין צייט נישט געהאַט, אַזוי האָט ער אויך דאָ נישט געהאַט קיין קאָפּ צו איר, זיך געבעטן, זי זאָל אים אָפּלאָזן און אַרומגעגאַנגען שטענדיק פאַרפאָרעט, אַריינגערעדט אין מענטשן, אַריינגעקוקט זיי אין פּנים מיט זיינע תמימותדיקע, האַלב־עובר־בטלדיקע אויגן.

דעם דאָקטאָרס אייביק־פאַרדאַגהט קליין און דאַר ווייבל, איז באַלד איינגעגאַנגען צו מאַכן מיט בראָניען אַ קערטל. דאָס וועט זי מאַכן פאַרגעסן אַביסל אין אירע גרויסע זאָרגן לגבי דעם מאַן, פאַר וועלכן זי האָט געהאַט שטאַרק דרך־ארץ, ווי פאַר אַ פרעמדן, כאָטש זי איז שוין אַזוי פיל יאָרן נאָך דער חתונה געווען. נאָר אין מניעה איז איר געשטאַנען אין וועג — זי האָט נישט געוואָלט שפּילן אין קיין געלט. זי איז פון שטענדיק אָן געווען אַ קאַרגע, נישט קיין אויסברענגערין, גע־ווּסט אָפּצושאַצן דעם גראָשן. און כאָטש זי האָט געהאַט אַביסל געלט, אויף אַ זיכער אָרט געטראָגן אויף זיך אַ פּאָר טייערע שטיינדלעך, וואָס זי האָט אָפּגעראַטעוועט, האָט זי דאָס אַלץ נישט געוואָלט רירן, אָפּגעהיטן עס, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, כדי צוריקצוברענגען צום געזונט דעם מאַן אין דעם נייעם לאַנד, וווּ זיי פאָרן איצט.

אָבער בראָניע האָט גאָרנישט אין זינען געהאַט צו שפּילן אין געלט. זי האָט געוואָלט בלויז שפּילן אַביסל די צייט צו פאַרטרייבן. און עס איז איר באַלד אויפן אָרט איינגעפאַלן אַן

המצאה, זיי זאָלן שפּילן אין פּאַפּירלעך. טאַקע באַלד האָט זי פון אַן אַלט שטיקל פּאַפּיר געמאַכט עטלעכע באַנקנאָטן, אויף וועלכע זי האָט אָנגעשריבן אַ פּאָר ציפערן, דעם ווערט, וואָס די פּאַפּירלעך דאַרפן טראָגן...

עס איז אַוועק אַ שפּיל. בראָניע האָט געוואונען. דאָס פּעקל פּאַפּירלעך האָט געהאַלטן לעבן איר אין אײן וואַקסן. זי איז אַזוי פאַרקאָכט געווען אין דער שפּיל, אַז זי האָט מער גאָר־נישט פאַר די אויגן געזען און אָנגעהויבן צו פאַררעכענען די פּאַפּירלעך פאַר אמתדיק געלט. יעדעס געוואונענע פּאַפּירל האָט זי זייער אָפּגעהיטן און עס האָט אין אירע אויגן דעם ווערט באַקומען פון אמתע מזומנים. און פּלוצים האָט זי די אַלע פּאַ־פּירלעך פאַררעכנט פאַר אַ חוב, געזאָגט צום דאָקטאָרס ווייב, אַז זי האָט צייט, עס ברענט נישט ביי איר, זי יאָגט זי נאָך נישט מיטן געלט, זי האָט צייט געמוג דעם חוב איינצומאָנען.

אָבער דעם דאָקטאָרס ווייב האָט אפילו פון דעם נישט גע־וואָלט הערן. זי האָט זיך זייער דערשראָקן, איינגאַנצן צוגעמאַכט די קורצזיכטיקע קליינע אייגעלעך, ווי ביי אַ הון און זיך אָנ־געזופּן מיט זייער אַ שטיל און איידל קול, וואָס קען נישט שעפּן אַ פליג אויף דער וואַנט:

— מיר האָבן דאָך עפּעס אָפּגעמאַכט, פרוי פעלדבוים... איר געדענקט שוין נישט?... איר האָט אפנים פאַרגעסן...

אַ וואָרט צו אַ וואָרט און ביידע ווייבער האָבן זיך אָנגע־הויבן אַריינצוזאָגן. עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז בראָניע האָט געהייסן דעם דאָקטאָרס ווייב אַרויסשלעפּן די שטיינדלעך און באַצאָלן דעם חוב. זי האָט דעם דאָקטאָרס ווייב פאַרגעד־וואָרפן די געשמדטע אין דער משפּחה און געזאָגט אויף זיך, אַז אַזאַ ערלעכע יידישע טאָכטער, ווי זי, בראָניע איז, פּאַסט גאָרנישט מיט איר צו האָבן צו טון...

זיי האָבן זיך אַלץ שטיל אַריינגעזאָגט, קיינער האָט גאָר־נישט געהערט. און ראַבמאַן האָט מקנא געווען די ווייבער, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעזוכט עפּעס וואָס צו טון.

צווישן הימל און וואסער

ר׳ זיינוול ראַכמאַן האָט זיך אַרומגעדרייט איינער אַליין. קיינער האָט שוין נישט געוואָלט מער אויסהערן ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל די זעלבע מעשיות זיינע וועגן זיינע צוויי זין און וועגן דעם, אַז יידן דאַרפן זיין אָדער צו גאָט, אָדער צו לייט און דאַרפן האָבן אַ באָדן אונטער די פיס. ראַכמאַנס חלום איז איצט געווען צו פּאַקן ערגעץ אַ שאַך.

— איי, אַ פּאַרטיע שאַך, וואָלט איצט צו־נוץ געקומען מיטן לעבן! ס׳איז אַ שכלדיקע שפּיל... — האָט ער אָפּגעשטעלט איעדן איינעם. וואָס ער האָט נאָר אָנגעטראָפן — מען וואָלט אַביסל פאַרגעסן אין די צרות...

ראַכמאַן האָט זיך איצט שוין נישט געוואָלט אפילו מער צוהערן צום ראַדיאָ, וואָס האָט בסדר געבראַנגט די נצחונות פונם דייטש. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער דייטש, וואָס פאַר־כאַפּט איין לאַנד נאָכן אַנדערן, יאָגט זיך נאָך דער שיף און אָט־אָט וועט ער זי פּאַקן... אַז צו קיין שום פּאָרט וויל מען נישט צולאָזן די יידן. ער זעט, אַז די וועלט איז פאַרשלאָסן פאַר זיי... שוין נישט איינמאָל האָבן זיך באַוויזן איבער דער שיף עטלעכע עראָפּלאַנען, וואָס זענען געפלויגן אין אַ גלייכער שורה, אין אַ סגול, אָבער מען האָט נישט געקענט דערקענען צו וועמען זיי געהערן, ווייל זיי זענען געווען זייער הויך. אַלע האָבן זיך זייער דערשראָקן און די שיף האָט זיך געטוליעט צום וואַ־סער, זיך איינגעקורטשעט, ווי אַ קוואָקע, וואָס דערזעט דעם שפּאַרבער...

ר׳ זיינוול ראַכמאַן האָט פון גאָרנישט געוואָלט קלערן, גע־זוכט אַ שאַך און אָפּגעשטעלט אפילו ר׳ לייזער דעם שפּייז־קרעמער, געפרעגט אים, צי ער שפּילט אין שאַך. אָבער ר׳ לייזער האָט געהאַט עפּעס אַנדערש וואָס צו טון, ווי צו שפּילן אין שאַך. דער טאָג איז אים שנעל אַוועק. איידער ער האָט זיך אומגעקוקט איז שוין דער טאָג נישט געווען. דאָס דאַווענען האָט ביי אים געדויערט עטלעכע שעה און צווישן איין דאַווענען און דעם אַנדערן האָט ער געזאָגט תהלים און געלערנט פון אַ

ספר אַרויס הויך אויפֿן קול. ער האָט זיך באַקלאָגט פֿאַר ראָבמאַנען, וואָס די יידן קומען אַזוי זעלטן, אפילו איינמאָל אין דער וואָך, שבת, צו דאַווענען מיט מנין. ער מי־שט זיך נישט חס וחלילה צו קיינעם. ס'איז חס ושלום נישט זיין עסק. ער האָט פֿיינט צו זאָגן יענעם מוסר, אין דער צייט, ווען ער אַליין איז נישט ריין פֿון זינד. ווער איז ער דאָס אומשטיינס געזאָגט, אַ פּראָסטער בשר ודם, וואָס ער זאָל זאָגן יענעם מוסר, זיך שטעלן אין דער בחינה פֿון אַ מנהיג, פֿון א שליח־צבור? זיך אַליין שטעלן העכער פֿון אַנדערע? אָבער ס'טייטש, אין אַזעלכע ביטערע צייטן מעגן יידן אַביסל מער אָפּהיטן דאָס יידישקייט... פֿאַרוואָס זאָלן טאַקע יידן נישט אַריינקוקן אַמאָל אין אַ ספר, זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים? לא על הלחם לבדו יחיה אדם... אַז יידן וואָלטן געדענקט אין גאָט, וואָלט אפשר דער אייבערשטער זיך מער אומגעקוקט אויף זיי... יידן דאַרפֿן האָבן אמונה... גלויבן אין דעם אייבערשטן!...

ר' לייזער האָט געהאַט מיט וואָס אויסצופֿילן דעם טאָג. געהאַט גענוג וואָס צו טון. זינט דאָס ווייב, עליה השלום, איז פֿון אים אַוועק, האָט ער אויך געמוזט זאָרגן דאָס חיות צו דערהאַלטן אין זיך. און דאָס איז אים שווער אָנגעקומען. קיין טרפֿות האָט ער נישט געוואָלט פֿאַרזוכן, ער זאָל אפילו וויסן אויסצוגיין פֿון הונגער. האָט ער זיך אַליין געמוזט אָפּקאָכן דאָס ביסל וואַרעמס. פֿריער האָט עס געטון דאָס ווייב, איצט מוז ער עס אַליין טון. און ס'איז אים שווער אָנגעקומען צו געפֿינען אַ וועג צום פֿאַוואָליעדיקן און שלעפּעריקלעך־געמיטלעכן קוכער, וואָס האָט נאָך אַלץ נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס ער טאָר נישט עסן צוגלייך מיט אַלע און מוז זיך אַליין פֿאָרען מיטן קאָכן. בעת ר' לייזער האָט אים דאָס צום ווּיפֿלסטן מאָל געגעבן צו פֿאַרשטיין, אויסגעמשלט פֿאַר אים, אָנגעוויזן מיט די הענט, האָט דאָס אַלץ פֿונדעסטוועגן נישט געקענט קריכן אים אין קאָפּ אַריין און ער האָט געלאַכט פֿון אים מיט אַ פֿול מויל גרויסע ציינער, וואָס האָבן ווייס אַרויסגעשוימט פֿונם פֿעטן אַליוו־טונקעלן פּנים.

זינט דער קובער, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געאיילט, געהאַט שטענדיק פיל צייט, האָט זיך אַזוי שטאַרק אָנגעהויבן צו חברן מיטן נחן, האָט ער גאָר מיט אַנדערע אויגן געקוקט אויף די יידן. די פריינטשאַפט צווישן נחן און דעם קובער האָט אָנגעהאַלטן פון דעמאָלט אָן, בעת דער קובער האָט זיך פאַר נחן פונאַנדערגערעדט און אים געזאָגט, אַז זיין חלום איז צו זיין נאָך אַמאָל אין רוסלאַנד און צו ברענגען דעם „קאָמוניז־מאַס" צו זיך קיין גריכנלאַנד... ביי זיך אין קיך האָט ער, בשתיקה פאַרן קאַפּיטאַן, געהאַט זיין אייגן ווינקל. ער האָט דאָרט מיט קאַטשערעס־און־לאָפּעטעס אותיות אויפגעשריבן פאַרשידענע לאָזונגען, אויפגעמאָלן אַ האַמער מיט אַ סערפּ און באַצירט דאָס אַלץ מיט אַ קליין רויט פענדל. דאָס ווינקל האָט ער אָנגערופן „מיקרי ראָסיא" און די פרייע צייט פאַרברענגט דאָרט, געלייענט אַ בוך, געזונגען לידער מיט אַ שלעפעריק קול. חוץ דעם האָט ער אויך אויף אַ טייל שוואַרץ־פאַרקאָפּטשעטע בלעכן און ראַנדלען אויפגעצייכנט מיט קרייד אַ האַמער מיט אַ סערפּ...

באַלד ווי דער קובער האָט זיך באַקענט מיט נחן, האָט ער אים געשלעפּט צו זיך אין קיך אַריין און מיט ווייס־צעשוימטע ציין אין דעם טונקל־פּעטן תמימותדיק־נאַאיוון פּנים אָנגעוויזן אים דאָס ווינקל. די התלהבות, די קינדערישע פרייד אין דעם צעוואַקסענעם גוף זיינעם, ווי ביי אַ גיבור, איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אַזש נחן אַריינגעכאַפּט אין זיינע האָריק־פּעטע, בערישע לאַפּעס און אים געקושט אַלע יידן אין די אויגן אַריין. נח האָט זיך פאַרשעמט, זיך געריסן פון זיינע הענט, אָבער ער האָט אים נישט אַרויסגעלאָזט, איבערגעחזרט צענד־ליקער מאָל איינס און דאָסזעלבע:

— פילאָס!... חבר!... — האָט ער נחן געקלאַפּט גוט־ברי־דעריש איבער דער פּלייצע, צוגעדריקט אים מיטן גרויסן בויך און אים מיד געמאַכט מיט די שבחים, מיט וועלכע ער האָט אים כסדר באַשאָנקען, — ביי מיר זענען אַלע מענטשן גלייך...

זוי אין ראסיא... טערקן, יידן, כינעזער, גריכן... ביי מיר זענען אַלע ברידער... ביי אַלע פליסט רויט בלוט... גיב די האַנט, ארעלפּאָס... שטעק־איין! דאָס איז פאַר דער נייער וועלט, וואָס וועט איינגיכן קומען!...

ער האָט געזוכט נחס האַנט, איינגעקלאַפּט מיט איר, נע־שאָקלט די האַנט ארויף און אראָפּ.

נח איז געשטאַנען ווי אין אַ קלעם, נישט געוווסט וואָס אים צו ענטפערן, געזוכט עפּעס אַ פּאַסיק וואָרט, אָבער נישט געפונען. די איינצלנע פאַרשטאַנענע ווערטער דעם קוכערס האָבן אים גערירט און ס׳האָט אים זייער פאַרדראָסן, וואָס ער איז שטום און דאָס, וואָס ער וויל זאָגן, קען ער בשום־אופן נישט ארויסברענגען פון זיך. אויך האָט די יידן גערירט דעם קוכערס התלהבות, זיין קינדערישע פרייד און ס׳איז זיי וואַרעם געוואָרן אויפן האַרצן. פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך געוויצלט מיט נחן, וואָס ער האָט געפונען אַזאַ גוטן חבר, מיט וועמען ער וועט זיך קענען „קאַלעגירן" און אָפּלעקן אַ ביינדל...

נח האָט נאָך אַלץ קאָמבינירט עפּעס אין קאָפּ, געזוכט אַ פּאַסיק וואָרט צו ענטפערן דעם קוכער און קוים צוזאַמענגע־שטיקעוועט די ווערטער:

— גערעכט, חבר... — האָט ער גערעדט האַלב אויף יידיש — ס׳איז נאָך גאָרנישט פאַרפאַלן! דער נצחון איז זיכער אונ־זערער!... ווייל איז צו די, וואָס וועלן כאָטש פאַלן אין שלאַכט... און נאָך ווײלער איז צו די, וואָס וועלן דערלעבן צו זען די מפּלה פונם שונא!...

פאַר ראָכמאַנען איז דער קוכער ווי אראָפּגעפאַלן פונם הימל. ער האָט שוין אומעטום וווּ נאָר אַ ווינקל אויסגעזוכט, אָבער אַ שאָך נישט געקענט געפינען. און ס׳איז אים איינגע־פאַלן אַ געדאַנק צו גיין צום קוכער און אים פרעגן אויף אַ שאָך. און דער קוכער האָט פאַר אים טאַקע אַ שאָך פון ערגעץ אויס־

געקראַצט. אמת איז, אַז דער שאָך איז געווען זייער אַן אַלטער, אַ צעבראָכענער, אַן אָפּגעריבענער, אַז מען האָט נישט געקאָנט דערקענען וועלכע פיגור איז ווייס און וועלכע שוואַרץ — אָבער ס'איז אַלץ בעסער געווען ווי גאָרנישט. ראָכמאַן האָט באַלד אויפן אָרט געפונען אַן עצה, ווי צו דערקענען פון ווייס ביז שוואַרץ און אָנגעבונדן די שוואַרצע פיגורן שוואַרצע פעדים אויפן האַלז.

ראָכמאַן האָט אויסגעזוכט נאַטאַנען און זיי האָבן זיך געזעצט שפּילן אַ פּאַרטיע. ביים שפּילן האָט ראָכמאַן זייער אַ סך הנאה געהאַט. ער איז געזעסן מיט אַ סך חשיבות אין דעם קאָפּל, וואָס ער האָט גערוקט פון איין אָרט אויפן אַנדערן מיט זיינע איידל־ווייסע הענט. בעת ער האָט זיך טיף פאַר־טראַכט איבער אַ צוג, איז דאָס קאָפּל געזעסן ביי אים אַזוי נידעריק־אָנגערוקט אויפן שטערן, אַז אָט־אָט פאַלט עס אַראָפּ. עס האָט אים בלויז געפעלט אַ פּאַפּיראָס, וואָס וואָלט צוזאַ־מענגענומען ביי אים די געדאַנקען. פון צעטראָגנקייט האָט ער זיך געכאַפּט אַלעמאָל צו דער וועסטל־קעשענע, וווּ ס'איז גע־לעגן די פּאַפּיראָסן־פּושקע, פאַרגעסן, אַז ער האָט שוין לאַנג נישט ליגן דאָרט קיין פּאַפּיראָסן. ער האָט געבלאָזן פון היץ אין לאָפּעטקע־בערדעלע אריין, זיך באַקלאָגט, וואָס נאַטאַן מאַכט נישט קיין צוג. כאָטש ער אַליין האָט זייער לאַנג געקלערט אי־בער אַ צוג און נאָך דערצו דערמאָלט, ווען ער האָט געהאַלטן שמאָל, נאָר ער האָט געמעגט טראַכטן און קיין אַנדערער נישט. אַלעמאָל, אַז ער האָט שלעכט געהאַלטן האָט ער אפילו הויך געטראַכט, גערעדט צו זיך אַליין, געפּירט מיט דער האַנט איבערן אויסגעריבענעם שאָך־ברעטל:

— וועל'ך גיין דאָ מיטן ראָך, וועט ער גיין אַהער... — האָט ער הויך געטראַכט און גערעדט צו זיך מיט אַ ניגון — וועל'ך גיין אַהער, וועט ער גיין דאָ... כ'בין גוט אין פּעקל! און ווו קריכט מען דאָ אַרויס, רבותי?...

ראָכמאַן האָט זייער געהאַלטן פון זיין שפּילן, געוואָלט, אַז

מענטשן זאָלן זען זיינע טייערע געננ. אָבער טאָמער האָט מען זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים און געגעבן אים עצות, האָט עס אים ממש געקאָסט שטיקער געזונט, ווייל ער האָט פיינט נע־האָט קיביצערס, ווי סם. אַז מען האָט אים אונטערגעזאָגט אַ צוג, האָט עס אים אונטערגעהויבן. ער האָט בעת־מעשה גאָרנישט געזאָגט, זיך פאַוואָליע אויפגעהויבן פון שטול, אָפּגעטרעטן דאָס אָרט יענעמען, וואָס האָט זיך געוואַגט אַנצורופן מיט אַ וואָרט:

— זעצט אייך... — האָט ער אָנגעוויזן מיט אַ סך געמאַכ־טער גערולדיקייט אויף דער שטול — אַז איר זענט אַזוי קלוג, נעמט איר איבער די פאַרטיע! נאָט אייך דאָס חומשל און גייט איר אין חדר אַריין... לאָמיר טאַקע זען, וואָס פאַר אַ צעליינער איר זענט!... מנע...

דאָס ערגסטע איז אָבער מיט אים געווען, אַז ער האָט געהאַלטן ביים פאַרשפּילן. דעמאָלט איז ער שוין אינגאַנצן אַרויס פון די כלים, אַראָפּגעכאַפּט דעם קעניג, פאַרשטעקט אים צו זיך אין דער קעשענע און אים בשום־אופן נישט געוואָלט מער אַרויסגעבן:

— דעם קעניג גיב'ך נישט! — האָט ער זיך געהיצט און אויסגעשטעלט צוויי פייגן — ביי מיר איז עס נישט קיין געוווּ־נענע פאַרטיע... דער קעניג ליגט ביי מיר דאָ־אָ אין דער קעשענע... אַ פייג וועל'ך אים אַרויסגעבן!...

ראָכמאָן האָט מיט יעדן איינעם געשפּילט און ס'איז אים געגאַנגען ממש אין לעבן, אַז פּאַביאַש זאָל מאַכן מיט אים אַ פּאַרטיע און זיך אביסל פאַרגעסן. אָבער פּאַביאַש האָט אפילו נישט געהערט, וואָס ער רעדט צו אים, נישט געוווּסט, וואָס ער וויל פון אים האָבן. ער איז איצט אינגאַנצן פאַרטון געווען אין זיך, מיט קיינעם נישט גערעדט, מיט קיינעם זיך נישט אָפּ־געגעבן. ער איז שוין געווען איצט אינגאַנצן זיכער, אַז די שיף וועט זיך אינערגעץ נישט דערשלעפּן, אַז מן־הסתם זענען די פּאַפּירן נישט קיין ריכטיקע, מן־הסתם פעלט זיי עפּעס, וואָס מען וויל זיי, דאָס ביסל יידן, אינערגעץ נישט אַריינלאָזן. דער

קאפיטאַן האָט געמוזט נעמען יענע אַפּותיקי פאַר פירן זיי. ער ווײַל גאָרנישט אויסזאָגן דערפון. מי־יודע ווו דער קאַפּיטאַן, דער צורר־היהודים, פירט זיי? ער שלעפּט זיי זיכער גלייך צום דייטש אין די הענט אריין! וואָס האַלט ער זיך עפּעס אין איין אויסבאַהאַלטן אויפן ים? איז נאָך וואָס־זשע טויג דאָס לאַנגע שלעפּן זיך, בעסער איז שוין צו מאַכן אַ סוף צו דעם אַלעמען וואָס שנעלער. דעם ווייב קען ער שוין סיי־ווי נישט קוקן מער גלייך אין די אויגן אריין. זי זיצט כסדר אויף איין אָרט, ווי אַ פּלאָץ, קען קוים רירן מיט די פיס און האַלט אין איין גלאָצן מיט די אויגן. ער קען נישט פאַרטראָגן איר גלאָצן אויף אים מיט די אויגן. אירע אויגן לאָזן אים נישט צו־רו. זיי גייען אים נאָך ווו ער טוט זיך נאָר אַ קער און אַ דריי און שרייען צו אים:

— מערדער, דו ביזט דער גורם! דו ביזט אין אַלץ שול־דיק! — שרייען צו אים די אויגן — דו האָסט מיר אַוועקגע־הרגעט דאָס קינד!... ווען נישט דו, וואָלט נאָך אַלץ גוט גע־ווען!... דיין פּחדנות, דיין ציטערן איבער דער אייגענער פעל, איז שולדיק! וואָס האָסטו געלאָזט אַרומגיין דאָס קינד מיט דער קרענק?... פאַרוואָס האָסטו קיינעם גאָרנישט אויסגעזאָגט?... מען וואָלט נאָך אַלץ געקענט פאַרכאַפּן און אַלץ וואָלט נאָך גוט געווען! דו האָסט מיר אַוועקגעהרגעט די טאָכטער און דעם זון!... דו משוגענער קאָפּ, דו!...

פּאַביאַש האָט אויסגעמיטן דאָס ווייב. וואָלט זי כאָטש כסדר נישט אַזוי עקשנותדיק געשוויגן. וואָלט זי כאָטש אויס־גערעדט צו אים אַ וואָרט! דאָס שווייגן איז געווען נאָך פיל ערגער ווי גערעדט, ווי זי וואָלט צו אים געהאַט גרויסע טענות. דאָס שווייגן האָט גערעדט דיבורים, אַריינגעקראָכן טיף אין אים און געגריבערט און גענאָגט.

פּאַביאַש האָט פון דעם אַלעמען קיינעם נישט דערציילט, זיך נישט פאַרטרויט פאַר קיינעם, געדריקט אין זיך. ער האָט שוין מער פאַר קיינעם נישט אַרויסגעוויזן קיין שרעק. ס'איז

אים שוין אַלץ איינס געווען. אַז קיינער האָט נישט מורא, וואָס־זשע דאַרף ער פּונקט זיין דער יוצא מן הכלל? נאָך וואָס דאַרף ער זיך דאָס אַזוי מיאוס מאַכן, פאַרשוואַרצן דאָס פּנים ביי אַנדערע? אַז קיינער הערט זיך צו אים סיי־ווי נישט צו, וויל אים נישט וואַרשטיין. איצט וויל שוין אפילו דאָס אייגענע ווייב אים נישט פאַרשטיין, קוקט זיך מער נישט אויף אים אום. מען האָט בלויז אויף אים רחמנות. בלויז אויס מיטלייד רעדט מען נאָך אַמאָל אַ וואָרט צו אים. ער פילט דאָס גוט, קיין פינגער אין מויל אַריין דאַרף מען אים נישט לייגן. אַז פון שטענדיק אָן זינט ער געדענקט זיך, האָט מען אים איבעריק נישט ליב געהאַט, שוין קליינוויז האָבן אים די יינגלעך אויסגעמיטן. אַפּנים, אַז עס שטעקט עפּעס אין אים אַזוינס, וואָס מענטשן האָבן פיינט.

ער געדענקט גאַנץ גוט, אַז שוין יינגלוויז אין גער איז ער שטענדיק געגאַנגען זיין אייגענעם וועג, און נוען ער איז אונטערגעוואַקסן איז ער געווען אייביק ברוגז מיטן טאַטן. דער טאַטע זיינער, ר׳ פישל סאַדאָווניק, איז געווען אַ ייד אַ בעל־פרנסה, אַ שאַרפער חסיד דעם „גערערס”. פאַרן גערער וואָלט ער געשטרעקט דאָס לעבן, ער וואָלט געגאַנגען פאַר אים אויף קידוש־השם. ער איז גרייט געווען יעדן איינציקן, וואָס וואָלט זיך אָנגערופן עפּעס מיט אַ וואָרט קעגן רבין, עוקר מן השורש צו זיין, צו געבן פעטש ווי די ברעטער. דער טאַטע איז אַליין ווייט נישט געווען קיין תלמיד־חכם, ווייט געווען פון קענען לערנען. ער איז געווען אַ קליין יידל מיט אַ קאָלטענעוואַטער באָרד, מיט אַ כך חוצפה אין זיך, מיט תקיפות, געדוצט אפילו עלטערע יידן פון זיך, געזאָגט זיי מוסר, געשריגן אויף זיי, ווי אויף יינגלעך. ער איז אָבער געווען שטאַרק אַ גלויביקער און ביי זיך אין שטוב אויפגענומען די אַלע אָרעמע חסידים, וואָס האָבן נישט געהאַט אויף קיין אכסניא און נישט געפונען קיין פּלאַץ אין הויף ביים רבין. די חסידים זענען אָפט געשלאָפן אין דער סטאָדאָלע אויפן היי, אַ סך מאָל אפילו אין קאַמער,

צווישן הימל און וואסער

וו ס'איז געלעגן דאס אויבסט, געווען פול אין אלע ווינקעלעך. זיי האבן זיך געקריגט צווישן זיך, זיך געשפארט אין דברי־תורה, ארומגעקראכן אין די בלויזע טלית־קטנס אין סאד צווישן דעם הויכן גראז און צווישן די געדיכטעביימער מיט די פרות. וואס האבן געטריפט מיט שארפן, שכור־זיסן זאפט און פון שפע אראפגעשווערט די צווייגן צו דער ערד. דער טאטע זיינער, וואס האט זיך אפילו אפט געגרויסט מיט זיין עם־הארצות, געשריגן, אז דער עיקר דארף מען זיין א ירא־שמים, האט נישט איבעריק ליב געהאט קיין וויל־לערנערס, געהאלטן, אז די יונגעלייטלעך, וואס קוועטשן כסדר די באנק, זענען די ערשטע אראפצוגיין פון דרך־הישר. האט ער זיך טאקע נישט גוט געפילט, ווען די חסידים האבן זיך געשפארט אין לערנען, א סך נישט פארשטאנען פון דעם, וואס זיי רעדן.

ער, פאביאש, האט דווקא יא געהאט א ידיעה אין דעם, וואס די חסידים שפארן זיך, געקענט דווקא יא לערנען, אבער ער איז שוין ווייט געווען פון דעם אלעמען, שוין פון לאנג קאליע געווען. ער האט שוין אפילו ארומשפאצירט מיט א מיידל, קיינער זאל אים נישט זען און דאס יונגע ווייך־שפראצנדיקע בערדל זיינס אראפגענומען מיט עפעס א פראשיק, אזוי, אז די באקן זענען שטענדיק ביי אים געבליבן גלאטיק. דער פאטער, אייביק א פארפארעטער, האט וועגן גארנישט געוווסט, גארנישט באמערקט, ביז עס האט אים איינמאל אויפגעמאכט די אויגן עפעס א חסיד:

— הא, פישל, שיינע מעשיות האב יעך מיך דאס אנגעהערט וועגן דיין נחמיהן... — האט ער זיך אנגערופן צום טאטן און בשעת־מעשה אים, פאביאשן, צוגעהאלטן, ער זאל נישט אנטלויפן — מען האט אים געזען דעם יונג דיינעם ארומשלעפן זיך מיט א מויד! דאכט זיך מיר, אז דער יונג איז געכאפט אויף דער מעשה! אוועק לתרבות־רעה! קוק זיך נאר צו אים צו... ס'וואקסט דאך גארנישט ביי אים קיין בארד! וואס איז עפעס

די מעשה, פישל?... פלאי־פלאים!... און קוק נאר אן די יעזשע... נישטא קיין פיצל ארט מער אויף קיין תפילין!

דער טאטע איז צו אים צוגעגאנגען, זיך איינגעקוקט אין אים פון דער נאענט, געזען, אז דער חסיד איז גערעכט און באלד אויפן ארט אראפגעלאזט אים צוויי פייערדיקע פעטש, אז ס'האט אזש אפגעהילכט:

—נאדיר פאר דער בארד און נאדיר פאר דער מויד! — האט דער פאטער געציילט די פעטש — יעכ'ל דעך עוקר מן השורש זיין, דו שייגאץ איינער! דו בן סורר ומורה! כ'על דיך דא אויפן ארט דורסן! לאבוז! עוכר ישראל! ארויס פון מיין שטוב, דו גוי גמור, דו!...

ער איז באלד אוועק פון שטוב, מיטגענומען דעם טאטנס צען פייערדיקע פינגער אויף בײדע באקן. ער מיטן טאטן זענען זיך געבליבן דם־שונאים אויף אייביק. אפילו חתונה געהאט האט ער אן דעם טאטנס הסכמה. אבער דעם טאטנס חוצפה האט ער אויף אייביק מיטגענומען מיט זיך. ער איז, פונקט ווי דער טאטע, געשפרונגען יעדן איינעם אין פנים אריין, גע־מיינט, אז ער ווייסט אלץ, קיין שום זאך אויף דער וועלט איז ביי אים נישט געווען קיין נייעס, וועגן אלץ האט ער שוין פון פריער געהערט און געוווּסט. אבער די תקיפות, די זיכערקייט פונם טאטן האט ער נישט געהאט אין זיך, זיך אייביק ארומ־געטראגן מיט א מורא, מיט עפעס אן אומרו, וואס האט אים קיינמאל נישט אפגעלאזט, ווי ס'וואלט ווער כסדר געשטאנען הינטער זיינע פלייצעס. אין דער פרנסה איז אים אויך נישט געגאנגען, כאטש ער איז געווען אזוי זיכער, אז ווי נאר ער וועט אוועק פונם טאטן, וואס האט אים קיינמאל נישט געלאזט זיך נעמען אזוי יונג צום מסחר, וועט ער איבערדרייען א וועלט. עס איז אים אין מסחר נישט געגאנגען און ער האט געמוזט בלייבן בלויז ביי דער מלאכה. ער האט געפירט א טאנדייט־ווארשטאט, אויסגעארבעט קורטקעס, הויזן, מארינארקעס פאר די פויערים. כאטש ער איז געווען א גרויסער איינרייסער,

געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט, האָט ער קוים צוזאַמענגעשטאַרקעט די פּרנסה. ער האָט פון אומעטום געריסן און געברענגט אַלץ צו זיך אין שטוב אַריין פאַר זיין ווייב און קינדערלעך. און ער וואָלט שוין יאַקאָש דאָס שטיקל ברויט געהאַט, נישט געדאַרפט מער אַזוי שווער האָרעווען ביי זיך אין וואַרשטאַט, נאָר עפּעס אַן אומרו האָט אין אים געשטעקט און די מורא פאַרן מאָרגן האָט אים אַלץ נישט אָפּגעלאָזט.

ער האָט אַזוי שווער געמוזט אַרבעטן די גאַנצע יאָרן זיינע, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו עפּעס. אָבער ס'איז אים באַשערט געווען צוריק מיט איינמאָל צו פאַרלירן אַלצדינג, וואָס ער האָט קוים מיט די נעגל אַלע זיינע יאָרן צוזאַמענגעקראַצט. און ער האָט דאָס אַלץ, וואָס האָט אים אַזויפיל מי און געזונט געקאָסט, נישט געוואָלט אַזוי שנעל אַוועקגעבן, געלאַדעוועט דאָס גאַנצע ביסל האָב־און־גוטס זיינס אויף אַ פור אַרויף, ווען אַרום האָט שוין די וועלט געברענט און יעדע מינוט איז געווען טייער, ווייל דאָס לעבן איז געשטאַנען אין קאָן, געהאָנגען אויף אַ האָר. אָבער אים איז דאָס לעבן נישט אָנגעגאַנגען. אָן דעם ביסל פאַרמעגן זיינעם, האָט שוין די וועלט נישט געהאַט מער פאַר אים קיין שום זין. ער האָט מיט די לעצטע כוחות געאַרבעט, זיך געבאָדן אין טייכן שווייס, דאָס העמד איז געווען אויף אים פּיטש־נאַס. ער איז אַלעמאָל אַריינגעלאָפן און אַרויסגעלאָפן פון שטוב, אָנגעלאָדנט פריש מיט בלעכליי שטוב־חפצים, וואָס האָבן אַראָפּגעשווערט צו דער ערד זיין קליינעם גוף. ער האָט אפילו געוואָלט מיטנעמען מיט זיך דאָס מעבל, געטראָגן פון שטוב אַרויס איינער אַליין דעם שווערן און גרויסן טיש, זיך קוים געקענט מיט אים אַן עצה געבן, ווי אַ מוראַשקע, וואָס שלעפּט אַ צו־גרויס שפּענדל. די מענטשן האָבן געלאַכט פון אים אין די פויסטן, געמאַכט פון אים דאָס גענאַר. דער בעל־עגלה האָט אים אונטערגעיאָגט, געשריגן אויף אים, געזידלט מיט דער בלאָטע צוגלייך, געסטראַשעט אַלעמאָל, אַז ער וועט אים איבערלאָזן מיט האַקל־פּאַקל. אָבער ער איז

געווען טויב צו די אַלע געלעכטערן און צו די אַלע געשרייען, פֿון גאַרנישט געוואָלט וויסן. דאָס ווייב איז געשטאַנען ווי אויף הייסע קוילן, פֿאַרשטעלט פֿאַר אים די טיר פֿון הויז און געמאַכט געוואַלדעס:

— משוגענער!... — האָט זי זיך געריסן, נישט געוווּסט וואָס מיט אים צו טאָן — ווו שלעפּסטו דאָס אַלצדינג, משוגע־נער!... ראַטעווע דיר דאָס לעבן פֿריער! וואָס טוסטו? ווו וועסטו דיך מיט דעם אַלעם אַהינטאָן!... ביזטאָך אַ מערדער צו דיינע קינדער! אוי, מענטשן, כ'האָב נישט קיין כּוח צו אים! ס'איז דאָך סכּנות נפֿשות!... יעדע מינוט, וואָס דו וואַרטסט, איז אַ גרויסע זינד!...

אָבער ער האָט זי נישט געפֿאָלגט, אויך אירע רייד נישט געוואָלט הערן, נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס זי וויל פֿון אים האָבן און זי אָנגעקוקט מיט זיינע קליינע אייגעלעך. וואָס זענען מבולבלדיק־גיך געלאָפֿן אַהין און צוריק, ווי צעשראָקענע חיהלעך.

ווען ער האָט זיך סוף־כּל־סוף אויסגעקליבן אין וועג אַריין, איז שוין געווען צו שפּעט. אויפֿן וועג האָבן אים די דייטשן געטראָפֿן, איבערגעקערט דעם פֿול־אָנגעלאָדנטן וואָגן מיט די קינדער אויפֿן סאַמע שפּיץ, ווי ער שטייט און גייט. זיי האָבן אַריינגעהאַקט די בלאַנקנדיק־נאַקעטע באַגנעטן אין די אַלע חפֿצים, שיער נישט דורכגעשטאָכן די קינדער, געמאַכט פֿון אַלץ אַ באַרג אַש. ער איז אַ פֿאַל־אַנידער געטאָן אויף דעם באַרג כּיסט מיט ביידע הענט פֿאָרויס, זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנ־צער גרויס, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אויסצוגיין צוגלייך מיט די אַלע זאַכן. דאָס ווייב האָט אים קוים אָוועקגעשלעפּט, אָבער דער עיקר האָבן אים אויפֿגעריסן פֿון דער ערד די דערשראָקענע יללות פֿון די קינדער, וואָס האָבן אים באַוויינט, ווי אַ טויטן. דאָס ווייב האָט אים דערנאָך איבערן גאַנצן וועג געיאָדעט, נישט געלאָזט אים צו־רו. זי איז בלויז אויף אַ שטיקל צייט

שטיל געבילבן, כדי באַלד צוריק אָנצוהויבן צו עגבערן, נאָך שטאַרקער און נאָך מיט מער כוח ווי פריער.

— גאַנץ גוט אויף דיר! — האָט זי געהאַט שאָדן־פרייד און איז אַלעמאָל פריש אַרויס מיט אירע טענות, ווי אַ צאָן־ווייטיק. וואָס הערט אוי אַ רגע אויף, כדי באַלד צוריק אָנ־צוהייבן צו נאָגן, נאָך צודרינגלעכער און שאַרפער ווי פריער — אַז דו האָסט אַ משוגענעם קאָפּ! וואָס מענטשן זאָגן אויף דיר, זענען זיי כשר גערעכט! כ'בין גוט מיט דיר אַריינגעפאַלן!...

דעם ווייבס גערעכטע טענות, די שרעק אין די קינדערס אויגן, בעת די בלאַנקנדיק־נאַקעטע באַגנעטן זענען אַזוי נאָענט פאַרביי זיי דורך און נאָר צוליב עפּעס אַ נס זיי נישט אָנגע־רירט, זענען אים אייביק נאָכגעגאַנגען, געטאָטשעט, ווי אַ וואָרעם וואָלט אין אים געזעסן. אויך איז אים נישט אַרויס פון זינען זיין טעכטערלס צעפּלאָמט פּנימל, ווען זי האָט זיך פאַר־טרויט פאַר אים, אַז זי איז נישט געזונט און ער האָט איר נישט געוואָלט גלייבן, געשריגן אויף איר, זיך געבייזערט און זי גע־לאָזט אַרומדרייען מיט דער קרענק. ער זעט כסדר דער טאָכ־טערס אויגן, זיי קוקן אויף אים מידע און שלאָפע צוליב דער גרויסער שרפהדיקער היץ, וואָס האָט אַרומגענומען איר קינ־דעריש גופל, זיי קוקן צו אים פון ים אַרויס, ווו איר קינדעריש גופל רוט שוין אַ צייט לאַנג. ער הערט איצט דייטלעך און קלאָר דעם שטילן פּליוסק אין וואסער, פּונקט ווי דעמאָלט, בעת מען האָט די טאָכטער אַראָפּגעלאָזט אין ים אריין. וואָס האָט דאָס קינד געהאַט אין לעבן? קיין שום פרייד האָט דאָס קינד נאָך נישט דערלעבט ביי אים און עס איז שוין אַזוי יונג פאַר־שניטן געוואָרן פון דער וועלט. אַז ער קוקט אויפן ים, הערט ער כסדר דעם פּליוסק, מעג דער ים ווי שטיל זיין. אָבער ער האָט שוין מער נישט מורא פאַרן ים, ווי ער האָט מורא געהאַט פאַר אים פון אָנהויב פון דער נסיעה. פון אָנהויב נסיעה, בשעת אַלע פלעגן זיך לערנען אָנצוטון די רעטונגס־פּאַסן, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן, נישט געוואָלט זיך אפילו צורירן צו דעם,

אַנטלאָפֿן ווי ווייט ער האָט געקענט. אָבער היינט אַרט עס אים שוין אינגאַנצן מער נישט. ס'איז פֿאַר אים אַ שפּיל, פּונקט ווי פֿאַר די קינדער. ער קוקט גלייכגילטיק אויף דעם רעטונגס־שיפֿל, באַהאַלט זיך שוין מער נישט און מען דאַרף אים מער נישט רופֿן און זוכן.

ער קוקט אויפֿן ים, וואָס גיסט זיך אַזוי זאַט און שלווהדיק, וועלבט קוים די וואַסערן, וואָס האָבן אַלערליי קאָלירן פֿונם רעגנבויגן. דאָ איז דער ים גרין, דאָ בלוי, מיניעט זיך אין דער זון, ווי פּערלמוטער. ער פֿאַרגעסט אינגאַנצן, אַז ס'איז דער ים, פֿאַרגעסט אינגאַנצן, וווּ ער געפֿינט זיך. ער איז ביי דער ווייסל אין גער, ער גייט מיט זיין ווייב שפּאַצירן... ס'איז נישט דאָס ווייב, ס'איז זיין כּלה... זיין ווייבס צעווירן־געשוואָ־לענע פֿיגור ווערט שמעלער, שמעלער, זי איז שוין אַזוי דין, אַז ער קאָן זי אַרומנעמען מיט די פֿינגער, ווי ער האָט עס געקאָנט טון, ווען זי איז נאָך זיין כּלה געווען... זיין ווייב איז צוריק דאָס יונגע, דינע מיידל מיט די לאַנגע צעפּ, פֿאַרוויקלט אַרום דעם קאָפּ, ווי די פֿלעגט ביי אַ קוילעטש. די ווייסל צינדט זיך אין דער זון, ליגט אויסגעגאָסן גלאַטיק און פֿלאַך, טיקט זיך, ווי אַ בלעכערנער דאַך, צווישן דעם געדיכטן גרינס פֿון די גערטנער און פֿעלדער. די סעדער אַרום דער ווייסל שמעקן, שפּרייטן אַרום זיך אַן אַנגעקוואָלן־ווייניקן ריח... ער איז אַ קליין יינגל, לויפֿט מיט אַ חבֿרה חדר־יינגלעך אין אַ הייסן תּמוז־טאָג זיך באָדן צו דער ווייסל, כאָטש ס'איז זייער ווייט. ס'ציט זיי, די חדר־יינגלעך, זיך דווקא צו לויפֿן באָדן אין דער ווייסל, ס'דאַכט זיך זיי, אַז זיי טוען אָפּ דערמיט עפּעס אַ גרוי־סע העלדישקייט. זיי לויפֿן איבערגעגנומענע און צעפֿלאַמטע בסוד־סודות, קיינער זאָל נישט געוווּיער ווערן און חלילה נישט די טאַטעס, וואָס וואָלטן זיי אָנגעבראָכן דערפֿאַר די ביינער. ער וואַרפֿט זיך אַריין אין וואַסער, וואָס צעשפּריצט זיך אין דריבנע גלעזערנע קייקעלעך אַרום זיין יינגלעריש לייב, קילט אָנגענעם און פּייטשט אַזוי מחיהדיק, ווי כּמעט אַן אַ שיעור זיל־

צווישן הימל און וואסער

בערנע קאַנטשיקלעך... ער שווימט נאַזלדיק, זעט איבער זיך דעם ריינעם בלויען הימל... דאָס וואַסער דערפרישט, טוט אריין אַ נײַ חיות, איז אַזוי מחיהדיק... ווי דער ים אַרום אים... ער דרייט זיך ביי די רעטונגס־שיפלעך, דאָרט, וו ס'איז נישטאָ קיין שום צוים און נאָך איין טריט און דאָס וואַסער וועט אַרומנעמען זיין ליב, זיך צעשפּריצן אַרום אים אין אַ זיל־בערנעם שטויב, פּונקט ווי די ווייסל. ער וועט צוריק ווערן אַ קינד און ס'וועט אים צוריק ווערן אַזוי לייכט, אַזוי מחיהדיק לייכט...

פּאַביאַש כאַפּט זיך אויף מיטאַמאָל און עס באַפּאַלט אים אַ שרעק. ער שטייט אויפן ראַנד פון שיף, ס'פעלט בלויז איין אומפאָרזיכטיקער בייג. ער זאָל אַריינפאַלן אין ים. ער באַ־קומט אויף זיך אַליין גרויס רחמנות. דאָס אייגענע אויסגע־דאַרטע ליב, אויף וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל נישט אומ־געקוקט, ווערט אים פּלוצים ליב און טייער. ס'פאַרקלעמט אים אַזש ביים האַרץ. אין קאָפּ הייבט אים אָן צו שווינדלען און ס'נעמט אים אַרום אַזאַ מורא, אַז ער שרייט אויף. אָבער קיי־נער הערט נישט זיין געשריי, אַרום אים איז ליידיק, קיין מענטש זעט מען נישט. בלויז דער ים וועלבט זיך ווייטער אַזוי אומשולדיק און לייכט. ער כאַפּט שנעל אַוועק דעם קאָפּ פון ים, ווייל ער פילט, אַז עפּעס אַ כוח ציט אים דווקא צו אים. ער לויפט גיך אַוועק פון דאַנען, לויפט הענדום־פענדום צוריק דאָרט אַהין, וו ס'זענען דאָ פיל מענטשן און ער מישט זיך אוים מיט זיי, טוליעט זיך וואָס נענטער צו זיי צו. זיינע קליי־נע אייגעלעך לויפן אַרום מבולבלדיק אַהין און צוריק און די בערשטלדיקע באָרד, וואָס איז אים פּלוצים אַזוי גרויס אָנגע־וואַקסן, סטאַרטשעט אָפּ פון זיין פּנים פרעמד און שטעכיק און האָט אַ זשאַווערדיק־רויטלעכן קאָליר אין סאַמע מיטן. ביז איצט האָט מען ווייניק באַמערקט ביי אים די פרעמדע האַרט־אָנגעוואַקסענע באָרד, נאָר אין דער רגע איז זי געווען אַזוי שטאַרק קענטיק, אַ זי האָט זיך געוואָרפן יעדן איינעם אין די

אויגן אַריין. מען האָט זיך אָפּגערוקט פון אים און דער עיקר פון דער באָרד, וואָס האָט אַזוי משונהדיק־פרעמד אויסגעזען, ווי זי וואָלט אָנגעוואַקסן ביי אים איבער איין נאַכט...

פאַביאַש האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די מענטשן, פלוצים באַמערקט, ווי ר׳ לייזער לערנט פון אַ ספר אַרוים. ער האָט זיך צוגעזעצט צו אים. ר׳ לייזער האָט נישט איבערגע־ריסן דאָס לערנען, כאָטש ער האָט באַמערקט, ווי פאַביאַש האָט זיך צו אים צוגעזעצט. ער האָט זיך בלויז אָפּגערוקט אַביסל, געמאַכט אַן אָרט פאַר זיינעטוועגן, שטום אָנגעוויזן אים, ווו ער האַלט און פונקט ווי ער האָט פריער אַליין געלערנט, זיך אויסגעשמועסט מיט זיך אַליין, אַזוי האָט ער איצט אַריינגע־רעדט אין פאַביאַשן, געלערנט מיט אים.

פאַביאַש האָט זיך געוואָלט פאַרטיפן אין לערנען, אָבער גאָרנישט האָט זיך צו אים געקלעפּט, גאָרנישט איז אים גע־קראָכן אין קאָפּ אַריין. ער האָט זיך שטיל אָוועקגעשאַרט פון ר׳ לייזערן. זיין אָרט איז געבליבן ליידיק, ר׳ לייזער האָט זיך נישט צוריק אַוועקגעזעצט דערויף, ווי ער וואָלט אַלץ געוואַרט, אַז פאַביאַש וועט זיך מישב זיין און וועט צוריק קומען... פאַ־ביאַש איז אַראָפּגעלאָפן צום ווייב אין דער קאַבינע אַריין, און דאָס ערשטע מאָל זינט דאָס אומגליק האָט פּאַסירט מיט אירע פיס, האָט ער זי געפרעגט, צי זי וויל אַרויף אַביסל אויפן דעק, ווו ס׳איז נישט אַזוי דושנע, ווי דאָ אונטן. ער וועט רופן ווע־מען און מען וועט זי אַרויפנעמען. אָבער דאָס ווייב האָט אים נישט געענטפערט, נישט אויסגעדרייט אפילו דעם קאָפּ צו אים.

איינער אַליין איז פאַביאַש צוריק אַרויף מיט די געדרייטע טונקעלע שטיגעלעך. אין קאָפּ איז אים געשטאַנען אַ נעפּל. און בלויז איינצלנע געדאַנקען האָבן דורכגעריסן דעם נעפּל, גע־פרעגט פאַרוואָס די מענטשן פילן גאָרנישט, וואָס אין אים טוט זיך אַלץ אָפּ... פאַרוואָס פרווט קיינער נישט אים צוטו־ליען צו זיך? קיינער וויל אים נישט ראַטעווען... אים אָפּ־האַלטן פון דעם, וואָס ער וועט אַ ליאַדע רגע אָפּטון... דאָס

האָט אים זייער געפייניקט, זייער ווי געטון. ער זעט, אַז ס'איז שוין אַלץ פאַרפאַלן. ער האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט און ס'איז שוין שווער זיך צוריק אַרויסצופּלאָנטערן. אָבער קיינער העלפט אים נישט. קיינער פילט נישט, ווי שלעכט אים איז. פאַרוואָס שטויסן אים אַלע נאָך אַלץ אָפּ פון זיך... ביז צו דער לעצטער רגע זענען די מענטשן געבליבן שלעכט צו אים...

אין קאָפּ איז אים אַלץ געשטאַנען אַ נעפּל, ער האָט נישט געקענט פון דעם פּטור ווערן. ער האָט נישט געזען, ווו ער גייט, נישט געפילט, וואָס ער טוט. פּלוצים האָט ער דערפילט אַ קעלט אין די ביינער, זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז ער שטייט שוין ווייטער לעבן די רעטונגס־שיפלעך, דאָרט, ווו ס'איז נישטאָ קיין שום צוים. עפּעס אַ כוח שלעפּט אים כסדר צו דעם אָרט. נאָך איין טריט בלויז און ער וועט דערפילן דאָס זון־באַגאָסענע וואַסער אַרום זיין לייב, ווי יינגלווייז, ווען ער האָט זיך געבאָדן אין דער ווייסל. ס'וועט אים צוריק ווערן אַזוי גרינג, אַזוי לייכט, אַ שווערע משא וועט מיטאַמאָל אַראָפּ פון אים...

XI

א גאַנצע נאַכט האָט זיך די פרוי פּאַביאַש געדרייט אויפן געלעגער, נישט געקאָנט צוטון קיין אויג. דער שלאָף האָט זיך פון איר אָפּגעטון. זי האָט זיך כסדר צוגעהאָרכט צו דעם מינדסטן שאָרך, צו דעם מינדסטן סקריפּ, וואָס איז געקומען פון די טרעפּלעך, געוואַרט אַלץ, אַז דער מאַן זאָל אַריינקומען. זי האָט כסדר אין דער פינסטערניש געפּילט, אַז דאָס אָרט, ווו דער מאַן איז געשלאָפן, איז ליידיק, קיינער ליגט נישט דאָרט. אַרום איז געווען שטיל. אַ שווערער, געזאַלצענער, זויער־עפּוש־דיקער ריח איז געשטאַנען אין חלל פון די פיל שלאָפנדיקע לייבער. אַז מען האָט נישט געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן. פון אַ ווינקל האָט זיך געטראָגן אַ כראָפּען און אַ פּייפן און פון אַ ווייטער קאַבינע ערגעץ האָט קוים אַהער אַריינגעדרונגען דאָס אומעטיק־אויסגעצויגענע געזאַנג פון די מאַטראָזן.

די פרוי פּאַביאַש האָט זיך איינגעהערט אין דער פינסטערניש, זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער. זי האָט איצט דייטלעך געהערט, ווי די שיף באַוועגט זיך, רודערט מיט אירע אַלע אברים, בורטשעט און קלאַפּט מיטן אייזערנעם געווערק, אָטעמט, ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש און שניידט שווער און האַמעטנע די וואַסערן. די מורא האָט זי נישט אָפּ־געלאָזט. דאָס ליידיקע אָרט פונם מאַן האָט איר נישט געגעבן קיין רו, געשראָקן אַלעמאָל מער. זי האָט געוואָלט גיין זוכן דעם מאַן, זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער, זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי זי וואָלט דערוואַרט פון ערגעץ הילף און גע־פּרוווט אַראָפּשטעלן די פיס. אָבער די פיס זענען ביי איר איצט געווען אַזוי שטייף ווי די קלעצער און אַ שאַרפער ווייטיק האָט

זי אַרומגענומען, זיך צעגאַנגען איבערן גאַנצן לייב, צוגענומען ביי איר דאָס לעצטע ביסל כוחות. זי איז צוריק אַוועקגעפאַלן אויפן געלעגער, אַ באַגאָסענע פון אַנגסטן. בלית ברירה האָט זי אָנגעהויבן רופן די מענטשן אַרום זיך, געוועקט זיי פון שלאָף. אָבער די מענטשן זענען געווען פאַרזונקען אין אַזאַ האַרטן און שווערן שלאָף, אַז קיינער האָט נישט געהערט איר רופן. טיילמאָל בלויז איז ווער אויפגעקומען אויף אַ רגע, גע־פּרעגט זי עפּעס, געגרעדט עפּעס פונם וועג און באַלד צוריק איינגעשלאָפן.

די פרוי פּאַביאַש האָט זיך גענומען איינרעדן, אַז אַלץ איז אַ בייז אויסדוכטעניש, אַ שלעכטער חלום, דער מאַן שלאָפט אויף זיין אָרט און ס'איז גאָרנישט געשען. זי האָט מיט אַ שוואַך קול גערופן דעם מאַן, אָבער קיינער האָט איר נישט געענטפערט. זי האָט געוואַרט אויפן טאָג, זיך איינגע־רעדט, אַז זי וועט דעם מאַן טרעפן אויף זיין געלעגער, ווי קיינמאָל גאָרנישט. און ווען דער פרימאָרגן איז פּאַוואָליע און שלעפּריק אַריין אין דער קאַבינע, האָט זי זיך מורא געהאַט אויסצודרייען צו דעם ליידיקן בעטל פונם מאַן, שוין געווען איינגאַנצן זיכער, אַז דאָרטן ליגט קיינער נישט. זי האָט אַרויס־געלאָזט אַ געוואַלד, אויפגעריסן יעדן פון שלאָף. קיינער האָט נישט געוווסט וואָס עס איז געשען און זי האָט גאָרנישט גע־זאָגט, בלויז שטום אָנגעוויזן אויף דעם ליידיקן בעטל פונם מאַן. דערנאָך האָט זי אָנגעוויזן אויף דער טיר, וואָס איז אַלעמאָל געשטאַנען אויפגעלעגט, כדי ס'זאָל נישט זיין קיין שום מניעה, טאָמער וועט מיט דער שיף זיך חלילה טרעפן עפּעס אַן אומגליק און מען וועט דאַרפן אַרויפלויפן אויפן דעק. די אָפענע טיר איז געווען ווי אַ שלעכט אָנזאָגעניש און אַנ־געוואָרפן אויף אַלעמען אַן אומהיימלעכקייט און אַ מורא, ווי עפּעס אַ פרעמדער בייזער שומר וואָלט דאָ כסדר געוואַכט. מער פון יעדן האָט פּאַביאַש פאַר דער אויפגעלענטער טיר מורא געהאַט, דווקא זי געוואָלט פאַרמאַכן און נישט איין

אַרומרייסעניש איז צוליב דעם מיט אים פּאַרגעקומען.

אַלע זענען געווען פאַרשלאָפן און בשום-אופן נישט פאַר־שטאַנען, וואָס די פרוי פּאַביאַש ווייזט אָן אויף דער טיר און אויפן ליידיקן בעטל פונם מאַן. אָבער מיטאַמאָל איז אַלעמען אַלץ קלאָר געוואָרן און דער שלאָף איז פון יעדן אַוועק. אָנ־שטאָט דעם שלאָף איז פּלוצים געקומען אַ ניכטערקייט און אַ קלאָרקייט, ווי מ׳וואָלט יעדן באַזונדער אָפּגעגאָסן מיט אַ שעפּל קאַלט וואַסער. אַ קעלט איז אַזש דורך די ביינער אַדורך.

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן צו דער פרוי פּאַביאַש מיט אַ וואָרט, נישט געקוקט אין איר זייט אַריין, כדי נישט צו געבן צו דערקענען גאָרנישט אין זיך. שטילערהייט און מיט זייטיקע גיכע טריט האָט מען זיך צוביסלעך אַרויסגעשאַרט פון דער קאַבינע.

אַ גאַנץ גייענדיקן טאָג האָבן די יידן אַרומגעזוכט פּאַביאַשן, גערופן אים ביים נאָמען, אפשר וועט ער דערהערן, געניש־טערט ווו נאָר אַ ווינקל, ווו נאָר אַן אָרט, געקוקט אונטער די קאַסטנס, אונטער דער פּלאַנדעקע, ווי ס׳וואָלט מעגלעך געווען ער זאָל ליגן דאָרטן באַהאַלטן — אָבער אומזיסט. מען האָט אפילו אַלעמאָל אַ קוק געטון צום ים, ווי מען וואָלט זיך גע־ריכט אים דאָרטן צו דערזען. אָבער דער ים איז געלעגן אומ־שולדיק און שטיל, געהאַלטן די זון אין דער שוים, זיך גע־שפּילט מיט איר אין באַהעלטעלעך און פון גאָרנישט געוווסט צו דערציילן. קיין שום סימן האָט מען פון פּאַביאַשן אינערגעץ נישט געפונען. ער איז פאַרשוווּנדן און נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין שום זכר.

באָטש אַלע האָבן פאַרשטאַנען, וואָס מיט פּאַביאַשן איז געשען, אַז ס׳איז אַן עבירה די טרחה, האָט מען פונדעסט־וועגן דעם אָפּן נישט גערעדט, געהאַלטן אים שווייגנדיק אין איין אַרומזוכן, ווי מ׳וואָלט זיך אַלץ געריכט, אַז מען וועט אים סוף-כל־סוף געפינען. צום ווייב אין דער קאַבינע אַריין איז קיינער נישט געגאַנגען, נישט געוווסט וואָס איר צו

צווישן הימל און וואַסער

זאָגן. און וואָס האָט מען איר געקענט מ'שטיינס געזאָגט שוין זאָגן, וואָס פאַר אַ בשורה האָט מען איר געקענט שוין ברענגען? קיינער האָט נישט געוואָלט זיין דער אָנזאָגער פון דער בשורה־רעה, יעדערער האָט אַלץ געוואַרט דער אַנדערער זאָל זיך פעדערן און איר אַראָפּגיין עפּעס אַ טרייסט ברענגען. מען האָט נאָך אַלץ געוואַרט: אפשר... אפשר וועט נאָך געשען עפּעס אַ נס... וואָס־זשע דאַרף מען שוין לויפן און אָנטון דער יידענע אומזיסט און אומנישט צער? וואָס איז דאָס געאייל? קיינער האָט נישט געוואָלט די האָפנונג פאַרלירן, מען האָט זיך אַלץ איינגערעדט, אַז סוף־כל־סוף וועט זיך פּאַביאַש באַווייזן. ער וועט אַרויסקומען פון עפּעס אַ ווינקל און פרעגן:

— וואָס איז געשען, יידן?... האַ?...

אָבער פּאַביאַש איז פון קיין שום ווינקל נישט אַרויסגעקומען און ער האָט יעדן זייער געפעלט. שוין נישט איין אומגליק איז אויף דער שיף פאָרגעקומען, שוין נישט איין מענטש איז אין מיטן העלן טאָג אַוועקגעריסן געוואָרן, אָבער קיינער האָט נישט געפעלט אַזוי שטאַרק ווי פּאַביאַש. מען איז שוין אַזוי שטאַרק צוגעוווינט געוואָרן צו אים. פּונקט ווי מען איז צוגעוווינט געוואָרן פון אָנהויב נסיעה צו זיינע ליאַרמען און געשרייען, אַזוי איז מען צוגעוווינט געוואָרן שפּעטער צו זיין שטיל־שווייגן, צו זיין גריזשען זיך אַליין און צו זיין מישן זיך צו גאָרנישט. זיין מישן זיך צו גאָרנישט, זיין גריזשען זיך אַליין איז געווען איין שטיק געשריי, וואָס האָט געמאָנט, געפאָדערט ביי אַלעמען חשבון. ביי אַזאַ אומגליק, ווי איצט, וואָלט דאָך פּאַביאַש זיכער בייגעווען און ער וואָלט יעדן אייגעם געשטאָכן:

— נו, כ'האָב נישט געוווּסט, אַז אַזוי וועט זיין דער סוף...

— וואָלט ער יעדן געשטאָכן — כ'האָב אַלץ פון פריער אויס געוווּסט... מיר אַלע זענען שוין פאַרמשפּט... אונזער גורל איז שוין געחתמעט...

נאָך אַ גאַנץ־גייענדיקן טאָג אַרומזוכן פּאַביאַשן זענען די

יידן ביינאַכט אַראָפּ אין די קאַבינעס אַריין. דאָס איינציקע לעמפּל אין לאַנגן און שמאָלן קאָרידאָר, וווּ ס'איז געשטאַנען אַ טוכלער, דומפּיק־הייסער ריח, האָט געברענט צוגעטונקלט און שוואַרץ, ווי אין טרויער נאָך עמעצן און די טיר פון פּאַביאַשעס קאַבינע איז געשטאַנען ברייט־צעפּראַלט, ווי ס'וואָלט זיך ווער פון דאַנען מיט געוואַלט אַרויסגעריסן... די פרוי פּאַביאַש איז דאָ איינע אַליין געזעסן אויפן ראַנד פון אַ פרעמד בעטל. מיטן לעצטן ביסל כוחות האָט זי זיך אַפּנים אַליין אַראָפּגעגליטשט פון איר בעט, אָבער די פּיס האָבן זי נישט געטראָגן, ווען זי האָט זיך נישט געהאַט אויף קיינעם אָנצושפּאַרן און זי איז אַוועקגעפאַלן. מען האָט זי געוואָלט טרייסטן, אויסטראַכטן עפּעס אַ תירוץ, אָבער אַז מען האָט זיך אָנגעטראָפן מיט אירע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אַזוי דורכדרינגלעך און טיף, מיט אַזאַ קאַלטער מיושבדיקער ניכטערקייט, איז ביי יעדן אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. אפילו די פרוי האָדעס, וואָס איז געווען אַ גאַנצער קאַזאַק, געזאָגט יעדן איינעם דעם אמת אין די אויגן אַריין, זיך שטענדיק אין לעבן אַן עצה געגעבן — אפילו זי האָט נישט געקענט דאָס מויל עפענען און די צונג האָט זיך ביי איר נישט געליגט, ווען זי האָט זיך אָנגעטראָפן מיט דער פרוי פּאַביאַשעס אויגן. זי האָט אפילו שוין געהאַט אַ פאַרטיקן ליגן, אָנגעטון אַ שמייכעלע אויפן אָפּענעם פּנים אירן, אָבער דער ליגן איז ביי איר שטעקן געבליבן אין האַלז און דאָס שמייכעלע איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף איר פּנים, בעת זי האָט דערזען דער פרוי פּאַביאַשעס אויגן, וואָס האָבן געקוקט מיט אַזאַ אכזריותדיקער קעלט און געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך נישט באַמיען און פאַרהוילן פאַר איר דעם אמת. ס'איז אַרויסגעוואָרפן די אַרבעט, זי ווייסט שוין אַלץ... זי האָט בלויז שטום מיט די אויגן אָנגעוויזן אויף איר מעמד, געבעטן מען זאָל זי אַרויפנעמען אביסל אין דער הויך, אויפן דעק.

אָבער מען האָט דאָס נישט געוואָלט טון, זיך נישט וויסנ־

דיק געמאַכט און איר דעם אמת נישט דערציילט. אַז מען איז נאָך אַליין נישט זיכער געווען, געהאַט אַליז אַ שטיקל האָפנונג, זיך געהאַלטן אין איין איינרעדן, אַז די גאַנצע מעשה איז נישט אמת, ס'איז נאָך ווייט פון צו זיין וואָר...

שווער האָבן זיך די יידן אַוועקגעזעצט לעבן דער פרוי פּאַביאַש, געקוקט שטאַר פאַר זיך און ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו רעדן וועגן זייטיקע זאַכן, כדי אַרויסצושלאָגן פון זכרון פּאַביאַשן. מען וואָלט נאָך זיכער געקענט אים ראַטעווען, ווען מען קוקט זיך אַביסל מער אויף אים אום... דער געדאַנק האָט גענאָגט אין האַרצן, געשווערט דאָס געמיט. נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין איין רגע. מען האָט גערעדט פאַרשידנס — גערעדט וועגן דער היים, וואָס איז אַזוי חרוב ונחרב געוואָרן, גערעדט וועגן דעם סוף, וואָס פיל שונאי־ישראל האָבן אייגנגענומען טאָקע פון זייער רבין אַליין, פון היטלערן ימח-שמו און, אַז סוף־כל־סוף וועט היטלער האָבן דעם זעלבן גורל פונקט ווי די אַלע המנס, וואָס האָבן געוואָלט די יידן פאַרטיליקן און אונטערברענגען... מען האָט גערעדט אַזוי לאַנג, ביז מען איז אַרויפגעקומען אויף דעם לאַנד, ווו מען פאָרט איצט.

בראָניע פעלדבוים האָט געזאָגט, אַז זי וועט זיך אין דעם נייעם לאַנד אויפמאַכן אַ „קאָנדיטעריי". זי איז צו דעם זייער ספּריטנע. זי האָט פול מיט לעבן אַ בלישטש געטון מיט אירע שוואַרצע אויגן, אויסגעשטרעקט דעם פולן ווייבעריש־ווייסן האַלז און געזאָגט, אַז זי וועט שטענדיק האָבן אַ פול געוועלב מיט „קונדן", זי ווייסט ווי אַזוי צו נעמען די יונגעלייט, ווי צו פאַרדרייען דעם קאָפּ די „נאַרישע מענער". בשום־אופן וועט זי נישט פאָרן אויפן לאַנד, ווו זי זאָל ווייטער דאַרפן לעבן צווישן פויערן און אָפּפינסטערן איר ביסל יאָרן. אָבער דער מאַן אירער, מאַרקוס, וואָס האָט בטבע שטענדיק געשוויגן, האָט איר נישט געלאָזט ענדיקן און איר פלוצים איבערגעשלאָגן:

— און עך וועל פאָרן אויפן לאַנד!... זאַ וואַר עך לעבן!...

— האָט ער זיך זייער געבייזערט און זיינע גרויסע מוטנע אויגן האָבן ערגעץ ווייט געבלאָנדזשעט און זענען אינגאַנצן גרין געוואָרן, דערמאָנט אין די אוקראַינישע פעלדער, פון וואַנען ער קומט — עך וועל פאָרן אַרבעטן אויף ערד! עך וועל מיר נישט לאָזן פאַרדרייען פון קיינעם דעם קאָפּ!

מער האָט ער נישט געזאָגט, נישט געקענט מער אַרויסברענגען פון זיך. שטענדיק אַ רואיקער, אַ שטומפּיק־האַמעטנער, אַ מענטש אָ אַ גאַל, איז אים דאָס בייזערן זיך זייער שווער אָנגעקומען און ער האָט מער ווי אַ פּאָר ווערטער קיינמאָל נישט געקענט צוזאַמענשלעפּן. איצט, אַז ער האָט גערעדט וועגן ערד און דאָס ווייב האָט אים געשטערט, אין זינען געהאַט ווייטער נישט צו לאָזן אים טון, וואָס ער וויל, געמאַכט פון אים חוכא וטלולא, האָט ער פון צופיל גערעכטיקייט און פון צופיל איבערנעמען זיך שוין אינגאַנצן נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן, ווי זיך אַליין רעכטצופאַרטיקן אין אַלעמענס אויגן.

אָבער ער האָט זיך נישט געדאַרפט פאַר קיינעם רעכטפאַרטיקן, ווייל אַלע האָבן אים פאַרשטאַנען. ראַכמאַן האָט אים באַלד געגעבן גערעכט און זיך געוווּנטשן, הלוואי ער אַליין וואָלט געהאַט אַ שטיקל ידיעה אין אַזעלכע זאַכן, ווי ער וואָלט ביי קיינעם קיין שום שאלות נישט געפרעגט און געכאַפּט און געלאָפן אויפן דאָרף. אים בלייבט אָבער נישט עפּעס אַנדערש וואָס צו טון, ווי זיך ווייטער צו נעמען צור מסחר...

בעת די יידן האָבן צווישן זיך געשמועסט, אויסגערעכנט צו וואָס זיי וועלן זיך אַלץ נעמען אין דעם נייעם לאַנד, האָט פלוצים די פרוי פּאַביאַש אַ לאַנגן זיפץ געטון:

— אוי וויי איז מיר געשען... — האָט זי זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אין די אַלע צרות, וואָס זי מוז אַלץ אַליין איבערטראָגן — פאַרוואָס קומט דאָס אַלץ מי־ר־יר, רבונו־של־עולם? פאַרוואָ־אַ־אָס?... זאָג!... וואָס בין יעך מער זינדיק פון אַנדערע?... ס'איז צופיל פאַר אַזאַ קראַנקער צעבראָכענער יידענע,

צווישן הימל און וואסער

זוי יעך בין! ס'איז צופיל פאר איין מענטש... טאטע געטרייער אין הימל...

און די יידענע, וואס האט די גאנצע צייט געשוויגן, האט זיך פלוצים צעיאמערט זייער לאנג און אויסגעצויגן־שטיל. עס האט זיך געדאכט, אז די אלע טרערן, וואס זי האט כסדר גע־שטיקט אין זיך, האבן זיך איצט פלוצים פון איר א גאס געטון.

עס איז מיטאמאל געווארן שטיל, ביי אלע איז אפגענומען געווארן דאס לשון. מען האט בלויז געהערט ווי אינעווייניק, אין די געדערים פון דער שיף, ארבעט עפעס, רוישט, און ווי די פרוי פאביאש ווײנט שטיל און איינגעהאלטן־אויסגעצויגן, הזרט זיך איין כסדר איין-און־דעמזעלבן ניגון. די יידן האבן זיך פארשעמט פאר זיך אליין; זיך פארשעמט פאר די רייד, וואס זיי האבן ערשט צוזאמענגעפלוידערט. זיי האבן זיך גע־פילט שולדיק, זיך איינגעקורטשעט, איינגעהויקערט.

אבער די יידענע האט מער נישט אפגעלאזט, זיך אפגענג־מען פאר דער גאנצער צייט שטיל־זיין. אלץ האט זיך ביי איר צוזאמענגעקליבן אין איין ווייטיקדיקן קנופ, וואס האט גע־שטיקט, געזוכט א וועג ארויס. איבער דער גאנצער צייט האט זי וועגן אומגליק, וואס האט געטראפן מיט אירע פיס, נישט גערעדט, נישט דערמאנט וועגן דעם קיין ווארט, ווי ס'וואלט זי אינגאנצן נישט געארט, אבער איצט האט זי אנגעוויזן אויף איר מעמד און געקלאגט און געיאמערט. א שרעק האט זי ארומגעכאפט, דער לעצטער אנהאלט איז ביי איר אוועקגעריסן געווארן און זי איז געבליבן אינגאנצן אליין. עס איז אויסגע־קומען, ווי ערשט איצט וואלט איר קלאר געווארן, אז זי איז א קאליקע, ווי די גאנצע צייט וואלט זי גארנישט געוווסט דערפון. כאטש דער מאן האט זיך נישט אומגעקוקט אויף איר און זי האט צו אים נישט גערעדט, האט זי אבער ערשט איצט, ווען זי האט דערפילט, אז זי איז אינגאנצן אליין, אז

זי האָט מער קיינעם נישט ווער עס זאָל איר עפּעס דערלאַנגען, דערזען איר מעמד.

— וואָס טוט מען?... — האָט זי געוויינט און זיך געשאָקלט אַהין און צוריק, ווי דער אומרו ביי אַ זייגער — וואָס טוט מען?... ווי וועל יעך מיר אַצינד אַן עצה געבן... ווער וועט מיר עפּעס דערלאַנגען?... כ'האָב מורא... כ'האָב זייער מורא!... כ'בין אַ קאַליקע... כ'קען נישט רירן מיט די פיס... זיי זענען ביי מיר אַזוי שווער, ווי די קלעצער... דאָס זענען נישט מיינע פיס!...

אַ גאַנצע נאַכט זענען די יידן ביי איר אין דער קאַבינע אָפּגעזעסן און ערשט ווען עס האָט אָנגעהויבן צו גרויען זענען זיי זיך געגאַנגען אַביסל צולעגן. כאָטש די אויגן האָבן זיך שוין פון מידקייט געקלעפּט און די צעבראָכענע אברים האָבן געלעכצט נאָך אַביסעלע שלאָף, האָט אָבער קיינער נישט געקענט צוטון קיין אויג. די מעשה מיט פּאַביאַשן איז קיינעם נישט אַרויס פון זינען, נישט געלאָזט שלאָפן. דאָס, וואָס פּאַביאַש האָט זיך אַליין אָנגעטון אַ מעשה, האָט זייער געשראָקן, אָנגעוואָרפן אַ מורא. און די יידן זענען ערשט דעמאָלט צו זיך געקומען, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'קען געמאָלט זיין, אַז פּאַביאַש איז גאָר צוליב עפּעס אַ צופאַל אַריינגעפאַלן אין וואַסער אַריין.

אַרויסגעוויזן האָט זיך דאָס פּלוצים, ווען אידע האָט, שפּאַצירנדיק אויפן דעק, געפונען פּאַביאַשעס צעקנייטשטן און אויסגעוועייקטן קאַפּעליוש. געווען איז דאָס נאָך אַ שטורעם, וואָס האָט געשליידערט און געקערט מיט דער שיף, אַז מען איז שוין זיכער געווען: אָט קומט דער סוף. דער שטורעם האָט זיך אָנגעהויבן אַקוראַט דעמאָלט, ווען מ'איז געשטאַנען אין אַ ריי אין דער עס־שטוב און געוואַרט דער קוכער זאָל אויסטיילן דאָס ביסל געקעכץ. פון נעכטן אינדערפרי אָן האָט מען נאָך גאָרנישט געטיילט צו עסן. ווען מ'איז שוין גרייט געווען זיך אַוועקצוזעצן אַרום די טישן, האָט זיך די טיר מיטאַמאָל געטון

אַ פּראַל־אויף מיט אַ קנאַק און זיך אין ווינט גיך אַהין און צוריק געשליידערט, ווי אַן אונטערגעבראָכענער פליגל ביי אַן עוף. דערנאָך האָט זיך די טיר צוריק פאַרהאַקט מיט אַ קנאַל און עס איז ווידער שטיל געבליבן — אַזוי שטיל, ווי קיין זאַך וואָלט נישט פאָרגעקומען.

און מיט דעם האָט זיך עס אָנגעהויבן, ווייל באַלד האָט זיך איינער פון די גרויסע הילצערנע טישן געגעבן אַ ריס פון אָרט, ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש, זיך אַ הויב געטון אין דער הויך און די פאַרזשאַווערט־בלעכערנע טעלער און לעפל האָבן זיך צעקלימפּערט, צעטאַנצט, געפאַלן אויפן דיל מיט אַ בראַזג. כאָטש מ'האָט מיט אַלע כוחות זיך געקלאַמערט אין די טעלער, האָט זיך דאָס עסן אויסגעגאָסן. די שיף האָט זיך אַזאַ שטאַרקן קער געטון אויף איין זייט, אַז מען האָט פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס, געפאַלן איינער אויפן אַנדערן, זיך געגליטשט אויפן אויסגעגאָסענעם עסן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די וועלט האָט זיך מיטאַמאָל געשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף...

— ס'הייבט זיך שוין ווידער אָן!... — האָבן די יידן געקרעכצט — און וואָלט עס כאָטש געברענגט אַ שטיקל רעגן!...

מען האָט זיך קוים צוגעקריגן צו דער טיר, אָבער זי איז געווען פאַרהאַקט, עפּעס אַ בייזער כוח האָט זי צוגעהאַלטן מיט אַזאַ עקשנות, אַז מען האָט זי בשום־אופן נישט געקענט אויפרייסן. ווען מען האָט קוים מיט צרות די טיר אויפגעריסן, האָט עס יעדן געגעבן אַ שטופּ צוריק, באַלד אַ שטופּ פאָרויס מיט אַזאַ קראַפט, ווי מען וואָלט אַלעמען מיט געוואַלט אַרויסגעוואָרפן פון דאַנען.

אויפן דעק האָט דער ווינט געשליידערט, רוגזהדיק־אויסגעצויגן געפיפן, אָנגעכאַפּט פון פאָרנט, פון הינטן, געוואָרפן פון די פיס. דאָ האָט דער ווינט אונטערגעשטופּט, אונטערגעיאָגט, און דאָ האָט ער זיך געשטעלט אין וועג, געטריבן אויף צוריק, אַז מען האָט זיך געמוזט רוקן הינטערווייליכץ. עס האָט געקנאַלט, געקנאַקט און די דעק איז געווען פאַרגאָסן מיט

וואסער. מען איז געטרעטן אין קאַלוזשעס. די שיף האָט זיך אַלעמאָל געשטעלט אין דער קרום, געבליבן אַזוי שטעקן נישט אהין און נישט אהער, ווי זי וואָלט אריינגעפאַלן אין אַ תהום און נישט געקענט מער צוריק אַרויס. פון די כוואַליעס האָט געשלאָגן אַ ווייסער, רציחהדיק־הייסער שוים און זיי זענען מיט אַ ווילד רעווען אַזוי גיך געלאָפן, געשפּרונגען איינס איבער ס׳אַנדערע, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט אַלץ צו פאַרציקן, צו מאַכן פון אַלץ אַ תל־עולם. עס האָט נישט אויפגעהערט צו רע־גענען, געדיכטע און קילבלעך־גראָבע שנורן וואסער האָבן זיך געצויגן פון הימל צום ים און פון ים צום הימל, ווי אַ גרויסע אומזעבאַרע האַנט וואָלט ווען פאַרוועבן דעם ליידיקן חלל מיט וואסערדיקע פעדים. עס איז אויסגעקומען: דער הימל, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט וואסער, וויל זיך באַהעפטן מיטן ים אין איין גרויסן מבול, וואָס וועט באַלד אַלץ פאַרפלייצן...

אין די קאָרידאָרן איז שוין געווען אָנגעבראָכן. אַלע זענען געווען חרוב, זיך געוואַקלט ווי שיכור, אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ הינער־פּלעט, געפאַלן פון די פיס. כאָטש מען האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף אַ רעגן, כדי ס׳זאָל אַביסל אָפּפרישן נאָך די היצן, ס׳זאָל שטילן אַביסל דעם דורשט, איז אָבער איצט גאָרנישט איינגעגאַנגען. דער רעגן, וואָס האָט אַזוי מחיהדיק געבייטשט דאָס לייב, האָט געברענגט מיט זיך אַנדערע צרות און מען האָט אין די פריערדיקע באַלד פאַרגעסן.

נאַטאַן האָט געזוכט אידען, אָבער ער האָט זי אינערגעץ נישט געפונען. זי איז אָפּנים, פונקט ווי די איבעריקע, געלעגן אויפן בעטל אין דער קאַבינע, זיך נישט גערירט אַרויס. ס׳האָט אים אָנגעכאַפּט אַן אומרואיקייט. אַלעמאָל, ווען דאָס וואסער האָט געשטורעמט, איז ער געווען מיט איר צוזאַמען, געפילט זי לעבן זיך, אָבער איצט איז זי לעבן אים נישטאָ.

ערשט אַז דער ים האָט זיך צוריק איינגעשטילט, האָט ער זי צופעליק באַגעגנט. אַ בלייכע איז זי געגאַנגען אויפן דעק און בעת ער האָט זיך מיט איר אינגאַנצן אומגעריכט פּנים־אל־פּנים אָנגעטראָפן, האָט אים עפּעס אַ זעץ געטון אין האַרץ און

ער האָט זיך אין דער ערשטער רגע אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טון. פון גרויס פאַרלוירנקייט און גרויס איבערגענומענקייט האָט ער אַ שאָקל געטון צו איר מיטן קאָפּ, זיך באַגריסט מיט איר, ווי שטענדיק ווען מ׳טרעפט פּלוצים אָן אַ באַקאַנט פּנים. באַלד האָט ער זיך אָבער געכאַפּט, ווי נאַריש און קינדעריש ער האָט געהאַנדלט און ער איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן. אידע האָט אים נישט געענטפערט, גלייכגילטיק פאַרבייגעגאַנגען לעבן אים און ער האָט אויפגעכאַפּט דאָס גלייכטע, קוים־אָפּשפּעטנדיקע שמייכעלע אויף איר פּנים. אַפּנים זי האָט אויך באַמערקט זיין נאַרישע האַנדלונג, זיין נאַריש אויפפירעכץ און זי לאַכט פון אים אָפּ...

נאָטאַן איז נאָכגעגאַנגען אידען, געזען ווי זי שפּרייזט אי־בערן דעק, וואָס איז געווען נאָך פּיטש־נאַס און נאָך פריש גע־שמעקט מיט רעגן, געזען ווי זי דרייט אַריין אין דעם שמאָלן דורכגאַנג צווישן די רעטונגס־שיפלעך און אַלעמאָל מער און אַלעמאָל שטאַרקער איז אין אים אויפגעגאַנגען די בענקשאַפט צו איר. ער האָט געפילט, אַז ער קען זיך אָן איר מער נישט באַגיין, ער קען אָן איר מער נישט לעבן.

מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט, אַז אידע האָט זיך אַראָפּגע־בויגן, אויפגעהויבן עפּעס און מיטן גאַנצן קערפּער אירן אַ שטאַרקן ציטער געטון. ער איז צו איר גיך צוגעלאָפן און דער־זען, אַז זי האַלט אין דער האַנט פאַביאַשעס קאַפּעליוש, וואָס איז געווען אַזוי צעקנייטשט און אַזוי דורכגעווייקט, אַז ער האָט אויסגעזען ווי אַ נאַסע אָפּגעקראָכענע שמאַטע.

פון וואַנען דער קאַפּעליוש האָט זיך דאָ פּלוצים גענומען, פון וואַנען דער רעגן האָט אים געבראַנגט צו שלעפּן, האָט קיי־נער זיך נישט געקענט דערקלערן, כאָטש איטלעכער האָט געדרונ־גען און געטייטשט פאַרשידנס. נישט אַנדערש, נאָר דער קאַפּע־ליוש איז געהאַנגען ערגעץ פאַרשטופּט אויף אַ רעטונגס־שיפל און דער רעגן האָט אים פון דאָרט אַראָפּגעשווענקט. כאָטש דער לעבעדיקער סימן פון פאַביאַשן האָט אַנגעוואָרפן אַן אימה, האָט מען זיך מיט אים דערפרייט און ער האָט אָנגעפולט מיט

אַ שטיקל האָפערדיקייט דאָס פאַרביטערטע געמיט. איצט זענען אַלע שוין געווען זיכער, אַז פאַביאַש האָט זיך נישט אָנגעטון קיין מעשה, עס איז פשוט געשען מיט אים עפּעס אַ צופאַל, ער האָט זיך אויסגעגליטשט. דאָס קען מיט יעדן איינעם פּאַסירן...

קיינער האָט נישט געוואָלט אַריינקלערן, נישט געוואָלט פיל אַריינטראַכטן אין דעם. באַלד, ווי ס'האָט נאָר געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז פאַביאַש האָט זיך מן־הסתם אויסגעגליטשט און בשעת־מעשה זיך פאַרטשעפּעט ערגעץ און פאַרלוירן דעם קאַפּעליוש, האָט מען אין דעם אָנגעהויבן צו גלויבן. כאָטש דאָס האָט זיך אפילו נישט געלייגט אַזוי אויפן שכל און מען האָט באַשיינפערלעך געזען, אַז דאָס איז מער נישט ווי עפּעס אַ תירוץ, וואָס דאַרף פאַרשטעלן די אויגן, האָט מען זיך אין דעם אָנגעכאַפּט מיט לייב און לעבן. די פרוי האָדעס האָט געוווסט איצט אפילו צו דערציילן, אַז טאַקע דעמאָלט ביינאַכט, ווען מיט פאַביאַשן האָט נעבעך דאָס אומגליק פּאַסירט, האָט זי געהערט בפירוש עפּעס אַ קול רופן. ביז איצט האָט זי וועגן דעם קיינעם נישט דערציילט, ווייל זי האָט אַליין נישט געוווסט אויף קלאָר, צי דאָס איז בלויז אַ חלום געווען. אָבער איצט ווייסט זי שוין אויף זיכער, אַז דאָס איז קיין שום חלום נישט געווען...

— כ'האָב געהערט וועמען קרעכצן... — האָט די האָדעס דערציילט — כ'האָב געהערט בפירוש וועמען רופן: יידן, ראַטעוועט!... יאַך בין דעמאָלט עפּעס יאָ געווען וואַך און עפּעס נישט און כ'האָב געמיינט, אַז ס'איז בלויז אַ חלום... אָבער דאָס קול האָט ווייטער גערופן, אַלעמאָל שטילער און שטילער, ביז ס'האָט אינגאַנצן אויפגעהערט... געוואַלד, יידן, דאָס קול הער יאַך נאָך אַצינד!... ס'גייט מיר נאָך אַצינדערט נאָך... אַזוי ווי דאָס וואָלט די אותו־רגע געשען... די גאַנצע צייט האָב יאַך וועגן דעם געשוויגן, ווייל כ'האָב נישט געוווסט, צי דאָס איז בלויז אַ בייז אויסדוכטעניש געווען, צי נישט... כ'האָב מיר שטיל געטראַכט, אַז פאַביאַש האָט זיך געמוזט פאַרטשעפּען ערגעץ און אין דער לעצטער רגע האָט ער חרטה געהאַט און גערופן הילף... אָבער אַצינד ווייס יאַך שוין פּעוונע, אַז ער

האט זיך אויסגעגליטשט!... ווען דאס מאלעיר האט מיט אים געטראפן איז געווען נאכט, פינסטער און ער האט זיך איינער אליין אויפן דעק געפארעט... ער האט בלויז איין נישט־אם־טראזשנעם טריט געגעבן! כ'שטעל מיר פאר די יסורים, וואס דער ייד האט נעבעך געמוזט די לעצטע מינוטן איבערלעבן... יאך בין אוים מענטש! ער זאל עם מיר נאר מוחל זיין, האט פאביאש פאר קיין שום ייד געדאכט, אלעמאל געהאט א פינס־טער מזל...

אלע זענען געשטאנען ארום דער פרוי האדעס און זיך צו־געהערט צו אירע רייד. און כאטש די יידן האבן עפעס יא גע־גלויבט אין אירע רייד און עפעס נישט, איז זיי אבער גוט גע־ווען זיך צו איר צוצוהערן.

— אוודאי האט געמוזט אזוי זיין... — האט זיך ווער פון רעדל אנגערופן — א ייד וועט אליין נישט טון אזא זאך... וואו־דען... ס'איז נישט קיין יידישער דרך!

ר' זיינוול ראכמאן האט צוגענומען דעם קאפעליוש, וואס איז געבליבן נאך פאביאשן און אים באהאלטן ביי זיך אין דער וואליזע...

XII

אַז פּאַביאַש איז מער אויף דער שיף נישט געווען און ס'האָט מער קיינער נישט געמאָנט קיין ענטפער, וואָס וועט זיין דער סוף פון אַזאַ לאַנגן שלעפּן זיך אויפן ים, האָט מען זיך פּלוצים, מער ווי ביז איצט, אָנגעהויבן צו שרעקן פאַרן מאָרגן.

מער ווי ביז איצט האָט יעדער איינער געוואָלט וויסן, וואָס וועט זיין דער סוף פון דעם אַלעמען און דער געדאַנק צו גיין צום קאַפּיטאַן און מאָנען ביי אים אַן ענטפער, פאָדערן ביי אים קלאָרע דבורים, האָט געעגבערט, נישט אָפּגעלאָזט.

מען האָט כסדר גערעדט וועגן דעם, זיך מישב געווען, און די פרוי האָדעס, וואָס האָט געזאָגט אויף זיך, אַז זי האָט פיינט הינטער־שיסעלעך, האָט גלייך גענומען איינטענהן מיט בראָניען, אַז ס'וואָלט גאָרנישט געווען קיין קרומע זאַך, זי זאָל גיין צום קאַפּיטאַן און מיט אים פּרוּוון אַ רעד טון. שוין נישט פון היינט אָן האָט די האָדעס געהערט, ווי מען סודעט זיך און מען וויל שיקן בראָניען צום קאַפּיטאַן. נאָר זי האָט פון דעם קיינמאָל נישט געהאַלטן. זי האָט נישט געהאַלטן — נישט פון בראָניען, וואָס איז אין אירע אויגן מער נישט געווען, ווי אַ גרויסע פּלוישערין און נישט פון דער גאַנצער זאַך, וואָס איז געווען ביי איר עפּעס אַ פּוסטע מעשה.

אָבער איצט האָט זי גאָר אַנדערש אָנגעהויבן אויף דעם צו קוקן. די פרוי האָדעס, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שגץ, פאַר אַ מענטש, וואָס גייט שטענדיק מיטן אמת, האָט נישט געקענט ליידן, ווי מען באַלעמוטשעט, ווי מען שעמט זיך און

אַנשטאָט צו קומען מיט אָפֿענע רייד, שושקעט מען זיך אין די ווינקעלעך...

— יאָך בין אַן אָפֿענער איין־און־דרייסיק... אַ פּראָסטער מיכל... — האָט זי געזאָגט אויף זיך — אַזוי ווי עטץ זעט מיך, אַזוי קענט עטץ מיך קויפֿן! צוליב מיין אמת נעבעך האָב יאָך שוין נישט איינמאָל אין לעבן טייער באַצאָלט... כ׳געהער נישט צו די ס׳גאָל מענטשן, וואָס גייען מיט הינטער־שיסעלעך... ביי מיר איז וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג! עטץ ווילט שעכטן דאָס הינדעלע און קיין בלוט זאָל נישט גיין!... ס׳איז אַן עת־צרה און מען טאָר זיך נישט שפּילן אין קיין טשוטשעבאַבקע!...

פֿון בראָניען האָט איצט די האָדעס אָנגעהויבן זייער שטאַרק צו האַלטן, מוחל געווען אפילו אַלע חטאים אירע און זי פֿלוצים אָנגעהויבן צו לויבן אין הימל אַריין:

— אַ וואַרע ליאַלע... אַ בילד־שאָנקייט פֿון אַ ווייבל... אַן אָסאָבע!... — האָט זי געזאָגט אויף איר — מען קען נישט קוקן אין איר פּנים אַריין, ווי אין דער לאַבטיקער זון... מען שמועסט, אַז ביי קירהן דאָרט אין גאַליציע האָבן די דאָקטוירים פֿאַר איר די כּפּרה געקריגן... און אַ מיילעכל האָט זי אויף שרויפֿן... מיט אַזאַ געשליפֿן ציינגל קען מען שוין נישט פֿאַרפֿאַלן ווערן אינ־ערגעץ! מיט איר מלכותדיק פּירעכץ קען זי איינשטיין אין די שענסטע הייזער... נישט נאָר צו אַ קאַפּיטאַן דאָרטן קען מען זי שיקן, נאָר צום קייזער אַליין...

דערהערט אַזעלכע רייד, און נישט פֿון אַבי־וועמען דאָרטן, נאָר טאַקע פֿון דער פֿרוי האָדעס אַליין, האָבן די יידן מער קוראַזש באַקומען און אָנגעהויבן צו קוקן אויף דעם גאַנצן עסק מיט אַנדערע אויגן. און ראָכמאַן האָט אפילו דער פֿרוי האָדעס באַלד אויפֿן אָרט געדענקט געגעבן, איבערגעחזרט אירע ווערטער:

— ס׳איז אַן עת־צרה... — האָט ער געזאָגט, זיך פֿאַר־ענטפֿערט פֿאַר זיך אַליין — און מען טאָר זיך נישט שפּילן אין קיין טשוטשעבאַבקע... און וואָס פֿאַר אַ חטא איז דאָס מ׳שטיינס

געזאָגט, אַז בראָניע זאָל גיין צום קאַפּיטאַן און מיט אים אַ שמועס טון... אַז כ׳זע נישט קיין שום בייז דערין...

די פרוי האָדעס האָט גערעדט מיט בראָניען. זי איז איצט אַזוי שטאַרק נתפּעל געוואָרן פון איר, אַז זי האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און גלייך אין פּנים אַריין זי באַשאָנקען מיט אַזעלכע שבחים, אַז בראָניע האָט זיך פאַרשעמט און זיך געהאַלטן אין איין רויטלען, ווי אַ קליין מיידעלע. בראָניע האָט אינגאַנצן געשיינט, נישט געקענט באַהאַלטן די פרייד. זי האָט געזאָגט, אַז צום קאַפּיטאַן וועט זי גיין, ס׳איז נישט ביי איר קיין שום מעשה — און איידער זי גייט נאָך, האָט זי אים, דעם קאַפּיטאַן, שוין ביי זיך אין די הענט! זי וועט אים שוין מאַכן רעדנדיק. מען קען זיך אויף איר, אויף בראָניען, פאַרלאָזן...

בראָניע איז מיטאַמאָל חשוב געוואָרן ביי זיך אַליין אין די אויגן, נישט געוווסט אויף וועלכער וועלט זי איז און קיינער האָט זיך צו איר נישט געקענט גלייכן. די אַלע, וואָס האָבן פאַר איר אַזאַ קנאַפּן דרך־ארץ אַרויסגעוויזן, זי באַליידיקט, וועלן געוויער ווערן ווער זי איז. זי האָט געפילט די גרויסע אחריות, וואָס מען האָט אויף איר אַרויפגעלייגט. מען האָט זי פון צווישן אַלע איינע אַליין אויסגעקליבן. זי איז פּלוצים אויסגעוואַקסן איבער אַלע, געפילט, אַז אַלע זענען ביי איר אין די הענט, זי קען טון מיט זיי, וואָס נאָר איר געפעלט...

בראָניע האָט זיך גענומען פּוצן, זיך געגרייט צו גיין צום קאַפּיטאַן. זי האָט מיט שטיקלעך פּאַפּיר געמאַכט פאַרשידנערליי לאָקן און לעקעלעך פון אירע קורץ־אָפּגעהאַקטע האָר, אָנגעטון אַ באַנד אויפן קאָפּ און אַזוי פאַרקאָכט געוואָרן אין פּוצן זיך, אין סטראָיען, אַז זי האָט זייער לאַנג באַלעמוטשעט און שיער נישט פאַרגעסן אין דער גרויסער אחריות, וואָס מען האָט אויף איר אַרויפגעלייגט. זי האָט כסדר אַרומפּאַראַדירט אויף דער שיף, אַן אויסגעסטראָצלטע אין אירע שמאַטקעס, פאַרקלונגען מיט איר פּויליש, און בשעת ראָכמאַן האָט זיך אָנגערופן צו איר מיט עפּעס אַ וואָרט, האָט זי געמאַכט צו אים אַזעלכע הנדלעך, אַז דער ייד האָט אָװעקגעכאַפּט דעם קאָפּ, זיך באַ־

גראָבן פאַר חרפּה. ווען די יידן האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי זיך געוויצלט מיט ראַכמאַנען:

— אַפּנים, איר געפעלט איר, ר' זיינוול... — האָבן זיך די יידן מיט אים געוויצלט — וואָס איז זיך דאָ וואָס צו שעמען? איר זענט אַ ייד, אַ הדרת־פּנים, און די ווייבלעך גייען אויס נאָך אייער טריט...

פון קאַפּיטאַן איז בראָניע צוריקגעקומען מיט אַ גרויסן סוד, וואָס נישט פאַר אַ ליאַדע וועמען האָט זי אים געוואָלט פאַרטרויען. זי איז צוריקגעקומען אַ שיינענדיקע, אַ פרייליכע — דער קאָפּ האָט אויף איר געלאַכט. אירע גלאַנציק־שוואַרצע אויגן זענען איבערגעגאַנגען פון פרייד צוליב דעם סוד, וואָס זיי אַליין בלויז ווייסן פון אים. מיט אַ ליאַדע וועמען האָט זי נישט געוואָלט רעדן, אַ ליאַדע וועמען האָט זי נישט געוואָלט דערציילן, וואָס פאַר אַ גרויסע זאַכן זי האָט אַלץ ביים קאַפּיטאַן אויפגעטון. מען האָט זי געמוזט פאַרשן, צ׳יען ביי דער צונג. זי האָט דעם סוד געהאַלטן אין זיך, גערעדט בלויז מיט רמזים און אָנצוהערענישן און עס האָט לאַנג געדויערט, ביז מען האָט עפּעס פון איר אַרויסגעקריגן. נאָך אַלע פאַר ווערטער, וואָס מען האָט קוים מיט לייד פון איר אַרויסגעשלעפּט, האָט זי איבערגעחזרט דעם זעלבן פּזמון:

— אויך מיר אַ קאַפּיטאַן מ׳שטיינס געזאָגט! — האָט זי פול מיט ברען אַ ווונק געטון מיט אירע אויגן — אַז אַלעם דופט זיך קאַפּיטאַן! דער קאַפּיטאַן האָט נאָך זיכער קיין פרוי פאַר די אויגן נישט געזען, אַז נישט וואָלט ער נישט רויט געוואָרן יעדעס מאָל, ווי אַ סמאַרקאַטש, ווי אַ שטובאַק פון דער ערשטער קלאַס! ווי קען מען דעם קאַפּיטאַן פאַרגלייכן צו אונזערס אַ קאַפּיטאַן! זאַ־אַ פלעגמאַט ווייסט דאָך נישט אַמאָל, אַז מען דאַרף אַ דאַמע אַ קוש טון אין דער האַנט... זאַ־וואָס האָב עך נאָך נישט באַגעגנט!...

עפּעס אַנדערש איז איר גאַרנישט געלעגן אין זינען און אויף אַלע וויכטיקע פראַגן, וואָס מען האָט איר געשטעלט, האָט זי רעכט נישט געענטפערט. מען האָט געמוזט אַזאַ אייזערנעם

געדולד האָבן און אויסהערן די אַלע נאַרישקייטן, וואָס זי האָט כסדר צוזאַמענגערעדט. זי האָט געהאַלטן אין איין מאָלן ניך מיטן מויל און שיטן מיט נסים. זי האָט דערציילט, ווי זי האָט דעם קאַפּיטאַן אויפגעוועקט פון שלאָף, געמאַכט אים פאַר אַ ליט מיט לייטן צוגלייך. בשעת זי איז צו אים אַריינגעקומען, האָט ער זיך צומאָל נישט אומגעקוקט אויף איר, נישט דערלאַנגט איר אפילו אַ בענקל. נאָר מען קען זיך אויף איר, אויף בראָניען, פאַרלאָזן, זי ווייסט ווי זיך מיט די מענער צו באַגיין, זיי זאָלן פאַלן פאַר איר אויף די קני... אָך, די מענער, זי קען זיי גוט! דער עיקר דאַרף די פרוי אַרויסווייזן גלייכגילטיקייט, אָנטון אַ קאַלטע מאַסקע אויפן פנים און זיי וועלן איר שוין נאָכלויפן, ווי די „נאַרישע באַראַנעם"... זי האָט טאַקע דעם קאַפּיטאַן, דעם גראָבן פליגל, געגעבן אַ לעקציע, ווי עס באַדאַרף צו זיין, געלערנט אים אַביסל גוטע מאַנירן — אַביסעלע באָן־טאָן. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט זי נישט געוואָלט מער אַרויסלאָזן, זיך געבעטן ביי איר מיט טרערן אין די אויגן, נישט ווי אַ קאַפּיטאַן, נאָר ווי אַ סמאַרקאַטע יינגל. ער האָט זיך באַלד אויפן אָרט פאַרליבט אין איר ביז איבער די אויערן... זי האַלט אים שוין פעסט איצט אין אירע לאַפּקעס. ער ליגט ביי אירע פיס. זי קען טון מיט אים. וואָס נאָר איר געפעלט... אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט, ווי זי האָט פאָרויסגעזאָגט... ער האָט זי אַרויסגעלאָזט מיטן תנאי, אַז זי וועט זיך מיט אים טרעפן. אַ חוצפה דאָס איז אַביסל! איר פאַלט גאָרנישט איין זיך מיט אים צו טרעפן. כאָטש ער איז אפילו אַ „טשיקאַווער טיפּ", וואָס זי האָט נאָך ביז איצט נישט באַגעגנט, געפעלט ער איר אינגאַנצן נישט. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט אים צוגעזאָגט צו קומען, אָבער זי האָט שוין נישט וואָס צו טון!

ביי די לעצטע ווערטער האָט בראָניע ברוגזלעך און חנעוודיק־צעפּיעשטשעט אַ הויב געטון מיט אַ ווייבעריש־ווייכן אַקסל, ווי איינער זאָגט: משוגע מיינע שונאים. זי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און אַלעמען געהאַלטן אַרום זיך, געפילט, אַז זי איז איצט דאָס אויבערשטע פונם שטיסל. אַלע

האבן איר געקוקט גלייך אין מויל אריין און זי האט וואס לענגער געוואלט אויסציען די מעשה. אבער ביי די מענטשן האט אנגעהויבן צו פלאצן דאס ביסעלע געדולד, ווייל זי האט שוין איבערגעצויגן דאס שטריקל, און ס'האט זיך ווער אנגערופן:

— וואס האקט זי א ספאדיק, וואס?... — איז איר ווער אריינגעפארן אין די רייד — וואס האקט זי מיר אין מיין שוואכן קאפ אריין?... ווער האט נאך אזא גרינג קעפעלע, ווי זי?... איפטער פיפטעך?... לאז זי בעסער דערציילן, וואס זי האט ביים קאפיטאן אויפגעטון! וואס טויגן מיר די אלע נארישקייטן, וואס? באן־טאן שמאן־טאן!... נאדיר ווייטער אזא משוגענע גאליציאנערין! וואס עס איז אלץ דא אויף דער וועלט!... ס'איז א וועלט מיט וועלטעלעך!...

די ווערטער האבן בראגיען מיטאמאל אראפגעזעצט פון הימל אויף דער ערד. זי האט זיך זייער פארלוירן, די צונג האט זיך ביי איר געפלאנטערט און זי האט אנגעהויבן צו שטאמלען. זי האט שוין נישט געוווסט מער וואס זי רעדט. ס'איז געקומען פאר איר אזוי אומגעריכט, אויסגעזען אין אירע אויגן אזוי נישט יושרדיק, אז טרערן האבן איר געשטיקט אין האלז. זי האט גארנישט געוואלט מער זאגן. קוים מיט קונצן איז מען פון איר דערגאנגען, אז דער קאפיטאן האט איר געזאגט, אז מען איז שוין נישט ווייט פון א פארט. סך־הכל איין מעת־לעת, אדער העכסטנס צוויי און מען וועט צו א פארט צושלאגן...

די יידן האט שוין באלד באנג געטון אויפן גאנצן עסק, וואס זיי האבן אקוראט זי אויסגעקליבן און געשיקט מיט אזא וויכטיקער שליחות. זיי האבן עפעס שטארק נישט געגלייבט אין אירע רייד, נישט געהאט קיין צוטרוי צו איר, געוווסט, אז דאס אלץ, וואס זי זאגט, קען זיך נאך אמאל נישט אנהייבן און נישט אויסלאזן. אבער זיי האבן קיין אנדערע ברירה נישט געהאט, געמוזט איר קוקן גלייך אין מויל אריין און אנגענומען אלץ פאר א גוטער מטבע. און טאמער האט נאך ווער אין עפעס געספקט, האט מען אים באלד פארשריגן:

צווישן הימל און וואַסער

— אַ ווייבל קומט צו גיין און רעדט, דאַכט זיך, קלאָרע דיבורים — האָט מען אים פאַרשריגן — ווײַל מען דווקא אירע דייד פאַרדרייען... האָסטו געהערט אַן אײַנפאַל!

די שמחה איז טאַקע געווען גרויס. און די שמחה האָט זיך נאָך מער פאַרגרעסערט, ווען ר׳ ליזער דער שפּייז־קרעמער האָט בעתן דאַווענען אין דער פרי, דערזען עטלעכע ווייסע ים־פייגל. דאָס איז דאָך שוין געווען דער בעסטער סימן, אַז מען איז נישט ווייט פון דער יבשה.

ר׳ ליזער איז דעם פרימאָרגן, ווי זיין שטייגער איז געווען, זייער פרי אויפגעשטאַנען, אַרויס אויפן דעק און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. דערנאָך האָט ער זיך געשטעלט דאַווענען. די זון האָט זיך ערשט אויפגעהויבן, ווי אַ פולער בעכער ווײַן זיך אי־בערגעגאָסן, פאַרפלייצט אַ גרויס שטיק הימל. דער ים האָט זיך געוואַרעמט אין די ערשטע פרימאָרגנדיק־יונגע זון־שטראַלן, גע־לעגן אויסגעצויגן, ווי אַ מעכטיק זילבערנער פיש. די וואַסערן זענען נאָך געווען פאַרשלאָפן, שימערירט אין דער זון, זיך לייכט געפּעלדלט, זיך געקייטלט און געקרישלט.

בעת ר׳ ליזער האָט דערזען די ים־פייגל, האָט ער אַ טראַכט געטון ביי זיך, אַז די פייגל זענען, פונקט ווי ביי נחן אין דער תבה, די ערשטע אָנזאָגער פון דער יבשה... אַ פרייד האָט געשפּאַרט אין אים, צעגומען אַלע אברים זיינע. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער זיך טיילן מיט וועמען מיט זיין פרייד. אָבער ער האָט נישט מפסיק געווען אינמיטן דאַווענען, שטיל און מיט צוגעמאַכטע אויגן אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה, נישט געלאָפן קיינעם גאָרנישט דערציילן. ערשט ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן דאַווענען און צוזאַמענגעוויקלט די תפילין, איינגעלייגט דעם גרויסן טלית מיט דער זילבערנער עטרה, וואָס איז געווען געל און פאַרשוואַרצט און געשמעקט מיט צעשמאָלצן חלב און הייסע תפילות, האָט ער זיך געאיילט אָנצו־זאָגן די בשורה.

אַלע האָבן געזען דערנאָך די מעוועס, וואָס זענען נאָכגע־

לאָפן נאָך דער שיף, געשניטן דעם זוניקן חלל אין גלייכע און קרומע ליניעס, זיך געוויגט אַרויף און אַראָפּ און מיט זייערע דינע, קוויטשיק־ווייכע, קינדערישע שטימעלעך געמאָנט עסן. אָבער די שיף האָט אַליין קיין עסן נישט געהאַט, נישט געהאַט גאָרנישט, וואָס אַרויסצוּוואַרפן פאַר זייערטוועגן. זענען די פייגל מיד און אויסגעשעפּט נאָכגעלאָפן נאָך דער שיף, הונגעריק געפּישטשעט מיט הייזעריק־ווייכע שטימעלעך, אַז ס'איז געווען אַ גרויס רחמנות צו קוקן אויף זיי, זיך אַלעמאָל מיט גרויס האַסטיקייט אַראָפּגעלאָזט צום וואַסער, ווי אַרונטערגעשאָסן.

כמעט אַ גאַנץ־גייענדיקן פאַרמיטאָג זענען די פייגל נישט אָפּגעטרעטן פון דער שיף, נאָענט צוגעקומען צו די מענטשן אויפן דעק, גערעדט עפּעס צו זיי אין זייער פויגלישער שפּראַך, זיך הויך געריסן, געהאָנגען אין זוניקן חלל מיט ווייס־צעשפּרייטע, ריין־אויסגעוואַשענע פליגל, געפאַלן פון די כוחות פון לאַנגן פליען.

די יידן זענען איצט שוין געווען אינגאַנצן זיכער, אַז בראָניע האָט נישט אויסגעטראַכט קיין שום ליגן און מען איז שוין נישט ווייט פון ערד. דערצו האָט זיך די שיף, וואָס האָט אַזאַ לאַנגע צייט געשוויגן און מען האָט פון איר קיין שום קול נישט געהערט, פלוצים הייזעריק צעוואָיעט, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע חיה, וואָס געפינט צוריק איר נעסט. פונדערווייטנס, אויפן ים, האָט זיך עפּעס געשוואַרצט. מען האָט זיך דערפאַר דערשראָקן, נישט געוווסט וואָס דאָס איז אַזעלכעס. און די שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרן, זיך פאַרשטאַרקט, ווען מען האָט פלוצים באַמערקט, אַז די אייגענע שיף, וואָס איז די גאַנצע צייט געגאַנגען פּאַוואָליע, האָט גענומען גיין שנעלער, ווי זי וואָלט פאַר עפּעס אַנטלאָפן. אָנגעשטרענגט און אין גרויס מורא האָט מען געקוקט דאָרט אַהין, וווּ דער טונקעלער פלעק האָט זיך באַוועגט אַזוי פּאַוואָליע, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף איין אָרט. ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דער פלעק איז אַ שיף. און ווען מען איז געוווייער געוואָרן, אַז די

שיף איז נישט קיין פיינטלעכע און מען דארף פאר גארנישט קיין מורא האבן — ערשט דעמאלט האט מען זיך אביסל באַרואיקט.

א שטיק צייט האט זיך די שיף געזען אויפן האריזאנט און זי איז פלוצים פארשווונדן — פארשווונדן אזוי פלוצים, ווי פלוצים זי האט זיך באוויזן. צוזאמען מיט דער שיף, זענען אויך די פייגל פארשווונדן ערגעץ, ווי אראפגענומען מיט א כישוף־האנט. מען האט זיי אומעטום געזוכט, געלאפן פון איין עק שיף צו דער אנדערער, זיך אויסגעקוקט די אויגן, אבער מען האט זיי אינערגעץ מער נישט געזען. און ס'האט ארומגענו־מען א גרויסע בענקשאפט נאך די פייגל, וואס האבן געברענגט מיט זיך די ערשטע בשורה פון דער יבשה. מען האט געבענקט נאך זייער אויסגעהונגערט קוויטשען, נאך זייערע אומפאר־שטענדלעכע פויגלישע רייד, וואס האבן דערציילט וועגן ערד, און מיט זייער פלוצימדיק פארשווונדן ווערן, האט זיך באזעצט א נאגנדיקע הוילקייט אין הארצן.

אבער די נאגנדיקע הוילקייט איז באלד אוועק און א גרויסע פרייד האט אלעמען ארומגעכאפט, וואס האט נישט געלאזט מער איינשטיין אויף אן ארט. איינער איז דעם אנדערן געלאפן אנזאגן די בשורה־טובה, כאטש יעדער איינער האט שוין אליץ געוווסט. צוליב די ים־פייגל און צוליב דער שיף, וואס האט זיך מיטאמאל באוויזן, האט מען גאר אינגאנצן פארגעסן אין דער יבשה. וואס איז שוין אזוי נאענט! ס'איז אוועק די ערשטע צעטומלטקייט, די בארוישט־פארטויבטע שיכרות און ס'האט אזוי קלאר א שיין געטון דער געדאנק, אז מען איז שוין טאקע אויף אן אמת געראטעוועט. וואס־זשע איז עפעס די שמחה אזוי קליין, וואס־זשע נעמט מען זיך נישט ארום און מען צעקושט זיך נישט און מען טאנצט נישט פאר פרייד? וואס שטייט מען מיט פארלייגטע הענט און מען טוט גארנישט? מען דארף זיך דאך צוזאמענגעמען, זיך גרייטן אין וועג אריין. מען דארף דאך שוין פארפאקן דאס ביסל שמאטעס!

צווישן הימל און וואַסער

אויף דער שיף איז ערשט איצט געוואָרן די אמתע גדולה. מען איז אײַנגאַנצן נישט מיד געוואָרן צו רעדן כסדר וועגן דער גרויסער געשעעניש, געטײַטשט אַהין און געטײַטשט אַהער יעדן קלענסטן פּרט, נישט אויפגעהערט נאָכאַמאָל און ווידער־אַמאָל איבערצוחזרן די זעלבע זאַך אפשר צום הונדערטסטן מאָל. מען האָט זיך געוואָרפן איינער דעם אַנדערן אויפן האַלז, זיך איבערגעגעבן־היים געקושט, געגאָסן מיט טרערן פאַר פרייד, געדאַנקט דעם באַשעפער, זיך בשום אופן נישט געקענט אײַנשטילן. אינמיטן די טרערן האָט מען נאָכאַנאַנד גערעדט פון די ים־פייגל און פון דער שיף, וואָס מען האָט געזען. זייער זעלטן האָט מען זיך אָנגעטראָפן מיט שיפן אויפן וועג. די אַלע סימנים ווײַזן דאָך שוין זיכער, אַז די ישועה איז נישט ווײַט!... און ווי איז געווען צו דעם, וואָס האָט געפּרוווט לאָזן פאַלן אַ וואָרט, אַז ווער ווייסט, צי מען וועט זיי אין פּאָרט אַרײַנלאָזן. מען וואַרפט זיך דאָך אומעטום מיט זיי. אין גריכנלאַנד האָט מען בלויז פון זיי געוואָלט לויז ווערן, זיי אַרויסגעשיקט פון לאַנד און פּטור אַן עסק! מען האָט זיך נישט געוואָלט אפילו דערכט צו אים צוהערן, באַלד אַרויף אויף אים:

— נאַ, אָטאָסטו אָ! — איז מען אַרויף אויף אים — אַ פרישער ווײַנער אויפגעשטאַנען. מזל־טוב!

XIII

בעת ס'איז אוועק די ערשטע פרייד און מען איז צוגעוווינט געוואָרן צום געדאַנק, אַז מען איז געראַטעוועט, זענען די יידן צוביסלעך אַראָפּ אין די קאַבינעס אַריין. יעדערער האָט זיך גענומען פּאָרען ביי זיין ביסל זאַכן. שוין לאַנג ווי מען האָט זיך אויף די זאַכן נישט אומגעקוקט און זיי זענען פאַרגעסן געלעגן אין די וואַליזעס אונטער די בעטלעך. מען האָט זיי איצט אַפּירגעצויגן פון דאָרט, אָפּגעווישט, אָפּגערייניקט, געלאָזט לופטערן, די פייכקייט זאָל פון זיי אַרויס. דאָס ביסל האָב־און־גוטס, וואָס האָט ערשט ביי קיינעם קיין שום ווערט נישט געהאַט, האָט באַקומען פּלוצים צוריק די אַמאָליקע חשיבות און מען האָט איבער יעדן פּיצל אָנגעהויבן צו ציטערן. יעדערער האָט געמאַכט אַ שטיקל חשבון, צוזאַמענגערעכנט, וואָס ער פאַרמאָגט אַלץ, אַזוי פאַרטון געוואָרן אין דער אַרבעט, אַז ער האָט באַלד פאַרגעסן אין אַלץ און אַלעמען.

די פרוי האָדעס, וואָס איז געווען אַ גרויסע ווירטאַנעס און האָט געקענט מיט אירע צוויי קרעפטיקע הענט פאַראַרבעטן אַ וועלט, האָט זיך מיט אַ סך פלינקייט און טומל אַ נעם געטון צו איר וואַליזע. אַלץ האָט געברענט אונטער אירע הענט און זי איז די ערשטע פאַרטיק געוואָרן. איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, האָט זי זיך געהאַט מיט אַלץ אָפּגעפּאָרעט און זיך אַ נעם געטון צו אירע צוויי טעכטערלעך. באַלד זענען אויך אירע צוויי מיידעלעך געווען פריש־פאַרפּוצט אין ריינע קליידלעך און פאַרטוכלעך, פּונקט ווי ערב־שבת פאַר ליכט־צינדן, און זיי האָבן זיך ווייטער געקענט אַרומפירן מיט דער ליאַלקע

זייערע. דאָס יינגערע מיידעלע האָט אויסגעסטראַיעט די ליאַל־קע, פונקט ווי די מאַמע האָט זי אויסגעסטראַיעט. זי האָט איר אָנגעטון אַ פריש קליידל און אַ פאַרטוכל און איר פאַרפלאָכטן אַ באַנד אין די האָר. זי האָט אַריינגערעדט אין דער ליאַלקע די זעלבע רייד, וואָס די מאַמע רעדט אַריין אין איר:

— אוצר מיינער!... פּאַטשיעבע מיינע!... — האָט זי אַריינגערעדט אין דער ליאַלקע און זי צוגעטוליעט מיט אַ סך צערטלעכקייט צו זיך — אַ ברכה אויף דיין קעפּל! דאָס האַרץ קוועלט אין מיר, ווען כ'קוק דיך אָן! און ס'האָט דאָך נישט געפעלט קיין סך, כ'זאָל דיך שוין מער נישט האָבן! אָבער ווו איז אהינגעקומען דיין טאַטעליו, ווו? טאַטע זיסער אין הימל!

די פרוי האָדעס, וואָס איז לעצטנס פּלוצים שטאַרק פרום געוואָרן, געצווונגען אירע מיידלעך אַלע נאַכט פאַרן שלאָפן גיין צו זאָגן הויך קריאת־שמע, האָט פון גרוים גדולה איצט נישט געוווסט וואָס זי טוט. זי האָט אָפּגעטון אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן פאַר איר נישט געפּאַסט און אויסגעזען זייער משונהדיק. גערעדט האָט זי אָן אויפהער פאַר פייער און פאַר וואַסער, געקוויטשעט און געלאַכט ווי אַ פּיצל קינד, און זיך אַריינגעמישט צו אַלעמען. זי האָט ביי קיינעם נישט גע־פרעגט, גענומען אויף זיך די ראָל פון אַ מאַמען, אכטונג געטון אויף יעדן. און פונקט ווי אַ שטרענגע אָבער גוטע מאַמע, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיינעם, זאָגט אַריין יעדן דעם אמת אין די אויגן אַריין, שגצט אָפּ אפילו אירע דערוואַק־סענע זין, אַליין טאַטעס פון קינדער, — אַזוי האָט זיך די פרוי האָדעס פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט און זי האָט אויף יעדן געשריגן, געהייסן טון, וואָס איר געפעלט. ס'האָט זיך אין איר צוריק אויפגעוועקט דער גרוים־שטאָטישער שטאָלץ אירער פון אַ וואַרשעווער מאַדאַם און זי איז געוואָרן אַ גאַנצע דעה־זאָגערין, כאָטש זי האָט ביי קיינעם נישט גענומען קיין שום הסכמה. איינעם האָט זי געשטראָפט און דעם אַנדערן האָט זי געלויבט. טאָמער איז איר עפּעס ביי וועמען נישט גע־פעלן, האָט זי אים באַלד, מכלומרשט אין אַ געלעכטער, גע־

געבן אַ פּעטשל מיט אירע הענט, וואָס האָבן איצט ביי זייער גאַנצער דאַרקייט און גערונצלטקייט נאָך אַלץ פונדעסטוועגן נישט אָנגעוווירן זייער כּאַמעשע זיכערקייט און וואַרעמקייט. זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אפילו פאַר דעם איידעלן און חשובן ראָכמאַנען און געזאָגט אים מוסר, ווען ס'איז איר נישט געפעלן ביי אים זיין ברוד־קלעבער גומי־קראַגן. זי האָט אים געהייסן אויסטון דעם קראַגן, וועט זי אים פּאַרוואַשן. דאָס איז שוין לחלוטין אויפן אָרט נישט געווען, ווייל ראָכמאַן האָט זיך זייער פאַרשעמט און כדי צו פאַרדעקן די בושה, האָט ער זיך, ווי זיין טבע איז געווען, נאָכאַנאַנד געפּוצט מ־ט אַ סך חשיבות דאָס אָפּגעצערטלטע לאָפּעטקע־בערדעלע זיינס און איר גאָרנישט געענטפערט.

בראָניע האָט פאַרלייגט אַ גאַנצן וואַרשטאַט. אַ צעכראַס־טעטע, אַ צעשויבערטע, האָט זי זיך כּסדר אַרומגעדרייט אין אַ לויזן שלאָף־ראָק, געהאַט דווקא פיל צייט, כאָטש אַלע האָבן זיך אַזוי געאיילט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט עפּעס צו פאַר־שפּעטיקן. אַרום איר איז געלעגן צעזייט און צעשפּרייט איר גאַנצע ווירטשאַפט: קליידלעך, קעלנערלעך, זאָקן, בענדער, אַלע שמאָכטעס אירע. קיינער האָט שוין נישט געהאַט קיין רעכט שטיקל בגד, אָבער איר האָט פון גאָרנישט געפעלט. זי האָט זיך קוים געקענט מיט אַלץ אַן עצה געבן, פאַריכט, גע־צערעוועט, איינגעלייגט. עס איז געשטאַנען פאַר איר דאָס שטיקל אָפּגעבראָכענע, אויסגעריבענע שפּיגעלע, ווו זי האָט אַלעמאָל אַריינגעבליקט. אַ שטיקל קאָלירט־שמעקעדיקע זייף, וואָס איין גאָט ווייסט פון וואַנען זי האָט עס פּלוצים געגומען, האָט זי אַרויסגעצויגן פון איר וואַליזע. זי האָט דאָס שטיקל זייף געהאַלטן אין האַנט מיט אַ סך צערטלעכקייט, אָפּגעהיטן עס, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. אויך האָט זי אַרויסגענומען פון דער וואַליזע אַ טוכן זשאַקעטל, וואָס זי האָט זיך אַליין איבערגע־מאַכט פון מאַנס אַ מלבוש און וואָס האָט געהאַט טויזנט טעם. זי האָט אָנגעמאָסטן דאָס זשאַקעטל, זיך געדרייט אין אַלע זייטן מיט פיל וויבערישער געשיקטקייט און זגראַבנעקייט אינם

קליינעם אָפּגעבראָכענעם שפּיגעלע און געפרעגט די פרוי האָדעם, צי עס פּאַסט איר. און די פרוי האָדעס האָט געמוזט מודה זיין, אַז דאָס מלבוש איז מלא־טעם. די פרוי האָדעס איז אַריינגעפאַלן אין אַ התפעלות, נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פונם זשאַקעטל:

— פון שניי גאָמלקעס קען דאָס ווייבל מאַכן! — איז זי אַריינגעפאַלן אין התפעלות און די אויגן האָבן ביי איר געשיינט — אַ שלייפל, אַ בענדל, פון גאָרנישט קען זי עפּעס צוזאַמענשטעלן, ס׳זאָל האָבן אַ חן... ס׳איז אַ גאָב פונם הימל!

לאַנג האָט אָבער די פרוי האָדעס מיט בראָניען נישט געקענט באַלעמוטשען, ווייל זי האָט זיך געאיילט, זיך געוואָלט אַריינכאַפּן צו דער פרוי פּאַביאַש אין דער קאַבינע אַריין, כדי צו זען, וואָס זי מאַכט. דאָס איז געווען פאַר איר אַ שווער שטיקל אַרבעט און זי האָט עס אַלעמאָל אָפּגעלייגט אויף אַבסל שפּעטער. אָבער זי האָט אין דער פּאַביאַש נישט פאַרגעסן. זי איז טאַקע געקומען צו בראָניען און זי קוים מיט גענוואָלט אָפּגעריסן פון אירע שמאָכטעס, אין וועלכע יענע איז איצט געווען פאַרקאָכט מיט לייב און לעבן און זי מיטגענומען מיט זיך צו דער פרוי פּאַביאַש.

ווי געוויינטלעך, איז די פרוי פּאַביאַש געזעסן אויף איר בעטל, די שווערע, האַלב־געלייטמטע פיס אָנגעשפּאַרט אָן דער פּאָדלאָגע. בשעת די ווייבער זענען אַריינגעקומען, האָט זי צומאָל נישט אויפגעהויבן דעם בליק צו זיי. זי האָט שוין אַלץ געוווסט און זי האָט זיך רעכט נישט צוגעהערט צו דעם, וואָס די האָדעס האָט איר כסדר אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ אַריין. אָבער די האָדעס איז נישט אָפּגעשטאַנען, נישט מיד געוואָרן צום וויפלסטן מאָל איבערצוחזרן איינס־און־דאָסזעלבע. זי האָט אַזוי לאַנג זיך אָפּגעגעסן דאָס האַרץ, ביז עס איז איר סוף־כל־סוף נמאס געוואָרן און זי איז אַרויס מיט אַ טענה צו דער פּאַביאַש:

— וואָס ענטפערן זי מיר גאָרנישט? — איז זי אַרויס

מכלומרשט מיט אַ טענה — כ׳בין דאָך שוין מיד רעדנדיק...
דאָס גאַנצע האַרץ האָב׳ך מיר שוין אָפּגעריסן!

לסוף איז איר דאָך געלונגען אַרויסצופּרעסן פון יענער אַ וואָרט. דער פרוי פּאַביאַש איז שוין אַלץ איינס געווען און אויף דעם אַלעם, וואָס די פרוי האָדעס האָט אין איר כסדר אַריינגערעדט, האָט זי געענטפערט בלויז דאָס:

— וואָס איז מיר דער חילוק, וואָס? מיר איז שוין אַלץ איינס... ס׳איז גאַנץ שיין, אַז זי זענען געקומען... אָבער פאַר מיר איז שוין נישטאָ מער קיין שום לעבן...

— נו־נו, זאָגן זי נישט דאָס! זינדיקן זי נאָר נישט מיט די רייד... אוודאי, וואָס פרעגן זי? — האָט איר באַלד, מיט אַ סך געמאַכטן קוראַזש, פאַרפּאַטשט דאָס פּנים די פרוי האָדעס — וואָס פאַר אַ רייד רעדן זי דאָס?... אסור, אויב זי ווייסן אַליין, וואָס זי רעדן...

די פרוי האָדעס האָט זיך עפּעס געפּלאָנטערט, נישט גע־האָט קיין דרייסטקייט גענוג צו רעדן אָפן און פריי צו דער פרוי פּאַביאַש. זי האָט געפילט, אַז אַלץ, וואָס זי וועט זאָגן, איז נישט גענוג, איז אַרויסגעוואָרפן. ס׳איז מער נישט ווי אַן אָפּנאַרעריי, ווייל ס׳זענען גאָר נישטאָ קיין ווערטער, וואָס יענער צו זאָגן. פונדעסטוועגן האָט זי נישט אָפּגעלאָזט און אין מיטן רעדן פּלוצים באַקומען מער קוראַזש און אויפגעהויבן העכער דאָס קול:

— מאַכן זי נישט דעם אָנשטעל! — האָט זי געזאָגט מוסר דער פרוי פּאַביאַש און זיך שוין אפילו אויף איר גוט אָנגע־בייזערט — זי ווילן גאַנץ גוט לעבן... יעדער איינער וויל לעבן... אַזוי איז שוין דער דרך פון דער וועלט. דערציילן זי נישט קיין שום מעשיות, ווייל קיינער וועט איהן נישט גלייבן!

פּלוצים איז די פרוי האָדעס שטיל געבליבן, טיף אָפּגע־קרעכצט און צוגעגעבן:

— ווען מיינער, נישט געדאַכט זאָל עס זיין, איז פון מיר אוועקגעריסן געוואָרן — האָט זי זיך אַליין גענומען פאַר אַ

ביישפּיל — האָב'ך אויך געמיינט, אַז די וועלט עקט זיך מיר, אָבער פונדעסטוועגן לעב'ך יאָקאָש! מען פאַרגעסט... דאָס לעבן איז שטאַרקער פון אַלץ, גלייבן זי מיר!...

ס'איז געווען זייער שיין פון דער יידענעס זייט, וואָס זי האָט זיך אַליין ווי געטון און אויפגעדעקט אירע אייגענע ווונדן, אַבי יענער לייכטער צו מאַכן. די פרוי פּאַביאַש האָט דאָס אָפּגעשאַצט און זי שוין אפילו צוגעלאָזט, זי זאָל צוזאַמענעמען איר ביסל חפצים. שנעל און פלינק האָט זיך די יידענע אַ נעם געטון צום ביסל גראַטעס. אַז זי האָט זיך אַנגעטראָפן אויף פּאַביאַשעס און אויף די קינדערס זאַכן, האָט זי זיי כהרף־עין פאַרשטעקט ערגעץ, אַרונטערגעשטופּט פון סאַמע אונטן, אַזוי, אַז די פּאַביאַש זאָל זיי גאָרנישט פאַר די אויגן אָנזען... בראָניע האָט איר אין אַלץ צוגעהאָלפן, געהאָרכט אַלץ, וואָס זי זאָגט איר. פאַרטיק געוואָרן מיטן ביסל חפצים, האָט זיך די האָדעס ערשט אַ נעם געטון צו דער פּאַביאַש. זי האָט זיך אָנגעזעצט אויף איר און זי געצווונגען, זי זאָל איבערטון אַן אַנדער קלייד און זי זאָל זיך צוקעמען אַביסל די האָר.

— אַ מענטש מוז זיך אַביסל אין די הענט נעמען! — האָט זי געזאָגט — מען טאָר זיך נישט אַזוי אָפּלאָזן! אָ, אַזוי זעען זי אויס צוריק ווי אַ מענטש... ס'איז מער איהן נישט צו דערקענען... אַ שאָד, וואָס ס'איז נישטאָ קיין שפּיגעלע, זי זאָלן זיך קענען אָנשפּיגלען...

דער פרוי האָדעסעס רייד, איר פאָרען זיך אַרום איר מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייט און מיט אַזאַ געטריישאַפט, דאָס פאַרזאָרגטע פּנים אירס, אַלץ צוזאַמען, האָט די פּאַביאַש אָנגעפילט מיט אַ וואַרעמקייט, אַזוי אַז זי האָט אַ לייכטן שמייכל געטון. כאָטש גאָרנישט איז איר אָנגעגאַנגען און אַלץ איז איר געווען נמאס און מיאוס, ווייל איר לעבן האָט מער קיין שום זין נישט, האָט איר פונדעסטוועגן הנאה געטון, וואָס מענטשן נעמען זיך אַזוי שטאַרק איבער מיט איר און זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַ האַלבן, קרומען שמייכל געטון, ווי אַ מסוכן־קראַנקער, וואָס דערפילט זיך אויף אַ רגע אַביסל בעַ־

סער. זי האָט געפילט, אַז זי פאַרלירט זיך, אַז זי האָט סוף־כל־סוף מער נישט קיין כוח זיך אַקעגנצושטעלן אָט די אַלע מכלומרשט שטרענגע רייד, וואָס זענען בלויז אויסן איר גוטס און זענען אָנגעזאַפּט מיט אַזאַ גרויסער געטריישאַפט צו איר און זי האָט זיך געבעטן ביי דער פרוי האָדעס:

— לאָזן זי מיך צו־רו... — האָט זי זיך ביי איר געבעטן — וואָס האָבן זי צו מיר?

אָבער די האָדעס האָט זי נישט צו־רו געלאָזט. זי האָט שוין אויפגעכאַפּט דעם לייכטן קרומען שמייכל אויף איר פּנים און מיט אירע געזונטע קרעפטיקע הענט זי אָנגענומען אונ־טערן אָרעם און געהייסן בראַניען זי אָננעמען אונטערן צווייטן אָרעם. ביידע ווייבער האָבן זי ארויסגעפירט אין קאָרידאָר.

בעת דער באַרימטער וואַרשעווער דאָקטאָר האָט דערזען די ווייבער, איז ער זיי באַלד אַקעגנגעלאָפן. ער איז איצט גע־ווען פריש אָפּגעוואַשן און ריין אָנגעטון. די זילבערנע פּאָלקע איז געווען זאָרגפעלטיק פאַרקעמט, די פריציש־דיקע, שטאָלצע וואָנ־סעס אויסגעבערשטלט און דער שוואַרצער, ברייטער קינסטלער־קאַפּעליוש איז גאָר בלאַנקנדיק־ניי געווען, געפּעכלט אַזש פון זויבערקייט. אָבער דאָס אַלץ האָט אים עפּעס נישט געפּאַסט. שטענדיק אָן אָפּגעלאָזענער, האָט די ריינקייט זיך נישט גע־קלעפּט צו אים. כאָטש ער האָט תּמיד גערעדט פון היגיענע, געוואָרנט מען זאָל זיך האַלטן ריין, כדי נישט צוצולאָזן קיין קרענק צו זיך, האָט ער אַליין קיינמאָל אויף זיך נישט אַכטונג געטון. ווי דער שטייגער איז, האָט ער נישט געזען זיין אייגע־נעם חסרון און געזוכט דעם חסרון ביי אַנדערע. די אויסגע־פּוצטקייט האָט זיך טאַקע איצט צום דאָקטאָר נישט געפּאַסט. ער האָט פאַרלוירן זיין גלאַנץ, זיך שלעכט געפילט, נישט גע־ווען אין זיין הויט. מען האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז לאַנג וועט זיך די אויסגעפּוצטקייט אויף אים נישט האַלטן. די אויס־געקעמטע פּאָלקע, די אויסגעבערשטלטע וואָנסעס, די גוטמו־טיק־שמייכלענדיקע, האַלב־עובר־בטלדיקע אויגן, אַלץ צוזאַמען, האָט דערמאָנט אין אַ קינד, וואָס די מאַמע האָט מיט געוואַלט

אָפּגעוואַשן און אויסגעצוואָגן לכבוד עפּעס אַ יום־טוב, אָבער עס וועט לאַנג נישט דויערן און דאָס קינד וועט זיך צוריק פֿאַרשמירן.

בשעת די פֿרוי האָדעס האָט דערזען דעם דאָקטאָר, האָט זי זיך אָנגערופֿן צו די ווייבער און דער עיקר צו דער פֿרוי פּאַביאַש, זי זאָל אַ שטיקל נחמה האָבן:

— אָט גייט ער דער דאָקטאָר מיט די אינסטרומענטן זיי־נע, ווי שטענדיק! „שייקע" מיט שלימזל... זע נאָר, ווי דאָס ווייב האָט אים אויסגעסטראָצלט. יעדער האָט זיך זיין פּעקל צרות! ער איז גוט באַקליידט, דער דאָקטאָר... אַזאַ געלערנטער מענטש... ער מיינט דאָך נאָך אַלץ, אַז דער זון זיינער לעבט נאָך!

דער דאָקטאָר האָט באַגעגנט די ווייבער מיט אַ שמחה און מיט ברייט־אויסגעשפּרייטע אָרעמס:

— אַזוי איז גוט! — האָט ער געשריגן צו די ווייבער אין זיין געקליבענעם, שיינעם פּויליש — אַזוי טייבעלעך איז שיין! אַזוי קינדערלעך טייערע האָב איך ליב!

איינע נאָך דער אַנדערער, האָט ער די ווייבער פּאַטעריש אַ קניפּ געטון אין בעקל און זיך געווענדט צו דער פֿרוי פּאַביאַש:

— נאָר גיין! — האָט ער צו איר געזאָגט און זי אָנגע־הויבן פּלוצים פֿון גרויס גדולה צו „דוצן" — נאָר נישט זיצן אויף איין אָרט... דאָס וואָס דו וועסט דיר אַליין נישט העלפֿן, וועט דיר קיינער נישט העלפֿן... אפֿילו נישט די גרעסטע ספּע־ציאַליסטן... דו מוזט דיך באַוועגן, דו מוזט גיין, כאָטש עס שטרענגט דיך זייער אָן. אַז נישט וועסטו פֿאַרלירן דעם גאַנצן כוח אין די פֿיס!..

דערזען די שמחה ביים דאָקטאָר, האָט זיך די פֿרוי פּאַ־ביאַש אָנגעשטעקט פֿון אים און אירע אויגן האָבן זיך לעבעדיק צעגלאַנצט. אָבער באַלד האָט זי זיך דערמאָנט אין אירע צרות און זי האָט זיך זייער פֿאַרשעמט פֿאַר זיך אַליין. זי האָט

זיך אזוי איינגעשפארט, אז די ווייבער האבן זי געמוזט באלד אפפירן צוריק אין דער קאבינע אריין.

די פרוי פאביאש איז געזעסן אין דער קאבינע, נישט אויסגערעדט צו קיינעם א ווארט. טיילמאל בלויז האט זי זיך אויסגעשמועסט מיט אידען, וואס איז אויך וויניק ארוים אויפן דעק און די גאנצע שמחה איז איר נישט אנגעגאנגען. אידע האט איצט מער, ווי איבער דער גאנצער צייט פון דער נסיעה, אין זינען געהאט איר שרהלען און דעם מאן אירן, הערשלען. זיי זענען איר מער אויף קיין איין רגע נישט ארוים פון זינען. כאטש אלע האבן זיך איצט פלוצים, מער ווי אלעמאל, דער־מאנט אין די אייגענע און נאענטע, וואס זענען געבליבן דארט ערגעץ אין גיהנום אויף יענער זייט ים און ס׳איז קיינעמען די גאנצע שמחה נישט אזוי שטארק איינגעגאנגען, האט אבער אידע געליטן מער פון יעדן איינעם. שרהלע און הערשל זענען איר לעבעדיק געשטאנען פאר די אויגן, ווי זי וואלט זיי אט ערשט געזען, ווי זי וואלט אט ערשט מיט א רגע צוריק צו זיי גערעדט. טיילמאל זענען זיי אזוי לעבעדיק פאר איר געשטאנען, אז ס׳האט זיך איר נאר געגלוסט צו זיי צו רעדן, זיך אויס־שמועסן מיט זיי, און טיילמאל זענען זיי געווען אזוי ווייט פון איר, אז זי האט זיך בשום־אופן נישט געקענט דערמאנען, ווי זיי זעען אויס און א גרויסע שרעק האט זי ארומגעכאפט. ס׳האט זיך איר נאר געדאכט, אז מיטן פארלירן זיי פון זכרון, האט זי זיי שוין אויף אייביק פארלוירן... דאס געוויסן האט זי געפייניקט, זי האט נישט געפונען קיין רו. ס׳האט זיך איר גע־דאכט, אז אלע קומען אפ צוליב איר. דעם קיגדם ראזא באנד צו די האר, וואס זי האט כסדר אויף אירע ברוסטן געטראגן, האט זי געבריט, נאכאנאנד עפעס געמאנט, נישט געלאזט איר גארנישט באקומען, גערעדט צו איר קינדעריש־צעפיעשטשעטע רייד, אזוי, אז זי האט כסדר דייטלעך און קלאר געהערט דאס קול פונם קינד.

טיילמאל, בעת אידע איז ארוים אויפן דעק און געשמועסט

מיט די ווייבער האָט נאַטאַן זי געזען. אירע פולע ליפּן. געשפּאָלטן פון זון און ווינט, זענען געווען בלאַס און אַן קאָליר און זייער בלאַסקייט און קאָלירלאָזיקייט האָט נאָך מער נאַטאַנען געצויגן צו זיך, אָנגעפילט אים מיט אַ גרויסן צער. ער האָט אויף איר געהאַט רחמנות. זי איז געווען אויסגעמאָגערט און שטאַרק אָפּגעצערט. דאָס ברייטלעכע לאַכנדיקע נעזל אירס, די העל־ברוינע, געלבלעך־בורשטינענע אויגן, וואָס טיילמאָל קורטשען זיי זיך פון צופיל לאַכן און פריילעכקייט און טיילמאָל מרוזשען זיי זיך אין דינע שפּעלטעלעך פון צופיל גיפט און שנאה, זענען געווען אויסגעלאָשן און טרויעריק־פאַרזאָרגט. אידע האָט נאַטאַנען מיט איר אויסזען מיטאַמאָל דערמאָנט אין זיין קינד און ווייב, אין דער היים און ער האָט פּלוצים דערפילט אַזאַ נאָגנדיקע בענקשאַפט צו איר, אַז ער האָט שוין אויף גאָרנישט מער געוואָלט קוקן און געוואָלט צוגיין צו איר. דער פאַרטרוקנטער שפּאָלט אויף אירע ליפּן, וואָס האָט שטענדיק ארויסגעוואָרפן אויף אים אַן אומרואיקייט, האָט אים איצט אָנגעפילט מיט אַ ווייטיק — אַ ווייטיק, וואָס האָט זיך געשטיקט אין אים, געוואָרגן, געזוכט אַ וועג אַרויס. ער האָט מקנא געווען די מענטשן, וואָס קענען שמועסן מיט איר, קענען שטיין אַזוי נאָענט פון איר. בלויז ער איינער אַליין מוז זיך האַלטן פון איר פונדערווייטנס. און נישט בלויז צו די מענטשן האָט ער געפילט אַ קנאה — ער האָט מקנא געווען די ווענט, אַן וועלכע אידע שטייט אָנגעלענט, מקנא געווען די פאַרענטשעס, וואָס אירע הענט נעמען אַרום. וואָס איז ער דאָס ערגער פון די מענטשן, וואָס זיי קענען זיין אַזוי נאָענט פון איר, וואָס זיי קענען אַזוי פריי רעדן צו איר. וואָס זענען זיי דען בעסער פון אים?

נאַטאַן האָט איצט אין אידען געזען דאָס ווייב זיינס און דעם זון, וואָס האָט אים דערמאָנט, אין דער היים נאָך, נישט געלאָזט קוקן אויף דער מומע אידע און ביי דער האַנט געפירט אים צו דער מאַמען, איינגערוימט אים דעם אויסגעטראַכטן קינדערישן ליגנט, אַז די מאַמע האָט געשיקט נאָך אים און

דארף אים האָבן. אין אידען האָט נאָטאַן געזען איצט די היים, דעם שווערם שטוב, וווּ ער האָט פאַרבראַכט יאָרן־לאַנג. שוין נישט איינמאָל האָט ער געוואָלט צוגיין צו איר. פיל האָט ער איר צו דערציילן, פיל האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט איבער דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט מיט איר נישט גערעדט. וואָס קען שוין העלפן דאָס האַלטן זיך כסדר פון איר פונדערווייטנס? אָבער אַז ער האָט באַמערקט די עקשנות, די געוואַלדיקע עקשנות אירע, זענען באַלד אַלע זיינע געדאַנקען צונישט געוואָרן, אויסגערונען און ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. אידע איז געווען איינגעשפאַרט, נישט געוואָלט אים זען. זי האָט דאָס געלאָזט אים פילן אין אַלע תנועות אירע און דער עיקר אין דעם האַסטיק־שטאַרקן און ווי צולהכעיסדיקן קער זיך אָפּ פון אים מיט דער פּלייצע אַלעמאָל, ווען זי האָט אים באַגעגנט. אין דעם האַסטיק־שטאַרקן קער מיט דער פּלייצע איז געלעגן אַ וועלט מיט פּראָטעסט. אָבער ביי דער גאַנצער פאַרביסנקייט אירער און ביי דער גאַנצער עקשנות, האָט נאָטאַן געפילט, ווי אַלץ וויינט אין איר און רייסט זיך מיט אים צו באַגעגענען. בלויז עפּעס אַ גרויסער כוח האַלט זי שטענדיק אָפּ דערפון. און נאָטאַן האָט געהאַט צו זיך אַליין טענות, פאַרוואָס ער האָט זי כסדר אין זינען און ער הערט נישט אויף צו קלערן וועגן איר. פונדעסטוועגן האָט די זאָרג וועגן איר אים נישט אָפּגעלאָזט. זיינע גרויסע גרויע אויגן, וואָס פאַלן טיילמאָל אַריין אין ווייסקייט פון צופיל גרויקייט, זיין ביסל איינגעבויגענע פּלייצע, דאָס איינגעפאַלן־בלאַסע, נישט־געגאָלטע פּנים, זיין גאַנץ הויך און אויסגעדאַרט געשטעל — אַלץ איז געווען אָנגעלאָדנט, אָנגעגאָרט מיט זאָרג וועגן איר. זי איז געבליבן איינע אַליין און ער מוז אַכטונג טון אויף איר, נאָך דערצו איצט, ווען דער פּאָרט איז אַזוי נאָענט.

כאָטש קיינער האָט נישט געוווסט, וואָס פאַר אַ פּאָרט ס׳גייט, האָט מען זיך פונדעסטוועגן אַלץ געגרייט אין וועג אַריין. קיינער האָט אפילו נישט באַמערקט די מאַטראָזן, וואָס האָבן אָנגעקוקט די יידן מיט חידוש, נישט געוווסט, וואָס זיי האָבן

זיך פּלוצים גענומען גרייטן, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אַראָפּצוגיין. מען האָט גאָרנישט געזען אפילו די פאַרבאָרגן־חוזקדיקע, ביטער־לצנותדיקע פייערלעך אין די מאַטראָזנס אויגן, וואָס האָבן מיט אָן אַ שיעור נייגעריקייט עפּעס אָפּגעוואַרט, געוואָלט זען וואָס דאָ וועט זיין דער סוף. גיי וויים וואָס אַ גוי, אַ רשע מרושע, האָט דאָרטן אין זינען... ווער האָט איצט געהאַט צייט צו די מאַטראָזן, ווער האָט זיך איצט אומגעקוקט אויף זיי?...

אַלעמאָל האָט זיך ווער אַנדערש אויפן דעק באַוויזן, אויסגעפּוצט אין די צעקנאָדערטע מלבושים, וואָס האָבן זיך לאַנגע וואָכן אין די ווינקעלעך ערגעץ געוואַלגערט און קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי. כאָטש מען האָט כסדר געפּרוווט אויסצוגלייכן די קנייטשן אין די מלבושים, געוואָלט אויסלופּטערן דעם פאַרדומפּענעם און פייכט־פאַרלעגענעם ריח פון זיי, איז דאָס אָבער קיינעם נישט געלונגען. דאָס אַלטע, צעקנאָדערטע אָנטועכץ, פול פלעקן און לעבער, האָט אין קיין שום יום־טוב נישט דערמאָנט, גיכער דערמאָנט אין אַ שפּיטאָל, פון וואַנען מען איז ערשט נאָך אַ לאַנגער קרענק אַרויס... מאַרקוס פעלדבוימס גרינע יעגער־קאַפּעליושל איז אַזוי גרויס געווען אויף אים, אַז ס'האָט אינגאַנצן צוגעדעקט זיין מאָגער־אויסגעדאַרט פּנימל, אַזוי גרויס פּונקט ווי אַ פּויסט, אַראָפּגעפאַלן אים ביז איבער די אויערן, ווי ביי אַ קינד נאָך אַ שווערער און לאַנגער קרענק. דער קאַפּעליוש איז געהאָנגען אויף פעלדבוימס קאָפּ, ווי אַן איבערגעדרייטער טאָפּ אויף אַ שטעקן. נחם אויסגעלייגטע סלאָוואַצקע קעלנערל האָט זיך וויניק געפּאַסט צום גלאַנציק־אָפּגעטראָגענעם שוואַרצן אַנצוג זיינעם. סיי דער אַנצוג, נישט לויט זיין מאָס, סיי דאָס קעלנערל, זענען געווען ברודיק און פאַרפּעצט, פאַרלוירן דעם גאַנצן פאַסאָן און צוגעגעבן אים יאָרן. און ראָכמאַנס נייער, שוואַרצער, באַלעבאַטיש־הויכער קאַפּעליוש, וואָס ער האָט געטראָגן נאָר אום יום־טוב און וואָס האָט געזאָלט אַרויסרופן צו אים דרך־ארץ, איז לויז אַרומגעפאָרן איבער זיין קאָפּ, אויסגעזען אויף אים זייער קאָמיש

און ער האָט באַקומען עפּעס אַ שטרענג און בייז פּנים. ערשט איצט האָט דער ייד באַמערקט ווי אויסגעמאָגערט ער איז גע־וואָרן, בלויז הויט און ביין. דאָס אָנטועכץ האָט יעדן זייער פאַרענדערט, אַרויסגערופן פּלוצים אַ דרך־ארץ פון איינעם צום אַנדערן, ווי איינער וואָלט דעם אַנדערן נישט געקענט. גאַנץ אַנדערש האָט זיך איינער דעם צווייטן פאָרגעשטעלט. נאָכן אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס ביסל שמאַטעס, וואָס מען האָט כסדר אויף דער שיף געטראָגן, זיך גאָרנישט געשיידט מיט זיי, ווי זיי וואָלטן צום לייב צוגעוואַקסן געווען און נאָכן אויספּוצן זיך אין די פרישע מלבושים, האָט זיך עפּעס אַ פרעמד־קייט אַריינגעכאַפּט צווישן די יידן און די היימישקייט איז מיטאַמאָל אַוועק. ס'האָט אויסגעזען ווי מען וואָלט זיך פריער גאָרנישט געקענט. יעדער איינער איז געווען אַ וועלט פאַר זיך. כאָטש די מורא איז אַראָפּ פון פּנים, האָט זיך אָבער אַ זאָרג באַזעצט דאָרט — אַ זאָרג און אַן ערנסטקייט. ס'איז שוין נישט געווען מער איין גרויסע משפּחה מיט די זעלבע זאָרגן און באַ־גערן, נאָר אַ סך קליינע משפּחהלעך מיט באַזונדערע זאָרגן און באַגערן...

דערווייל האָט זיך די שיף אַלץ געשלעפּט, זיך שוין גע־שלעפּט אַ פרישן מעת־לעת און קיין סימן פון אַ פּאָרט האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען. און אַ קליין גערדאַנקעלע האָט זיך פּלוצים באַזעצט ביי יעדן אין מוח, וואָס האָט שפּיציק און איינגעקעשנט געבויערט, ווי אַ דין, גיפטיק נעדעלע, קודם־כל פּאַוואָליע און נישט זיכער, דערנאָך אַלעמאָל מער פעסטער און איינגעגעסענער:

— אפשר... אפשר איז גאָר די גאַנצע מעשה ליגנט... שקר פון אָנהויב ביזן סוף... אפשר האָט בראָניע אַלץ אויסגעזויגן פונם פינגער... ווער ווייסט וואָס דער קאַפּיטאַן האָט איר גע־זאָגט... אויף איר קען מען זיך אַלץ ריכטן... אַזאַ פּלאַטער־קאָפּ... אַ קשיא אויף בראָניען... אַז דאָס ווייבל פאַרמאָגט נישט אַביסל סטאַלעקייט... אַז זי טראָגט זיך אַרום דאָרטן מיט אירע פּוסטע מעשיות, ווייסט נישט אויף וועלכער וועלט זי איז...

XIV

די זון איז דעם דאָזיקן פאַרנאַכט אונטערגעגאַנגען זייער רויט. דער ווינט, וואָס האָט שוין אָנגעהאַלטן דעם דריטן טאָג, האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף קיין איין מינוט, שאַרף געביסן דאָס פּנים. ער האָט געבערגלט די כוואַליעס, זיי צונויפגעהויפט אין קופּעס, אויפגעשטעלט טורעמס — טורעמס אויף טורעמס פון ריינעם קרישטאָל — וואָס ער האָט באַלד צוריק צעוואָרפן, חרוב געמאַכט, אריינגעשליידערט אין די טיפענישן פונם ים, ווי אין גרויסע געעפנטע היילן. די שיף איז געגאַנגען ווי שיכור, זיך געוואַקלט, געפאַלן פון די כוחות, זיך איינגעגראָבן אַלעמאָל אין שוים פון ים, ווי עס גראָבט זיך אַמאָל איין אין דער מאַמע־ערד אַ מידע געיאָגטע חיה, וואָס אַט־אַט גיט זי זיך שוין איינגאַנצן אונטער, רירט זיך נישט מער פון אָרט.

די זון, אַ ריזיקע פייערדיקע קויל, איז שווער געהאָנגען איבערן ים, זיך בשום אופן נישט געוואָלט אָפּרייסן פונם הימל, זיך נישט געוואָלט אויסלעשן אין די צעכוואַליעטע וואַסערן. די רויט־צעגליטע זון — אַ קיילעכדיק צעפלאַקערט לאָך אינם בלויען הימל־געוואַנד — האָט זיך געשפּיגלט אין דעם ים, געצונדן זיינע וואַסערן, געשטאַנען אַזוי נאָענט פון דער שיף, אַז אַט־אַט נאָך איין רגע און זי וועט די שיף לאָזן מיטן פייער. סיי דער הימל, סיי די זון זענען געווען אַזוי נאָענט פון די מענטשן אויפן דעק, נאָר אויסצושטרעקן אַ האַנט און אָנצוטאַפּן מיט די פינגער...

דערנאָך איז די זון מיטאַמאָל אונטערגעגאַנגען, זיך אַראָפּ־

געלאָזט אין ים אריין, ווי אַ שווערער ברענענדיקער באַרג. עס איז געוואָרן פינסטערלעך. בלויז דער הימל איז אַלץ געבליבן העל, געלעגן נידעריק איבער דער שיף, געווען אינגאַנצן רויט צעפלאַקערט, ווי די ערד וואָלט ערגעץ ווייט געברענט און ער וואָלט אָפּגעשפּיגלט די ווייטע שׂרפה...

די מענטשן אויף דער שיף האָבן געזען דעם הימל, וואָס האָט זיך נידעריק איבער זיי אַראָפּגעלאָזט, באַדעקט געוואָרן מיט קליינע, געדיכטע, רויט־אַרומגעזוימטע וואָלקנדלעך, ווי מיט צעריסענע שטיקער רויך, וואָס האָבן זיך געקנוילט, גע־וויקלט, זיך באַהאָפּטן. באַלד האָבן זיך די וואָלקנדלעך אויך אויסגעלאָשן, געבליבן ליגן צעשפּרייט איבערן הימל, ווי פונאַנ־דערגעשאַרטע טליענדיקע שטיקלעך קויל אין אַש.

די מענטשן, וואָס האָבן נאָך אַלץ נישט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די נייע צעקנאָדערטע קליידער, האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף עפּעס אַ יום־טוב, נאָר זיי האָבן געמאַכט אַ טעות אין חשבון און דער יום־טוב איז נישט געקומען. אָבער אויסטון צוריק די מלבושים האָט זיך דאָך נישט געגלוסט. עס האָט זיך נישט געגלוסט צוריק צו צעשיידן מיט די מלבושים, פאַרלירן דאָס שטיקל האָפנונג, וואָס האָט נאָך אַלץ פאַרבאַ־האַלטן־טיף ערגעץ אין האַרץ געטליעט.

ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. ס'איז געוואָרן זייער פינסטער און אַלץ איז געוואָרן אָפּגעווישט, זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער נאַכט אַרום. דער ים האָט זיך געוויגט שווער און געדיכט, ווי סמאָלע. איינער האָט נישט דערקענט דעם צווייטן. מען איז פאַרביי זיך דורכגעגאַנגען, זיך פאַרטשעפּעט, אָנגעשלאָגן, אָבער מען האָט זיך נישט דערקענט. ערשט אַז מען האָט דערהערט אין דער געדיכטער פינסטערניש אַ קול, וואָס האָט פּלוצים אַ ווייע געטון מיט לעבן, האָט מען געזען, אַז מען האָט צוטון מיט לעבעדיקע נפשות, נישט מיט בלאָנדזשענדיקע שאָטנס...

די פרוי האָדעס האָט היינט ביינאַכט, מער ווי אַלעמאָל, אָפּגעהיטן אירע מיידלעך, נישט געלאָזט זיי אויף קיין איין מי־

גוט אליין, געהאלטן זיי לעבן זיך, ווי זי וואלט מורא געהאט, ס'זאל זיי נישט געשען עפעס שלעכטס.

— ווי לאנג איז דער שיעור זיך צו שפילן?... — האט זי, פול מיט זארג, זיך געבעטן ביי די קינדער — ס'איז שוין די העכסטע צייט צו מאכן נאכט!...

זי האט מיט די קינדער פארן שלאפן גיין זייער פאוואליע געזאגט קריאת־שמע, זהר־וזהר אפגעטיילט איין ווארט פון אנדערן. און פונקט ווי אמאל, בשעת די קינדער זענען נאך פיצל גיווען, האט זי זיי איצט אליין אויסגעטון, לאנג געקושט, געצערטלט, אריינגעלייגט אין בעטל און גוט איינגעדעקט מיטן אלטן צעריסענעם קאָץ. דערנאך האט זי אונטערגעשטעלט א באק, זיך געהייסן א קוש טון פון די קינדער, בשום־אופן זיך נישט געקענט אפרייסן פון זיי. אבער די מיידלעך האבן נישט געליטן די מאמע זאל צו זיי רעדן ווי צו פיצלעך קינדער, זיך געשעמט מיט אירע צערטלעכקייטן, וואס זענען איצט געווען מער צודרינגלעך ווי אלעמאל און אויסגעזען זייער נאריש. זיי האבן איר אויף דער שנעל א קוש געטון, אבי אפצוקומען:

— גיי שוין, מאמעליו... — האבן זיי זיך ביי איר געבעטן — לאז אונז שוין צו־רו...

איידער די פרוי האדעס איז זיך אליין געגאנגען לייגן, האט זיך זיך פריער אריינגעכאפט צו דער פרוי פאביאש, כדי צו זען וואס זי מאכט.

ר' זיינוול ראכמאן האט זיך נישט געקענט גיין לייגן, ס'האט אים אינגאנצן נישט געשלעפערט. ער האט נישט געקענט באנעמען מיטן שכל ווי ס'קען איצט וועמען שלעפערן. ער האט כסדר איצט געדענקט אין פאביאשן, ער איז אים נישט ארויס פון זכרון. ר' זיינוול האט עס יעדערן דערציילט און מען האט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. בלויז נאטאן האט זיך צו אים מיט איין אויער צוגעהערט, געשטאנען ווי אויף שפיל־קעס, געוואלט וויסן, צי אידע שלאפט שוין. שטארקער ווי אלע־מאל, האט ער זיך די היינטיקע נאכט ארומגעטראגן מיטן גע־

דאַנק צו געפינען אידען און צוצוגיין צו איר. מער טאָר ער זיך נישט האַלטן פון איר פונדערווייטנס. דער געדאַנק איז ביי אים אַלעמאָל אויפסניי געבוירן געוואָרן, אָנגענומען פעסטקייט, בלוט און פלייש און באַלד צוריק אויסגערונען, געוואָרן נישט, אויסגעזען ווילד־פרעמד און נישט מעגלעך אַדורכצופירן. ער האָט אָבער געפילט, אַז ווען ער וועט זי איצט געפינען, וועט ער שוין זיכער האָבן כוח גענוג אין זיך צוצוגיין צו איר און אָנהייבן צו איר צו רעדן.

אויך האָט אידע די דאָזיקע נאַכט זיך לאַנג אַליין אַרומ־געוואַגלט אויף דער שיף, געמיינט, אַז זי וועט זיך צופעליק אָנטרעפן מיט נאַטאַנען. זי האָט אים אין דער פינסטערנייש געזוכט, מיט מורא אַריינגעקוקט אין פרעמדע פנימער. ס׳האָט זי עפּעס אַרומגעכאַפּט אַזאַ בענקשאַפט נאָך אים, אַזאַ זאָרג און אַ מורא, וואָס האָט שווער געפרעסט, צוגעדריקט ווי מיט אַ גרויסער משא, אַז זי האָט דערשפירט אַ שטאַרקן ווייטיק און קוים געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן. קיינער איז איר מער נישט געבליבן ווי ער. דער ווייטיק האָט שווער געהויערט אויף איר, נישט געלאָזט זי צו רו, זי געפרעסן, געריסן פון איר לעבעדיקע שטיקער, אַז זי האָט זיך נישט געקענט מער איינהאַלטן און שטיל אַרויסגעשריגן:

— נאַטאַן...

אַרויסגעבערענגט דאָס וואָרט פון די ליפּן, האָט זי זיך אַליין דערפאַר דערשראָקן, געוואָלט עס שוין צוריקכאַפּן, אָבער קיינער האָט סיי־ווי נישט געהערט איר קול און קיינער האָט איר נישט געענטפערט. געענטפערט האָט איר בלויז דער ים, וואָס האָט זיך הילכיק און טיף־שוואַרץ אַ הייב געטון פון אָרט, אויסגעשטרעקט צו איר דעם מעבטיק־טונקעלן רוקן, חוזקדיק אַ לאַך געטון מיט שוים, ווי מיט ווייסע ציינער, ווילד אַ באַ־טאַפּ געטון מיט זיינע נאַסע שטאַרקע לאַפּעס די שיף, ווי ער וואָלט וועלן אויספּרוון ווי לאַנג זי וועט נאָך קענען אויס־האַלטן...

צווישן הימל און וואַסער

אַלעמאָל האָט זיך אידען אויסגעדאַכט, אַז נאַטאַן גייט פֿאַרביי איר דורך און זי איז אים נאָכגעלאָפֿן. אָבער אַלעמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט געהאַט אַ טעות. שטענדיק איז ער דאָ נאָענט פֿון איר, זי פֿילט אים לעבטן זיך, דעמאָלט אפֿילו ווען זי קוקט נישט אינגאַנצן אין זיין זייט אַריין. אָבער איצט, ווען זי וויל אים אויף אַן אמת זען, ווען די זאָרג וועגן אים איז ביי איר אַזוי גרויס, איז ער נישטאָ און ער הערט נישט איר קול, וואָס רופֿט אים.

די היינטיקע נאַכט האָבן זיך די יידן, פּונקט ווי אין די ערשטע צייטן פֿון דער נסיעה, פֿאַרקליבן איינער צום אַנדערן אין דער קאַבינע אַריין. און פּונקט ווי אין די ערשטע צייטן פֿון דער נסיעה האָבן זיי גערעדט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, זיך דערציילט וועגן אַלע מדינות, וווּ ס'איז זיי אויסגעקומען זיך צו וואַלגערן זינט זיי זענען פֿון דער היים אַנטלאָפֿן. איינער האָט געפֿילט אַ גרויסע נאָענטקייט צום אַנדערן, אַ קרובהשאַפֿט נישט אָפּצומעקן, אַ ליבע, וואָס האָט געשטראָמט פֿון טיפֿן האַרצן אַרויס. ס'איז צוריק געווען איין גרויסע משפּחה מיט די זעלבע זאָרגן און באַגערן...

ווי שטענדיק, איז דער ראש המדברים געווען ר' זיינוול ראָכמאַן. ער האָט אַריינגערופֿן צו זיך דעם וואַרשעווער דאָקטאָר, פֿעלדבוימען, נחן, זיי דערציילט, אַז פֿאַביאַש שטייט אים איצט אַזוי לעבעדיק פֿאַר די אויגן. דווקא פֿאַביאַש... כאָטש מען איז געווען זיכער, אַז ער זוכט שוין ווייטער עפּעס אַ קרבן, כדי צו דולן אים אַ קאָפּ מיט זיינע מעשיות, האָט מען זיך אָבער איצט זייער געגנוי צו אים צוגעהערט. און דער דאָקטאָר, וואָס האָט אַליין שטענדיק ליב געהאַט אַ סך צו רעדן, האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין מיט אַן אַלץ־ווייסעריש, פֿאַרשטענדיק, האַלב־עובר־בטלדיק שמייכעלע, ווי איינער זאָגט: כ'פֿאַרשטיי אַלץ, כ'פֿאַרשטיי... פֿון דעם האַלב־קלוגעטשקען און האַלב־עובר־בטלדיקן שמייכעלע איז ראָכמאַנען אַדורך אַ קעלט און ער האָט זיך דערפֿילט זייער פֿאַרלוירן. ער,

ראַכמאַן, וואָס איז אַ מענטש אַ בר־דעת, אַ מענטש, וואָס פּאַרלירט קיינמאָל נישט דעם קאָפּ, האָט איצט געפילט, אַז עס געשען ארום אים זאַכן, וואָס ער באַגרייפט נישט מיטן שכל, ווו זיין שכל דערגרייכט נישט מער. אין דער היים, ביי זיך אין שטעטל איז ער געווען אַ בורר, קינד און קייט האָט פּאַר אים דרך־ארץ געהאַט. ער איז געווען אַ רודף־שלום, מיט זיין רואיקן, געזעצטן שכל געפּרווט אויסגלייכן די שווערסטע סכסוכים, ס'זאָל קיינעם חלילה נישט געשען קיין ברעקל עוולה. אַ סך האָט מען אים נישט געדאַרפט בריידן, ער האָט באַלד געוווּסט יענעמס געדאַנקען, געטראָפן וואָס יענער גייט זאָגן, איידער יענער האָט נאָך דאָס מויל געעפנט. מיט די קינדער האָט ער זיך אַזוי לאַנג אַרומגערידט, ביז ער האָט איינגעזען, אַז זיי זענען גאָרנישט אַזוי קרום און זיי זענען אפשר גערעכט אויך, און ער האָט טיילמאָל געפּרווט אריינקוקן אין זייערע ביכלעך, כדי צו דערגיין זייער אמת...

כאָטש ר' זיינוויל ראַכמאַן האָט זיך געפּרווט איינרעדן, אַז אַלץ וועט נאָך מיטן אייבערשטנס הילף גוט זיין, האָט ער אָבער געפילט, אַז דער סוף איז נאָענט. קיין גוטס קען שוין נישט אַרויסקומען פון אַזאַ לאַנגן שלעפּן זיך אויפן ים, ווו די וואַסערן זענען נישט זיכער און ווו יעדע מינוט איז דאָס נפש איינגעשטעלט. עפּעס שלעכטס וועט געשען. ער האָט דאָס אָראָפּגעלייענט פון די אַלע פּנימער פון די יידן, וואָס האָבן זיך נאָך אַליין געפּרווט איינשמועסן, פּונקט ווי ער, אַז אַלץ איז נאָך פונדעסטוועגן נישט פאַרפאַלן. ער האָט געקוקט אַרום זיך און געזען אין דעם פינסטערלעכן ליכט בלאַסע פּנימער אָן אַ שום מראה און מיטאַמאָל האָט זיך אים גענומען אויסדוכטן, אַז דאָס זענען נישט קיין פּנימער מער פון לעבעדיקע מענטשן. נישט קיין לעבעדיקע מענטשן זיצן אַרום אים. אפילו ר' לייזער דעם שפּייז־קרעמערס קול, וואָס האָט געלערנט פון אַ ספר אַרויס, האָט געקלונגען פרעמד, ווי ס'וואָלט געקומען פון עפּעס אַן אַנדערער וועלט. ר' לייזער, וואָס איז שטענדיק געווען אַן עניו, גערעדט שטיל, האָט ביים לערנען געהאַט אַ זיכער קול און

דאָס זיכערע קול האָט איצט אויף יעדן אַנגעוואָרפן אַן אימה און אין דער זעלבער צייט צוגעגעבן כוח, אַז אַלע זענען שטיל געבליבן און זיך צו אים צוגעהערט...

בשעת ר' לייזער האָט דערפילט, אַז די יידן הערן זיך צו אים צו, האָט ער געלערנט נאָך מיט מער התמדה און זיין קול האָט געקלונגען נאָך זיכערער, צוגעגעבן בטחון. די יידן האָבן אים אַרומגערינגלט, זיך גאָרנישט געקענט אָפּרייסן פון אים.

ס'איז שוין געווען שטאַרק שפּעט. קיינעם האָט זיך נישט געגלוסט צו גיין שלאָפן, כאָטש יעדער האָט שוין געגאַרט צו ליגן אויפן אייגענעם געלעגער און שלאָפן, שלאָפן, אין אַלץ פאַרגעסן.

שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיך די יידן געקליבן צו גיין ליגן. ראָכמאַן איז אַריין צו זיך אין דער קאַבינע אַריין, זיך קוים געקענט דורכקריגן צווישן די שלאָפנדיקע גופים. ער האָט זיך אויסגעטון, ווי זיין טבע פּינקטלעך און גלייך אָוועקגעלייגט זיינע זאַכן לעבן זיך. אין די קאַבינעס איז געווען ענג. אַלעמאָל האָט זיך ווער אַנדערש פאַרטשעפּעט אָן עמעצנס אַ האַנט, אַ פוס, שיער נישט אַרויפגעטרעטן אויף וועמען. ס'האָט זיך גע־הערט אַ פייפן און אַ שנאָרכן און אַ שווערער, וואַרעמער, גע־זאַלצן־פייכטער ריח איז געשטאַנען אין חלל. אַ קינד האָט זיך אויפגעוועקט פון שלאָף און זיך הויך געריסן. עמעצער האָט פון שלאָף געשריגן, געררעדט עפּעס לאַנג, ווי ער וואָלט זיך מתוודה געווען, איבערגעגאַנגען אין אַ יאָמערלעך געוויין. מיט־אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קנאַל, וואָס האָט אַלץ פאַרטויבט. דער קנאַל איז געווען אַזוי מעכטיק און אַזוי מאוימדיק, ווי די וועלט וואָלט מיטאַמאָל אונטערגעגאַנגען.

אָבער די וועלט איז נישט אונטערגעגאַנגען. אונטערגעג־גאַנגען איז בלויז די אַלטע גריכישע פראַכט־שיף מיט די פּאַ־סאַזשירן און מיט דער מאַנשאַפט...

דאָס קנאַלן האָט נישט אויפגעהערט, זיך געשיט אַלעמאָל געדיכטער און שנעלער. דער ים האָט אַ שים־אויף געטון אין

צווישן הימל און וואסער

דער הויך צוזאמען מיט שטיקער האלץ, אייזן, וואס זענען זיך ווייט צעפלויגן, זיך צעשפרייט אין אלע זייטן. א פייער האט א שנייד אויף געטון די פינסטערניש, העל באלויכטן די נאכט ארום. פלוצים האט זיך דער קוימען הויך צעשריגן אין דער פינסטערער נאכט אריין, זיך אימהדיק געריסן, ווי ער וואלט גערופן הילף, מיט א דערווארגן קול געכארכלט, באלד אינגאנצן אפגעהאקט, ווי ס'וואלט אים ווער מיט געוואלט פארשטאפט דאס מויל...

פון אלע זייטן האט זיך דאס וואסער געשפארט צו דער שיף, וואס איז שטיל און אן א קרעכץ געזונקען. דאס פייער האט זיך געראנגלט מיטן וואסער, געשפרונגען פון איין ארט אויפן אנדערן, זיך באהאלטן און זיך באלד צוריק באוויזן, זיך העל צעפלאקערט, אויסגעשטרעקט דער נאכט אין פנים אריין עטלעכע לאכנדיק־רויטע צונגען מיטסאמאל, וואס האבן ווילד געטאנצט, זיך געקורטשעט, איינגעשרומפן געווארן און זיך באלד צוריק אויפגעוויקלט. א רויך האט זיך געדושעט, זיך געשטיקט, זיך צעוואקסן, ארומגענומען אלץ, ווי א גרויסער רויכערנדיקער בארג.

דאס וואסער האט זיך געגאסן — זיך געגאסן מיט א רעש און מיט כוח, גיך געלאפן ווי בעת א פארמעסט איבער ברעטער, איבער ווענט, איבער שטיקער אייזן, וואס זענען זיך צעפאלן, ווי ברוכווארג, זיך נאך קוים געהאלטן אויפן אויבערפלאך פונם ים. דאס וואסער האט זיך געגאסן מיט א גבורה און מיטן געקלאנג פון אייזן, פארטיליקט אלץ אויפן וועג, זיך אזוי געאיילט, ווי ס'וואלט וואס גיכער וועלן פון אלץ א תל מאכן. גאנצע ווענט מיט וואסער, ווי ווענט געגאסענע פון אייזן, פון שטאל, האבן זיך געהויבן העכער און העכער, איין וואנט איבער דער אנדערער, געפליקט און געריסן שטיקער לעבעדיק לייב פון דער מידער שיף, אזא גערילדער געמאכט, אז ס'האבן זיך אינגאנצן נישט געהערט די צוגעדושעטע מענטשלעכע קרעכצן און די געשרייען, וואס זענען געקומען

צווישן הימל און וואסער

ערגעץ פון דער טיף, פונם אינגעווייד פון דער שיף, ווי פון אַ פֿאַרשיטן קבר אַהוים. דער ים האָט נצחונדיק געשריגן, גע־היילט, געיובלט, זיך פאַרכליניעט פון גרויסער פרייד, ווי ער וואָלט דאָס געפּראַוועט אַזוי אַ ווילדע שיכורע שמחה. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער ים האָט זיך אַ ריר געטון פון זיינע ברעגעס...

פון דעם זעלבן מחבר:

„שטובן און גאַסן" — נאָוועלן;
ביבליאָטעק מארק ראַקאָווסקי, ווארשע, 1935.
(אויסגעשעפּט).

„דאָס נייע הויז" — נאָוועלן;
אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון פריינד
און פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק
„קדימה", מעלבורן, 1941.
(אויסגעשעפּט).

●

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

„אַ שטאָט אין פּוילן" — ראָמאַן.
ערשט בוך: צווישן צוויי מלחמות.

●

גרייט צום דרוק:

„קינגס קאָרנער" — נאָוועלן.

●

אין פאַרענדיקן:

„אַ יידישע גאַס" (נאַלעווקעס) — ראָמאַן.